STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01776

OYF DER GRENETS

L. Kurland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קורלאַנד

אויף דער גרענעץ

דערציילונגען

מיניאַטורן

2 2292

פאר דנה
גבריאלס שוועסטערן

דאַס בוך גייט אַרויס מיט דער
הילף פון חברת חמי טבריה, טבריה

לייב קורלאַנד

אויף דער גרענעץ

דערציילונגען
מיניאַטורן

פאַרלאַג י. ל. פרץ ישראל

תשל"ט — 1979

NOV 21 1983

L. KURLAND
OYF DER GRENETZ
(ON THE BORDER)
SHORT STORIES

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St. Tel-Aviv, Israel

ל. קורלאַנד
על הגבול
סיפורים ומיניאטורות

הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

הילע און צייכענונגען
פון משה כגן (קיבוץ שמיר)

Printed in Israel 1979

נדפס בישראל תשל״ט

דפוס „להב״ בע״מ, רח׳ המסגר 60, תל־אביב

אויף דער גרענעץ



אויף דער גרענעץ

א.

איר אמתער נאָמען איז געווען דבורה וויגדאָראָוויטש. אָבער זעלטן ווער האָט געוווסט דערוועגן. פון איר פאַמיליע־נאָמען איז שוין לאַנג געוואָרן אַבידורי, און פון איר נאָמען — להבה. פאַר וואָס להבה? ווייל אַלץ האָט געברענט אונטער אירע הענט. די אַלטע שכנים האָבן זי גערופן דבורה פייער, די סאַבּרעס האָבן איבערגעזעצט אויף דבורה אַש, דערנאָך — אַש־להבה, און געבליבן איז לסוף — להבה.

זי האָט געאַרבעט מיט אַזאַ פלינקייט, געניטקייט און פלייס, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט פאַרשפעטיקן, נישט אויסקומען מיטן טאָג, און ווי קיינער וואָלט עס נישט געקאָנט טאָן אַזוי גוט ווי זי. און אַזוי פון דער רגע ווען זי האָט באַטרעטן די ישראל־ערד.

זי האָט זיך אויפגעהויבן צוזאַמען מיט דער זון, אָפט נאָך פריער, און געלייגט זיך ווען די ליכטער זענען שוין לאַנג געווען אויסגעלאָשן אין אַלע הייזער. איידער גרשון, איר מאַן, האָט געהאַט אַפּגעוויקלט די רצועות און צוזאַמענגעלייגט דעם טלית, האָט זי שוין געהאַט אויסגערייניקט דעם שטאַל, אויסגעמעלקט די קי און אונטערגעגאָסן דעם גאָרטן. זי האָט געמוזט אַרבעטן אויך פאַר אים. ער איז צוריקגעקומען פון די לאַגערן אַ צעבראָכענער, אַ שלאַפער, און יעדער גרעסערער אָנשטרענג האָט געמאַכט ציטערן זיין האַרץ און פאַרקירצט זיין אָטעם. ער האָט גערדאַרפט אַ סך רו און נאָך מער פרישע לופט. דער אָפענער שטח אַרום, די באַרגלופט

פון דער געגנט, דער ריח פון די צעדער־ביימער פון יענער זייט גרענעץ און פון די עוקאַליפּטוס־וועלדלעך בשכנות האָבן אים גע־שטעלט אויף די פיס און געוועקט צום לעבן. ער איז אָבער פאַר־בליבן אַ חלוש. האָט ער געטאָן עפּעס איבער דער נאָרמע, זיין נאָרמע, איז ער אַוועקגעפאַלן אויף גאַנצע טעג.

אָבער ביי זיין פאַך האָט ער יאָ געקאָנט אַרבעטן און נישט אַזוי גיך מיד ווערן. ער איז געווען אַ מעכאַניקער. ער האָט זיך עס געלערנט קינדוויז ביי זיין פאָטער, דעם בלעכער, און דערנאָך אין געטאָ, אין אַ דייטשישן ווערקשטעל, און שפּעטער אין אַן אַמוניציע־פאַבריק אין לאַגער. אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַרריכטן, האָט ער געקענט פאַרריכטן. ער האָט געהאַט אַ קליינעם ווערקשטעל ביי זיך אין הויז, און תמיד געהאַלטן די כלים אין האַנט, געדרייט, גע־שרויפט געזעגט, אינסטאַלירט. צו דער ערד, צום גאָרטן, צום פערד, צו די קי און עופות האָט ער נישט געהאַט קיין חוש, קיין האַרץ. זיי האָבן אים נישט געצויגן, ווי עס ציט נישט אַ טייך באַרג־אַרויף צו. אַנדערש, אַז אַ וואַסעררער האָט ערגעץ געפּלאַצט, אַז אַ באַשפּריי־צער האָט נישט געאַרבעט ריכטיק, אַז אַ ווענטילאַטאָר האָט זיך שלעכט געדרייט, אַז אַ קוימען האָט געשאָסן מיט סאַזשע אָנשטאָט רויך, אַז אַן אויטאָ איז געבליבן שטיין אין מיטן וועג, אַז אַ טראַק־טאָר האָט זיך קוים באַוויגן — דעמאָלט איז ער קיין מאָל נישט געווען מיד. דעמאָלט האָט ער זיך תיכף באַוויזן מיטן קעסטעלע כלים, און נישט אַוועק ביז אַלץ האָט געקלאַפּט ווי ניי. מ׳האָט אים אָפט נישט באַדאַרפט רופן. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן חוש פון דערשנאָפּן, פון אויספילן פון אַ מהלך אַוועק אויב אַ מאַשין, אַן אינסטאַלאַציע, אַ מעכאַניק, פונקציאָנירט ריכטיק אָדער נישט. ער האָט אויך געוווסט פאָרויסצוזאָגן, איידער דער שאָדן ווערט גרויס, איידער מ׳וועט מער נישט קענען פאַרריכטן. נישט נאָר דאָ, נאָר אין אַלע שכנותדיקע ישובים און קיבוצים האָט ער אָנגעשפּאַרט מיט זיין קעסטעלע. גוטע און אַפילו דיפּלאָמירטע באַלמעלאָכעס האָבן

נישט באַוויזן דאָס וואָס ער. אַפילו מיליטערישע אויטאָס, פּאַנצערס און טאַנקען האָט ער אָפּט געוווּסט ווי זיך אַן עצה צו געבן מיט זיי, ווען עס איז עפּעס קאַליע געוואָרן. און געטאָן האָט ער עס נישט בכדי צו פאַרדינען דערביי. ביי די דייטשן האָט ער געלייגט די כוחות, געשפּיגן מיט בלוט, פאַר אַ טעפּל פאַרדימפּעצטע זופּ פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ, און האָט געמאַכט געווער און קוילן, וואָס האָבן געשאָסן שפּעטער אויף יידישע קינדער, אין יידישע לעבנס... נו, זאָל ער אָפּקומען פאַר די זינד. יידישע מאַשינען דאַרפן קלאַפּן, דאַרפן געבן וואָס מען פאַרלאַנגט פון זיי, און קיין תקלה דאַרף נישט אָפּהאַלטן יידישן אָנשטרענג, יידישע דערגרייכונגען, יידישן נצחון.

האָט דבורה געטראָגן אויף איר קאָפּ דעם גאַנצן משק, דאָס הויז, די קינדער, דאָס פעלד, די ערד, דעם גאָרטן, דעם שטאַל, די עופות, און די געשעפטן מיט תנובה, מיט אויפקויפערס, פאַרקויפערס, מעקלערס. ווען זי האָט געפילט, אַז גרשון האָט אַ גוטן טאָג, האָט זי אים געטריבן אין פעלד, צו רייסן אומקרויט, צו באַוואַסערן, צום ריסוס, באַשפּריצן די ביימער קעגן פּאַראַזיטן. און אויך די קינדער, ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסן, האָט זי פאַר יעדן געפונען אַרבעט, לויט זייערע כוחות. אַהיימקומענדיק פון דער שולע, האָט יעדעס קינד געוווּסט וואָס אַזוינס פאַלט אויס אויף זיין חלק צו טאָן, איידער עס זעצט זיך מאַכן די שוללעקציעס. און ווייל אַלץ האָט געקלאַפּט ביי איר, און אַלץ האָט געברענט אונטער אירע הענט, האָט מען זי גערופן דבורה פייער, און דערנאָך — להבה.

ב.

און געבליבן איז זי איינע אַליין ביי זיך אין הויז.

גרשון איז געגאַנגען פרייוויליק, מיטן קעסטל זיינעם, אונטערשטעלן אַ פּלייצע בעת די קאַמפן ביים פאַרנעמען דעם גולן. האָט

אויפגעריסן אַ באָמבע נעבן אים. שמעון, דער עלטערער זון, איז אין נגב. ער איז אַן אַוויאַציע־אינסטרוקטאָר. אים האָט געצויגן חיל־אַוויר, ווי זיין טאַטן האָבן געצויגן מאַשינען, שלאָסערייען, אינסטאַלאַציעס. מ׳דאַרף פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון דער הייך, טראָגן נקמה פון די הימלען — האָט ער געזאָגט. יידישע פילאָטן מוזן זיין די בעסטע אין דער וועלט... יחיעם, דער יינגערער זון, איז אין טכניון, אין חיפה. ער האָט שוין געענדיקט מאַשין־אינזשעניריע, און לערנט שוין מיט אַנדערע. ער קומט טייל מאָל, פרייטיק נאָך מיטאָג, צו דער מאַמען. ער העלפט איר אַרויס, פאַרריכט וואָס מען דאַרף פאַרריכטן, פאַרכאַפּט וואָס עס לאָזט זיך באַצייטנס פאַרכאַפּן. מוצאי־שבת פאַרלאָזט ער זי. זיינע הענט, ווי דעם טאַטנס, זענען נישט באַשאַפן געוואָרן צו ערדאַרבעט. האָט זי געמיינט, אַז צופיה, די איינציקע טאָכטער, וועט בלייבן מיט איר. גאַרן דאָך טעכטער גיכער צו דער מאַמען ווי זין. זי האָט יאָ געהאַט פלינקע הענט צום פעלד, צו דער ערד, צום שטאַל, צום משק. האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ מושבניק, אין נגב. זיינע עלטערן האָבן געגרינדעט און אַנטוויקלט דעם מושב, און איצטער, אויף דער עלטער, זענען זיי מער נישט בכוח אָנצוגיין מיט דער אַרבעט. מוז דער זון ממשיך זיין.

האָט זי געזאָגט:

— טאָכטערשי, ווי לאָזסטו מיך אַליין, ווי האָסטו אַ האַרץ?

— בלייבסט נישט אַליין, אמא. האָסט דיין הויז, דיין משק, און אַזעלכע גוטע שכנים, שכנות האָסטו. און שמעון און יחיעם זענען נאָך געבונדן מיט דער היים, זיי האָבן נאָך קיין ווייבער נישט...

— אמת, קיין ווייבער האָבן זיי נישט. אָבער חתונה געהאַט האָבן זיי שוין, און פאַרקנסט נאָך שטאַרקער ווי צו ווייבער...

— אפשר קומסטו מיט מיר אין מושב, אמא? — האָט צופיה געבעטן — עס וועט דיר גוט זיין דאָרטן. וועסט פאַרקויפן דיין הויז, דעם משק. מ׳וועט דיר אויסבויען אַ הייזל אין שכנות.

— רעדסט שטותים, קינד מיינס, אַוועקגיין פון הויז, פון משק, וואָס כ׳האָב מיט אייגענע הענט געבויט, געשאַפן, געלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל, אַ שטיינדל צו אַ שטיינדל, מיט אייגענע הענט געגראָבן, געפלאַנצט... אָט ערשט די זונבלומען געמאַכט פּאָר לייט, נאָך אַזוי פיל מי... געראַנגלט זיך מיט ווינטן, היצן, כאַמסינען... מיט שונאים, באַנדיטן, רויבער, טעראָריסטן... און דעם טאַטנס קבר איבערלאָזן אויף הפקר... וואָס וועט דער טאַטע זאָגן, מיין גרשון, איינער אַליין דאָ... קינד מיינס, ווו איז דיין האַרץ?

— איך האָב דיך נישט וויניקער ליב, אמא, גלייב מיר. אָבער מיין האַרץ געהערט צו דניאלן. ליבע צווישן יונגע מענטשן, אמא, איז עפּעס אַנדערש.

— וואָס אַן אמת, האָב איך נישט חתונה געהאַט פון ליבע. מיר האָבן זיך באַקענט, ווי דו ווייסט, אין לאַגער, אין ציפּערן. מיר זע־נען זיך געפעלן. און שוין... ליבע איז ערשט געקומען אַ סך שפּע־טער... די אַנהייב־ליבע איז נישט תמיד די צייטיקסטע און דויערנ־דיקסטע... עס איז אַזוי אויך מיט דער ליבע צום מקום, צו דער אַרבעט, צו דער סביבה, צום ביסל אייגנס... דאָס הייסט נישט, קינד מיינס, אַז איך ווינטש דיר נישט פון גאַנצן האַרצן, אַז דיין ליבע זאָל זיין מעכטיק פון אָנהייב ביזן סוף און באַשטענדיק...

ווען צופיה איז אַוועק, האָט זי איר מיטגעגעבן דאָס פערד, צוויי קי, און געבליבן איז זי בלויז ביי דער „דזשינדזשי״ און עטלעכע שטייגן מיט הינער. דאָס שטיק ערד, לענגאויס דער גרענעץ־צוים, רעכטס פון איר הויז, האָט זי פאַרקויפט צו קרן־קימת, און איינגע־טיילט גראָדע חלקים צווישן די זין.

ג.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען להבה האָט באַוואָסערט די זונ־בלומען, וואָס האָבן זיך צו ביסלעך געוועקט און גענומען ציען

זייערע קעפּ צו די ערשטע שטראַלן — האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ טויבער אָפּהילך פון אַן אויפרייס, פון יענער זייט גרענעץ. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ, אויס מורא פאַר נייע אויפרייסן און שפּליטערס, וואָס קאָנען דערגיין ביז אַהערצו. עס האָבן זיך געהערט נאָך אָפּהילכן, ווייטע און נאָענטע. איינער — גאָר נאָענט, ווייל ער האָט אָנגעיאָגט אַ ווינט, צעקלונגען די דראָ־טענע צוים און צעציטערט די ווירעס שטעכדראָט, וואָס איבער איר. זי האָט געהערט גיכע טריט פון געזונטע חיילים־פיס הינטער איר און קורצע אָפּיצירישע באַפעל־זילבן.

זי האָט זיך אויפגעזעצט. זי האָט באַמערקט די הויכע גע־שטאַלט פון ניי־צוגעטיילטן רב־סרן, דעם קאָמענדאַנט פון דער גרענעץ־אָפּטיילונג.

— המחבלים יורים בנוצרים, די טעראָריסטן שיסן אויף די קריסטן — האָט ער געזאָגט. — דער ברידערקריג גייט ווייטער אָן. חיש מ—הר, חיש מ—הר, איילט זיך, חברה, צו די אָבסערוויר־פּאָזיציעס, צו די שיס־פּאָזיציעס, חיש מהר!

חיילים, צו צוויי, צו דריי, זענען געלאָפן צו די פּאָזיציעס, גע־ריבן די אויגן און געהאַט טענות, הלמאַי דער ברידערקריג האָט זיך באַנייט איידער זיי האָבן זיך רעכט אויסגעשלאָפן.

עס האָבן זיך געזען פונקען פון דער ווייטנס, אויף די רוקנס פון דער אָקעגנאיבערדיקער באַרגקייט. זיי האָבן זיך ערטערווייז פאַרוואַנדלט אין דריבנע פלאַמצינגלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן אַקעגן דער זון, ווי די קרוינבלעטלעך פון די זונבלומען. דאָס ברע־נען איבערגעטריקנטע קוסטעס און צעדער־צווייגן, קרבנות פון די אויפרייסן.

פּלוצעם האָט זי באַמערקט ווי עס נעמט כוואַליען דאָס הויכע גראָז פונעם נאָענטן באַרגאָפּהאַנג, און אַ גרויסע קנויל קייקלט זיך אַהערצו מיט דער שנעלקייט פון אַ באַלעם, געשליידערט מיט אַ מעכטיקער האַנט. זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ פאַרבלאָנדזשע־

טער גראַנאַט, אָדער אַן אויפרייסנדיקע צייטבאָמבע, געשיקט דורכן שונא צו זייען חורבן. אָבער, נאָענטער צו דער צוים, האָט זי באַ־מערקט, אַז עס איז אַ לעבעדיקע קנויל, וואָס ווארפט זיך, און האָט אַ קאָפּ פון אַ חיה. אפשר אַ האָז, וואָס האָט זיך דערשראָקן, אָדער געטראָפן געוואָרן דורך אַ קויל? אפשר אַ הונט, וואָס איז פּלוצעם משוגע געוואָרן פון דער שיסעריי? אין דעם האָט זי געהערט אַ מין יסורימדיק געביל, און דערזען אַ הונט, וואָס קריכט אַרויס פונעם גראָז און לויפט מיטן אָפּגעדעקטן שטח, גלייך צו דער צוים. די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט, און די צונג, ווי אַ פאַרקלעמטער זונפלעק צווישן וואָלקנס, ערב־שטורעם, האָט געפלאַטערט צווישן געדיכט־צעשוימטע מוילהעלפטן. זוכנדיק אַ וועג אַריבערצובאַקומען זיך אויף דער זייט, האָט ער גענומען זיך אונטערגראָבן, רייסן די ערד אונטער דער צוים. ווען זיין הינטערחלק איז געווען שוין אויף דער זייט, האָט ער זיך פּלוצעם אַ וואַקל געטאָן, אַרויסגעלאָזן עט־לעכע אָפּגעריסענע בילזילבן, און געבליבן ליגן אויף אַ זייט, ווי אָן לעבן.

להבה איז צוגעלאָפן צו אים. ער האָט געטראָגן אויף זיך סימנים פון רייסווונדן, שניַרלער פאַרגליווערט בלוט, באַשעדיקטע שטיקער פעל אויפן רוקן, אויפן שטערן. ער האָט געהאַלטן די צונג ווי פאַרקלעמט צווישן די ציין, און דורך דינע שפּאַרונעס האָבן זיך געריסן אָפּגעהאַקטע ברעקלער אָטעם, באַגלייט מיט זעלטענע ביל־זיפצן, ווי פון אַ ברונעמדיקן, יענערוועלטיקן תהום.

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, צוגערירט זיך צו אים, און געפילט, אַז ער איז וואַרעם. ער האָט אַהערגעדרייט צו איר דעם קאָפּ, גע־עפנט די אויגן, און געווען איז אין זיי אַזוי פיל צער און ווייטיק ווי פיל לעבצונג און געבעט. זי האָט אים אונטערגעהויבן. ער איז גע־ווען לייכט, בלויז הויט און ביינער. זעט זיך אויס, אַז ער האָט שוין לאַנג נישט דערעסן. זעט זיך אויס, אַז ער איז פאַרווונדעט גע־וואָרן בעת די דאָרטיקע ברידער־קאַמפן, באַשעדיקט געוואָרן ער־

געץ אין קאָפּ, און אַ צעטומלטער גענומען לויפן, ווי אַ נישט גוטער באַרג־אַראָפּ און אַ דערשעפּטער פונעם דורכרייסן זיך אונטער דער צוים, געפאַלן פון די כוחות.

זי האָט אים אַריינגעטראָגן צו זיך, אַוועקגעלייגט אויפן בעט, צוגעדעקט, און גענומען גרייטן וואַרעם וואַסער צו רייניקן זיינע ווונדן. זי האָט געפונען אַ דעזינפעקציע־מיטל קעגן ווונדן, איינגענעצט אַ שטיקל וואַטע און באַשמירט די באַשעדיקטע ערטער. די שאַרפקייט פונעם מיטל האָט דעם הונט אויפגעטרייסלט. ער האָט געעפנט ברייט דאָס מויל, אַריינגעצויגן די צעביסענע צונג, אַרויסגעלאָזן געדיכט־צעשוימטע בלוט־בלעזלעך, און געקוקט אויף איר מיט אויגן פאַרגלאָצטע, פאַרלאָפן מיט בלוטטראָפּנס און חידוש. זי האָט אונטערגעזיפצט יעדעס מאָל, ווען די וואַטע האָט זיך דערנענטערט צו אַ ווונד און געגלעט די געזונטע טיילן פון דער פעל מיט דער צווייטער האַנט. שפּעטער האָט זי אים אַרומגעוואַשן, באַפרייט פון קויט, שמוץ, אומפלייט. זי האָט געפילט ווי עס דערהיצט זיך זיין דאַרע הויט און אַ ציטער פון הנאה צעגייט זיך איבער אַלע זיינע גלידער. זיין לאַנגער האַלדז האָט זיך געצויגן צו איר, ווי די זונבלומען מיט דאַנק צו פרימאָרגן־שטראַלן, און ווי עס ציט אַ דורשטיקע חיה צו דער קאַריטע.

זי האָט צוגעגרייט אַ הייסן טעלער מילך, פאַרבראָקט מיט ברעקלעך חלה, און דערלאַנגט. ער האָט איינגעטונקען זיין צונג אין טעלער, געלעקט די מילך, נישט צוגערירט זיך מיט די ליפּן, נישט וועלנדיק אַרויסרופן אַ ווייטיק און אפשר מיט אַ כוונה, כדי דאָס פאַרגעניגן זאָל וואָס לענגער דויערן. זי האָט גערעדט צו אים, געגלעט, געבעטן ער זאָל טרינקען; עס וועט אים גוט מאַכן, געבן כוחות, אַריינזעצן אַ שטיק געזונט. זי איז געווען צופרידן וואָס עס קומט אָפּ צו ביסלעך פונעם טעלער, און אַז אָט וועט זיך אַרויסזען דער ליידיקער באָדעם. זי האָט געטראַכט, אַז צו מיטאָג וועט זי אים דערלאַנגען הינערזופּ, וואָס איז געבליבן פון שבת, און געבן

אים אַ צעריבן בייליקל. ביינער וועט זי אים ערשט געבן אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום, ווען זיין צונג און די ליפּן וועלן זיין פאַרהיילט.

זי האָט געטראַכט, אויב ער וועט נישט קומען גענוג גיך צו זיך, אויב די ווונדן וועלן זיך נישט פאַרהיילן אַזוי גיך, וועט זי רופן דעם וועטערינאַר פון צפת, וואָס פלעגט טייל מאָל קומען צום פערד, צו אירע קי, און בפרט צו דער „דזשינדזשי", וואָס פלעגט יונגערהייט אָפט אונטערקרענקען. ער האָט זי אָבער אַרויסגעפירט אויף אַ גוטן וועג, אַז זי האָט געשלאָגן אַלע קי אין דער געגנט מיט די צאָל ליטערס און מיט דער סמעטענע, וואָס אין איר מילך. מסתמא קען ער זיך גוט אויס, דער וועטערינאַר, אויך אויף הינט. זי וועט אים רופן. עס איז אַזאַ צער בעלי־חיים, נעבעך.

ד.

זי האָט זיך נישט געניטיקט אין וועטערינאַר. דעם דריטן טאָג איז דער הונט געשטאַנען גוט אויף די פיס. דעם פינפטן טאָג איז ער אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב און געפּלאָנטערט זיך צווישן אירע פיס. אַ וואָך שפּעטער האָט ער זיך שוין געיאָגט נאָך די הי־נער אין דרויסן, געטריבן זיי אין אָוונט אין די שטייגן, געבילט צו די קראָען אויפן שטעכדראָט, און פאַריאָגט די פייגל, וואָס קומען פּיקן סעמעטשקעס פון די רייפע זונבלומען.

זיין נאָמען האָט זי נישט געקענט. ער האָט נישט געטראָגן קיין האַלדזבאַנד מיט אַ נאָמענבלעכל. געוועזן עפּעס אַ מיסטעריעזער טינטסטעמפּל איבער זיין רעכטן אויבערשענקל, פון הינטן, אָבער זי האָט נישט געוווּסט וואָס דאָס באַדייט.

האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן בלעם. דער הונט האָט איר דערמאָנט אין איר אייגענעם הונט אַ מאָל, אין שטעטל, וואָס האָט אַזוי געהייסן. זי האָט געפונען אַן ענלעכקייט צווישן ביידן. אויך יענער האָט געהאַט אַזעלכע אַרויסשטייענדיקע אויגן, אויפגע־

שטעלטע אויערן, אַ ברוינע פעל מיט רויטלעכע פלעק־איינגדזועלער ערטערווייז. דער עק ביי יענעם איז געווען לענגער, האַריקער און פאַרקראָכן צווישן די פיס. ביי דעם איז ער קירצער און פאַרריסן אַרויפצו. יענער איז געווען גרעסער, שווערער און די פעלהאָר זענען ביי אים געווען דיקער, הויפיקער, אָבער דאָס געשטעל פון פנים און מויל האָט געכאַפּט אַ בולטע ענלעכקייט. יענער איז גע־ ווען אַ הונט אַ היטער, אַ שומר, אַ געטרייער. ער האָט געשיצט זייער הויז, די משפחה, קעגן שקצים, כוליגאַנעס, קעגן בייזע און נישט־פאַרגינערישע גויִים. ווען די דייטשן זענען געקומען נעמען, טרייבן צום טויטפלאַץ, האָט ער זיך אויף זיי געוואָרפן, צעריסן זייערע לייבער. זיי האָבן אים דערשאָסן צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער... נו, וועט זי אים אויך רופן בלעם, אַ נאָ־ מען וואָס איז איר אַזוי נאָענט, אַזוי אייגן, אַזוי היימיש, און דער־ מאָנט אַזוי פיל...

צוויי שכנות, מרים, די קעשענעווער, און אָלגאַ, די עולה חדשה פון אָדעס, וואָס האָבן געהאַט זייערע הייזלעך נעבן דער צוים, אַ פּאָר צענדליק שפּאַן פון להבהן, האָבן זיך צונויפגערעדט זי צו באַזוכן שבת פאַר מיטאָג, און כאַפּן אַ שמועס וועגן הונט.

להבה האָט זיי אויפגענומען מיט הנאה. בלעם אויך.

— שבת שלום. קומט אַריין האַרציקע שכנטעס, זעצט זיך צו, באַלד וועל איך מאַכן אַ טעפל קאַפּע.

— שבת שלום, להבה.

— שבת שלום, לאַגאַווא.

דער הונט האָט געקוקט אויף זיי פריינדלעך, ווי אויף אַלטע באַקאַנטע, און זיך געוווּנדערט, וואָס יעדע זאָגט אַרויס אַנדערש דעם נאָמען פון זיין האַרינטע. ער האָט אַ כראַקע געטאָן, ווי איי־ נער וואָס רייניקט זיין קול, און אַריינגעצויגן אַ פול מויל מיט לופט, מיט אַ קוויטש.

— בלעם זאָגט אייך שבת שלום, אויף זיין אופן — האָט להבה געזאָגט אַ צופרידענע און אָנגעוויזן אויף צוויי שטולן נעבן טיש.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט. להבה האָט געבראַכט קאַפע און קוכן.

— זייט מוחל. דאָס איז אַלץ, וואָס עס איז מיר געבליבן פונעם שבתדיקן קוכן. איך האָב אַ קעסטקינד — האָט זי אָנגעוויזן אויפן הונט — ער האָט שטאַרק ליב יידישן קוכן מיט ברעזעלער. דאָרטן — האָט זי אויסגעשטרעקט אַ פינגער צו יענער זייט גרענעץ — האָט מען אים געקאָרמעט מיט קדחת.

אַלע דריי האָבן זיך הילכיק צעלאַכט, בלעם האָט אונטערגעבילט נחתדיק, אָנשטאָט געלעכטער.

אָלגאַ האָט געזאָגט, אַז זי האָט נישט פיינט קיין הינט, אָבער זי האָט בעסער ליב אַ קעצל. אַ הונט דאַרף אַ מענטש...

— און אַ מענטש דאַרף אַ הונט — האָט להבה איבערגעריסן.

— כ'וויל זאָגן — האָט אָלגאַ צוגעגעבן — אַ מענטש, וואָס זאָל זיך אים ווידמען אין גאַנצן... אין דיין פאַל, לאַגאַוואַ, איז עס גאָר לייכט צו פאַרשטיין.

— און איך האָב דווקא ליב הינט — האָט געזאָגט מרים — אָבער אַ הונט איז טאַקע, ווי דו זאָגסט, להבה, אַ קעסטקינד, וואָס קאָסט טייער... און עס סטייעט נישט סיי פאַר אַ הונט און סיי פאַר מוסטאַפאַן...

— יאָ, וואָס מאַכט ער עפּעס דיין מוסטאַפאַ? — האָט גע־פרעגט להבה — מ'זעט אים לעצטנס אַזוי ווייניק.

— אַז דאָרטן איז אומרויִק, אַז זיי הרגענען זיך אויס, רודפן זיך קעגנזייטיק, קאָן ער נישט קומען; די וועגן זענען נישט זיכער. אַגב, האָב איך אים געגנוג איין מאָל, העכסטנס צוויי אַ וואָך... די לשכת־העבודה האָט מיר אים צוגעשיקט, ער זאָל האָבן גוט אָפּצו־עסן און זיך צופאַרדינען. ער האָט צען קינדער, וואָס גייען אויס

פון הונגער, און אַ פרוי אַ קראַנקע, וואָס ער וויל ברענגען קיין צפת אין שפּיטאָל.

— אַ צער בעלי־חיים — האָט להבה אונטערגעזיפצט.

— מען קאָן וויסן וואָס ביי זיי שטעקט אין בויך? — האָט אַלגאַ געפרעגט מיט איראָניע. — די בעסטע פריינד אונדזערע אין אַדעס, מיט וועלכע אָסיפ, מיין מאַן, האָט זיך געקושט און גע־האַלדזט און געשיכורט און געווען מיט זיי אין דער זעלבער קאָ־מוניסטישער יאַטשייקע, האָבן אים געמסרט ווי דעם ערגסטן שונא פון פּאָטערלאַנד, ווי נאָר ער האָט געבעטן אַן עליה־דערלוי־בעניש. דאָס האָט אים געקאָסט זעקס יאָר תפיסה... מען קאָן דען זיי גלייבן, די רוסן, די אַראַבער?

— מוסטאַפאַ איז נישט ווי אַלע אַנדערע אַראַבער — האָט מרים אויפגעקלערט — ער טראָגט אַ גרויסן צלם אַרום האַלדז. ער איז אַן אַראַבער — אַ קריסט.

— וואָס הייסט? — האָט געפרעגט אַלגאַ — אַן אַראַבער איז אַן אַראַבער, ניין?

— ניין — האָט מרים איר געגעבן צו פאַרשטיין — די אַראַ־בער־מוזולמענער האָבן נאָך מער פיינט אַראַבער־קריסטן, ווי זיי האָבן פיינט יידן.

— נישטאָ ווי צו געבוירן ווערן אַ ייד — האָט להבה זיך אַריינ־געמישט. — אַ ייד איז תמיד ייד. אַ ייד קאָן נישט זיין אַ ייד אַ קריסט, אַ ייד אַ מוזולמענער, אַ ייד — אַ טאָטער...

— ער זאָגט, — האָט מרים אים פאַרטיידיקט — אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַן אַראַבער אַ ייד, ווי אַן אַראַבער אַ מוזול־מענער..

— נאָך דאָס פעלט אונדז — האָט להבה אויסגערופן — אַן אַראַבער אַ ייד! נאָך ווייניק וואָס מיר האָבן יידן פון די אַראַבישע לענדער, דאַרף מען נאָך אַראַבער־יידן... אַן אַנשיקעניש, כ׳לעבן.

בלעם איז אַרויף אויף להבהס שויס און געקוקט איר אין די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן פרעגן וועגן וואָס דאָ איז אייגנטלעך די רייד. ער האָט זיך געלאַנגווייליקט. געגענעצט. אַלגאַ האָט אַרויס־גענומען אַ ציגאַרעט, אָנגעצונדן, פאַרצויגן. דער הונט האָט זיך צענאָסן און פּראָטעסטירט קעגן רויך, אונטערבילנדיק.

— שבת שלום, ספּאַסיבאָ — האָט אַלגאַ געזאָגט און געטריבן דעם רויך פון פּנים.

— יאָ — האָט מרים געפרעגט אַוועקגייענדיק — וואָס הערט זיך ביי די קינדער, וואָס?

— אָט, ווי ביי קינדער. דו ווייסט דאָך אַליין, היינטיקע קינדער, מרים.

אַלגאַ האָט געשוויגן. זי האָט להבהס קינדער כמעט ווי נישט געקענט. און קיין אייגענע נישט געהאַט.

ה.

גיך האָט בלעם אָפּגעדאַנקט זיין האַרינטע פאַר איר גוטסקייט.

איידער די גרענעץ־היטערס האָבן אַנטפּלעקט עפּעס פאַרדעכ־טיקטס, איידער די מיליטערישע אויסשפּירערס האָבן געאַנט וועגן אַ לויערנדיקער סכּנה, האָט בלעם זיך פּלוצעם צעבילט אין מיטן נאַכט, און געריסן זיך צו דער טיר, ווי ער וואָלט וועלן זיך וואַרפן אויף אַ שונא, וואָס דערנענטערט זיך.

זיין בילן האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו פאַרדעכ־טיקע שאָטנס ביים ראַנד פון עוקאַליפּטוס־וועלדל, אויפן באַרגאָפּ־האַנג און אינעם הויכן גראָז, וואָס צופּוסנס און ציט זיך ביזן אָפּגעדעקטן שטח אַקעגנאיבער איר הייזל.

עס האָט זיך צעפּיפּן די אַלאַרם־סירענע.

להבה האָט זיך גיך אָנגעטאָן, גענומען איר עוזי און אַרויס אין

דער פינצטערער נאַכט. בלעם איז געלאָפן פאָרויס, געדראַפּעט זיך מיט געביל אויף אַ געדיכטן פלאַנטער פון שטעכדראָט, און זעענדיק, אַז ער קאָן נישט אַדורך, גענומען אונטערגראָבן זיך אונטער דער צוים. זי האָט אים צוריקגעצויגן.

שאָטנס האָבן זיך געשאַרט צו די מיקלטים. פּיצעלער קינדער האָבן אַריינגעוויינט אינעם ציטערדיקן בוזעם פון זייערע מאַמעס. הינער האָבן זיך געוועקט אין די שטייגן און געוואַרט מיט הכנעה אויפן האָן, מיינענדיק אַז עס טאָגט שוין. העגער האָבן געמאַכט אַ רעש מיט די פליגל און אונטערגעקרייט ווי פון חלום. חיילים זענען געלאָפן צו זייערע פּאָזיציעס, פאָרמירט פּאַטראָל־גרופּן. די ציוויליע היטערס האָבן זיך גענומען דרייען מיט געווער אַרום די פאָרויס־באַשטימטע פלעצער און בנינים.

רעפלעקטאָרן האָבן גענומען וואַרפן סנאָפּעס ליכט אויף די אַרומיקע בערג, פעלדזן, וועלדלער, ביימער, קוסטעס, גראָזן. עס האָבן זיך געהערט שיסערייען. אַ העליקאָפּטער האָט זיך פּלוצעם צערעשט און צעצונדן, אַרויסגעריסן שטיקער שטח פון חשבותדיקן סוד. בלעם האָט אים באַגלייט מיט גלאַנציקע און אויסגעגלאָצטע אויגן. מיט איין מאָל האָט ער זיך געלאָזט לויפן ווי אַ ווילדער, און גענומען בילן צו אַ שאָטן, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אַ שטאָם פון אַ יונגן צעדערבוים. עס האָט זיך דערהערט אַ סאַלווע פון מאַשינ־געווער, אין דער ריכטונג פון שאָטן, און תיכף אויפרייס־אָפּהילכן, וואָס אַ מאָל הילכיקערע קנאַלן, ווי אַ שטורעם־געדונער, באַגלייט מיט בליצן און פלאַמען.

— דאָס האָט זיכער אויפגעריסן אַ טעראָריסטן־גרופּע צוזאַמען מיט זייערע גראַנאַטן, קוילן און אויפרייס־מאַטעריאַל. אָדער גאָר אַ קאַטיושאַ־פּאָזיציע, וואָס איז געווען גרייט אויסצושיסן — האָט להבה געהערט ווי דער קאָמענדאַנט קאָמענטירט דעם אויפרייס פאַר עטלעכע חיילים.

בלעם האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו די רייד. ער האָט געדרייט מיט זיין עק, וואָס איז געווען איצט נאָך מער פּאַרריסן ווי תמיד, געפּלאָנטערט זיך אין דער ליכטפּאַסטקע פון אָפּיצירס רעפלעקטאָר־לאָמפּ, אונטערבילנדיק קונדסיש, צו־פרידן פון זייןביישטייער צום דערפּאָלג.

— ווי רופט מען דעם הונט? — האָט ער געפרעגט. — פון וואַנען קומט ער?

להבה האָט געענטפערט אויף זיינע פראַגן.

— ער איז זיכער אַן אויסשפּירהונט — האָט ער געזאָגט. — ער האָט געלעבט צווישן זיי דאָרטן אַ לאַנגע צייט. זיי טיילן אויס אַ ספּעציעלן ריח, די טעראָריסטן. זיי לעבן אין פעלד, אין באַהעל־טענישן און עסן אַריין אין זיך שאַרפע, קאָנסערווירטע מאכלים, געראויכערטע וורשטן, אַזוי, אַז אַ געניטער הונט קאָן דאָס דער־שנאַפּן פון גאָר, גאָר ווייט.

ס׳איז געוואָרן שטיל. דער העליקאָפּטער איז פאַרשוווּנדן. מען האָט געערופן אַרויסצוגיין פון די מיקלטים. מ׳דאַרף זיך אויסשלאָפן. מאָרגן וואַרט אַן אַרבעטסטאָג.

להבה איז געגאַנגען צו זיך. בלעם האָט זיך געדרייט אַרום אירע פיס און באַשווערט איר גאַנג. ער האָט אונטערגעבילט מיט אַ דינעם קול פון הנאה, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ געלעכטער פון אַ זויגקינד, וואָס הייבט ערשט אָן צו לאַכן. זי האָט זיך צוריקגע־לייגט. דער הונט, וואָס שלאָפט תמיד אויף זיין געלעגער אין קיר, איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן בעט, געלייגט זיך צופוסנס. זי האָט אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך, נאָענטער צום פּנים, האָט אים אַרומגע־נומען. ער האָט געלעקט אירע צעאַרבעטע הענט, איר צעאַקערט פּנים מיט זיין פייכטער צונג. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַרויפגע־צויגן אַ שטיק קאָלדרע אויף אים, עס זאָל אים זיין וואַרעם, און צוגעטוליעט זיך צו זיין פעל.

ו.

זי איז געשלאָפֿן לענגער ווי תמיד. די זון, וואָס האָט פֿאַר־פֿלייצט איר רחבותדיקן גאַנעק, איז קוים אַריבער די שוועל פֿון די ענגע שפּאַלטן אינעם לאָדן. בלעם האָט געאָטעמט הויך און פֿאַר־שטעלט מיט זיין געברום דעם וועג פֿאַרן דרויסנדיקן רעש. ער האָט אויסגעטיילט אַ ווארעמקייט, וואָס האָט געטריבן דעם פרימאָרגן פֿון אירע אינגעווייד און אָנגעפֿילט זיי מיט פֿוילקייט, מיט באַנייטן שלאָף.

בלעם, יענער, אינעם שטעטל, איז אויך געווען אַזאַ גוטער, אַזאַ ליבער, אַזאַ געטרייער. ער איז געווען נאָך יונג, ווען ער איז געקומען צו זיי אין שטוב. געקומען צופֿעליק, ווי ער וואָלט פֿאַר־לוירן זיין וועג, זיין האַר. ער איז געווען צוערשט אַ בייזער, אַ וויל־דער, און נאָר געבילט, נאָר געביסן. ער האָט צעשעדיקט די פּאָטעלן, די טעפּיכער, די גאַרדינען. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ הונט אַ רשע. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט. אַהרן, דער בכור, האָט געזאָגט, אַז די גויים האָבן אים געשיקט מיט אַ כוונה, אַז ער זאָל אונדז צעבייסן. דער טאַטע האָט אים עטלעכע מאָל געוואָלט פּטרן. ער האָט אים אַוועקגעגעבן דעם פּויער, וואָס ברענגט אין שטוב אַריין הינער און אייער, יעדן פֿרייטיק. אָבער דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך ווידער באַוויזן. אויף דעם קוימענקע־רער, וואָס קומט פֿון גאָר ווייט, האָט דער טאַטע געבעטן, אַז ער זאָל אים נעמען, אים אַוועקגעבן דעם וואַלדהיטער, אַריינשטופּנ־דיק אים אין האַנט אַריין אַ שיינע מטבע פֿאַר דער טרחה. איז נישט אַדורך אַ טאָג, און ער איז געווען צוריק.

— אַוודאי — האָט געזאָגט זיסל, די עלטערע שוועסטער — אַ יידישער טיש, שיריים פֿון שבתדיקע מאכלים, פּוטער־קוכן מיט ברעזעלעך און חלה שמעקן אים בעסער ווי פּאָסטנע קאַרטאָפֿל און ראַזאָווע ברויט.

— און דעם טאַטנס זמירות, דער מאַמעס צאינה־וראינה, זע־

נען אַנגענומען צו זײַנע אויערן — האָט געזאָגט דער פעטער מיכאל, דער אַלטער בחור, וואָס איז געווען אַ שטוב־אײַנגייער — ווי די געוואַלדן און די קללות ביים גייעס.

און ווי ער וואָלט זיך געשראָקן, אַז מ׳זאָל אים ווידער נישט אַוועקשיקן, איז ער פּלוצעם געוואָרן אַן אַנדערער. אַזוי ווי ער איז געווען פריער אַ ווילדער, אַ כעסן, אַ בייסער, אַזוי איז ער מיט אַ מאָל געוואָרן מילד, געלאַסן און צוגעלאָזן. ער האָט געהיט די שטוב, נישט צוגעלאָזן קיין פרעמדן. און, ווען גנבים האָבן זיך אין מיטן דער נאַכט געוואָלט אַרײַנרײַסן אין מענדל גאָלדשמידס קרעמל מיט זייגערלעך און צירונג, האָט ער זיך אַזוי מאַווימדיק צעבילט, אַז מ׳האָט געמיינט אַז עס גייט אַ פּאָגראָם אויפן שטעטל.

דער טאַטע האָט אים דעמאָלט אַ נאָמען געגעבן — בלעם. אַזוי ווי דער מואבער נביא, וואָס איז געשיקט געוואָרן שעלטן יידן, און ער האָט זיי גאָר געבענטשט, אַזוי איז מיטן הונט — געקומען אַ ווילדע חיה, אַ בייז אַנשיקעניש, און געוואָרן גאָר אַ ברכה...

ער האָט זיך גאַנץ באַזונדערס צוגעבונדן צו איר, צו דבורהן. ער האָט זי באַגלייט אין שולע, וואָס אין גויִשן טייל פון שטעטל, און געוואַרט פאַרן טויער, ווען די לעקציעס האָבן זיך געענדיקט. ער האָט מער ווי איינעם פון אירע שול־חברים אָדער סתם יונגע־לייט, וואָס זענען נישט געווען קאָרעקט לגבי איר, געלערנט דרך ארץ, צעריסן ביי זיי די בגדים, אָדער געלאָזן סימנים פון זײַנע ציין אינעם לייב. האָט עמעץ געוואָרפן אַ שטיין אויף איר, אָדער אַ שנײי־באַלעם, איז אים נישט געווען מקנא צו זיין.

אויך דעמאָלט, ווען זי האָט גענומען אַרויסגיין מיט אַריהן, האָט ער זי באַגלייט אויפן פּאַסטערנאַק, אין פעלד, אינעם וועלדל הינטערן שטעטל, צווישן די חורבות פונעם פּאַרצייטישן שלאָס. אין אָנהייב האָט ער נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אַריהן; ער האָט אים נישט צוגעלאָזן צו נאָענט צו איר, געקוקט אויף אים בייז, געבילט מעשה וואָרענונג. אָבער גיך האָט ער זיך איבערצייגט אַז ער מיינט

נישט איר רעה, און אַז זיי שטיפן און ליבן זיך ווי צוויי קליינע הינטעלעך... האָט ער איר דערלויבט צו גיין אַליין מיט אַריהן, און געוואַרט אויף איר געדולדיק אין שטוב.

שפּעטער האָט זי אים מיטגענומען מיט זיך, ווען זי איז אַוועק אויף הכשרה. ער האָט געהיט די געצעלטן, די באַראַקן, ווען חברה איז געגאַנגען אַרבעטן אין פעלד, געגאַנגען אויף לעקציעס פון אַגראָנאָמיע, פון עברית... און אָט קומט אַ נייער לערער. ער איז געקומען פון ארץ ישראל, אָפּגעברענט ווי אַ טאָטער, געהאַט שוואַרצע וואָנצעס אונטער אַ שפּיציקער נאָז, פעסטע און אויס־געאַרבעטע הענט ווי ביי אַ פּויער. און אַרויסגערעדט האָט ער מאָדנע דעם ריש, ווי איינער וואָס רייצט זיך, אָדער גאָרגלט זיך דעם האַלדז. בלעם האָט אים נישט ליב געהאַט. געוווען שווער צו וויסן צוליב וואָס, צי ווייל ער האָט אויסגעזען ווי אַ גוי, צי ווייל ער האָט געקאָלערט טיף אינעם האַלדז די רישן, ווי איינער, וואָס רייצט זיך, אָדער מאַכט נאָך אַ הינטיש פאַרשפּיל צום בילן... איז ער אים באַפאַלן. דער לערער, בועז האָט ער געהייסן, לאָזט זיך נישט, פאַרטיידיקט זיך, קאָפּעט מיט זיינע לאַנגע פיס. אָבער בלעם רייסט ביי אים אַראָפּ די הויזן און דעקט אָפּ ביי אים שטיקער לייב. אַ פאַרשעמטער, נעמט ער אַנטלויפן, און די הויזן פאַרפּלאָנטערן זיינע פיס; ער וואַקלט זיך, פאַלט און פאַרטיידיקט זיך מיט די פויסטן... נאָך גוט וואָס זי איז צוגעלאָפן און אַוועקגעריסן מיט כוח דעם הונט...

בועז האָט געהאַט שפּעטער טענות צו איר. ער וואָלט זיך אַליין אַן עצה געגעבן. אַן ארץ־ישראל־ייִד האָט נישט קיין מורא — האָט ער געזאָגט — נישט נאָר פאַר אַ ווילדן הונט נאָר אַפילו פאַרן סאַמע טייוול נישט...

די סצענע פון לערער מיטן הונט איז איר אָפּט געשטאַנען פאַר די אויגן, און די ווערטער זיינע האָבן איר כסדר געקלונגען אין די אויערן ווי איצט; אַן ארץ־ישראל־ייִד האָט נישט קיין מורא, קיין

מורא, קיין מורא, קיין מורא, אַפילו פֿאַרן טייוול, אַפילו פֿאַרן טייוול, קיין מורא, קיין מורא אַפילו פֿאַרן טייוול נישט, אַפילו...

ז.

מרים, וואָס איז געווען געוווינט צו זען להבהן ביי דער אַרבעט פֿון פֿאַר טאָגס, האָט זיך געחידושט הלמאי די לאַדנס זענען ביי איר אַזוי לאַנג פֿאַרמאַכט. עס איז דאָך נישט איר טבע. אפשר איז זי שלאָף?... אַן איבערגעאַרבעטע פֿרוי, איינזאַם... אַפילו יחיעם, דער ייִנגערער זון איז נישט געקומען שוין עטלעכע וואָכן צו דער מאַמען; ער גרייט זיך צו עקזאַמענס, צו ווערן אַ גאַנצער פּראָפֿעסאָר... עס קאָן די נשמה אויסגיין פֿון בענקעניש, פֿון עלנט... מילא, בלעם — אַן איידעלע באַשעפֿעניש, אָבער נישט מער ווי אַ הונט. ער האָט טאַקע די נאַכט געטאָן אַ גרויסע טובה דעם ישוב, אָבער דאָך אַ הונט...

זי האָט פּלוצעם באַמערקט אַלגאַן, ווי זי גייט מיטן שטעג, וואָס פֿירט צו להבהס גאָרטן. מסתמא גייט זי זיך אויסבאָרגן אַ פֿריש מייערל, אַ רעטעכל, אַ שלאַטנקאָפּ, עטלעכע טאָמאַטן אָדער קאַרטאָפֿל. ביי איר האָבן נאָך די ירקות נישט באַוויזן צו געדייען. אַז זי וועט האָבן אייגענע, וועט זי אומקערן... להבה האָט איר גאָרנישט אָפּגעזאָגט. פֿאַרקערט, זי פֿלעגט איר אַליין פֿאַרשלאָגן, אַקעגנטראָגן. זי איז אַ גרינע, אַלגאַ. ערשט נישט לאַנג אַרויס מיטן מאַן פֿון אולפּן. דאַרף מען זיי מקרב זיין, די פֿון דאָרטן, די געליטענע פֿאַר ציון. היינט ערשט, ווען זיי קומען זיך באַזעצן דאָ, ביי דער גרענעץ. דאַרף מען זיך טיילן מיט זיי, און נישט נאָר מיט ירקות, נאָר אויך מיט פּוטער און מיט אייער, און אַן עוף טאַקע אויך. זי דאַרף שוין היינט אַזוי וויניק, להבה. אַזוי וויניק...

אַלגאַ האָט אויך באַמערקט די פֿאַרמאַכטע לאַדנס. איז זי געגאַנגען אַליין אין גאָרטן. זיך באַדינט.

— בוקר אור — האָט מרים זי באַגריסט, ווען זי איז צוריק־געגאַנגען מיט פולע הענט.

אָלגאַ איז געווען אין פאַרלעגנהייט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און די באַקן זענען געווען ביי איר רויט, ווי די טאָמאַטן וואָס אין אירע הענט.

— בוקר אור, אָלגאַ! — האָט מרים איבערגעחזרט אַקעגנגייענדיק.

— בוקר אור, מרים — האָט זי געענטפערט, נישט אָפּהייבנדיק דעם קאָפּ ווי אַ שולדיקע, ווי אַ קינד, געכאַפּט ביי אַ גנבה, אָדער ליגנט.

— און וואָס זאָגסטו צו להבהן? — האָט זי געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף די פאַרמאַכטע לאָדנס.

— יאָ, מסתמא פאַרשלאָפן, נאָכן נאַכטאַלאַרם — האָט זי געזאָגט, און צוגעגעבן ווי זיך צו פאַרטיידיקן. — געזען, אַז עס איז פאַרמאַכט, האָב איך זיך אַליין באַדינט. איך וועל עס איר אָפּגעבן, אויב די ווינטן וועלן נישט ווידער אַרויסרייסן די ניי־פאַרזעצטע פלאַנצן... איך וועל איר דאָס אַלץ אָפּגעבן, מרים. זי ווייס עס גוט, להבה...

— עס וואָלט געווען אַ יושר אָנצוקלאַפּן ביי איר — האָט מרים צוגעשאָקלט צו אירע רייד און באַוויגן מיט אַ פויסט ווי צום קלאַפּן.

— זי מוז זיין מיד, זאָל זי נאָך שלאָפן. עס קומט איר אויס אַזוי זעלטן אַריינצושלאָפן אין טאָג אַריין — האָט געזאָגט אָלגאַ. און מיינענדיק, אַז זי האָט זיך נאָך נישט גענוג פאַרטיידיקט, האָט זי צוגעגעבן:

— ווען מ'לאָזט אונדז אַרויס פריער, וואָלטן מיר אייך געבאָרגט, און נישט איר אונדז, וואָלט געווען פאַרקערט, טייערע שכנטע.

— וואָלטן מיר זיך געבאָרגט קעגנזייטיק, אָדער גאָר געמאַכט מתנות איינע דער צווייטער, אַלגאַ.

— דער כלל איז — האָט אַלגאַ געזאָגט מיט אַ שמץ פון בייסיקייט — אַז איינער קאָן מאַכן מתנות, באַקומט ער אויך מתנות. אָבער, אַז איינער קאָן נאָך נישט מאַכן קיין מתנות...

— דו רעדסט שטותים, אַלגאַ — האָט מרים איר איבערגע־ריסן — איך האָב דיך געהאַלטן פאַר אַ סך אַ קליגערע...

און ווי די פרויען רעדן אַזוי, און עס הייבט זיך ביי זיי דער טאָן, האָט זיך פלוצעם דערהערט אַ געביל פון הינטער די לאָדנס, און באַלד דערנאָך האָט זיך צעעפנט דאָס פענצטער מיט רעש. עס האָט זיך באַוויזן אין אים להבה, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ ווייסע האָר און אַ ברייט־צעגענעצט מויל.

— סקאָצל קומט, שכנטע — האָט מרים זי באַגריסט.

להבהס גענעצן און בלעמס בילן האָבן צוגעטויבט מרימס רייד. האָט זי איבערגעחזרט:

— סקאָצל קומט, בוקר אור, שכנטע.

— בוקר אור — האָט להבה געענטפערט און געריבן די אויגן.

— געמיינט. חלילה, אַז...

— און אַז מען פאַרשלאָפט שוין אַ מאָל, מרים טייערע, איז וואָס? עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט... די קינדער וויינען אין די וויגן, האַ? דער מאַן וואַרט מיטן פרישטיק? מ׳דאַרף אַראָפּנעמען די געשניטענע תבואה פון פעלד, איידער עס קומט אַ שלאַקסרעגן, האַ? אַז כ׳האָב נישט, נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע, נישט דאָס דריטע. כ׳האָב גאָרנישט...

זי האָט אַרויסגעלאָזן אַ גענעץ פון באַדויער, אויסגעצויגן די ביינער, געקוקט אויף מרימען, אויף אַלגאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן הינטער איר, ווי זי וואָלט וועלן אויסבאַהאַלטן די איבערגעלאָדענע הענט, און געלאָזט הערן עטלעכע אומפאַרשטענדלעכע זילבן, ווי צו זיך אַליין. בלעם איז געשטאַנען מיט די פאָדערשטע פיס אויף

דער פענצטער־פּראָמוגע און געקוקט אויף להבהן מיט אַ פּראַגע — צי זאָל ער נעמען בילן אויף די צוויי ווייבער און זיי פּאַרטרייבן פון דאַנען, צי נישט.

— זאָג נישט, אַז דו האָסט גאָרנישט — האָט מרים אָנגעקניפּט צו להבהס לעצטע ווערטער. — דו האָסט קינדער, האָסטו. און מסתמא באַלד אַן אייניקל אויך... און די קו...

— און דעם הונט — האָט אָלגאַ צוגעגעבן.

— נאָך גוט וואָס כ׳האָב דעם הונט, נאָך אַ מזל וואָס כ׳האָב מיין בלעמען.

בלעם האָט פאַרשטאַנען, אַז מען רעדט וועגן אים, האָט ער גענומען ברומען פון הנאה. ער איז אונטערגעשפּרונגען און אַרויס דורכן פענצטער. ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער גייט זיך וואַרפן אויף די פרויען. זיי האָבן עס גענומען ערנסט און געלאָזט זיך לויפן. אָלגאַ האָט פאַרלוירן לויפנדיק כמעט אַלץ, וואָס זי האָט אָפּגעריסן אינעם גאָרטן.

ח.

להבה פעדערט זיך נישט מער אויפצושטיין ווי פריער. די שכנות חידושן זיך נישט מער, וואָס די לאָדנס זענען פאַרמאַכט אין די פרימאָרגנס. עס לייגט זיך זיי אָבער נישט אויפן שכל.

— עס איז זי נישט צו דערקענען ממש.

— עס איז נישט די זעלבע להבה.

— מ׳ווערט זי ווידער דאַרפן רופן דבורה.

— זינט דער הונט איז אַריין אין דער שטוב.

— זינט צופיה איז אַוועק...

זי האָט געפילט ווי אַ זשאַווער איז איר פלוצעם פאַרקראָכן אין די געלענקען און אַ שווערקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר לייב. זי האָט כסדר געגענעצט, אויסגעצויגן דיביינער און איז

געוועז זיכער, אַז ווען זי קאָן זיך אַזוי גוט אויסגענעצן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, און אויסציען געהעריק די ביינער, וואָלטן די כוחות צוריקגעקומען ווי פריער, וואָלט די אַרבעט געגאַנגען בעסער.

די גראָב־מכשירים זענען איר געפאַלן פון די הענט, און האָט זי אַרויסגעריסן קוים עטלעכע ווילדגראָזן אינעם גאָרטן, תיכף האָט זי געפילט אַ מחנה מוראַשקעס אין די שפּיץ פינגער, וואָס לאָזן נישט טאָן די אַרבעט. אויך דאָס מעלקן איז איר אָנגעקומען שווער. די מעלקוואָרצלען ביי דער „דזשינדזשי" זענען פּלוצעם געוואָרן דיק, פאַרשטייפט, און לאָזן זיך נישט ציען, אויסקוועטשן ווי ביז איצט.

זי האָט נישט דערמאָלקן די קו. פונעם אָנגעדראָלטן אייטער האָט די מילך געשפּאָרט אַראָפּ צו און עס האָט געטריפט פון זיך אַליין. די שפּיצן פון די מילכרערלעך זענען תמיד געוועזן נאַס, אָדער געגאַוועדט מיט ווייסן שוים. אַ שאָד געוועזן די מילך וואָס גייט לאיבוד. און, אַז מ׳האָט נישט אָפּגעצויגן די גאַנצע מילך, האָט די קו געגעבן וואָס ווייניקער, און דאָס מעלקן איז וואָס אַ מאָל געוואָרן שווערער. די „דזשינדזשי", וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער געגנט מיט איר געל־זוניקער פאַרב, וואָס האָט איר געגעבן דעם נאָמען, און מיט איר מילך, מיטן רעקאָרד פון ליטערס און דער פּראָפּאָרץ פון סמעטענע, האָט איצטער קוים געליפערט אַ פערטל דערפון, און דערצו אַן אָרעמע מילך, ווי אַ יונגקו, וואָס הייבט זיך ערשט אָן צו מעלקן. להבה האָט נישט געדאַרפט מער. דאָס איז געוועזן גענוג פאַר איר, צום טרינקען, צו מאַכן פּוטער, קעז, און אויך פאַרן הונט. און אויך אַ שטיקל פּוטער און קעז פאַר דער אָדעסער, פון מאָל צו מאָל. ס׳איז אָבער געוועזן אַ סכנה, אַז די מילך וועט אין גאַנצן איינגיין, אויסגעטריקנט ווערן, איידער זי דערגייט צום איינגעשרומפּענעם אייטער.

די מורא פאַר אַזאַ סכנה און דער צער פון דער קו, וואָס האָט וואָס אַ מאָל ווייניקער געקאָנט טאָן דער האַרינטעס רצון און

אַנטקעגנקומען איר אייגענער תאווה געמעלקט צו ווערן, האָט זיך געמאָלן אויף להבהס פּנים, אין די שוואַרצע פּאַלדזעק אונטער אירע מידע אויגן, אין איר גאַנצן הילוך, און אין אירע האָר, וואָס האָבן מיט אַ מאָל באַקומען די פאַרב פון מילך, פריש־געמעלקטע.

שמעון איז אומגעריכט אַריינגעפאַלן זען די מאַמע.

— אמא, דו קאָנסט נישט מער אַזוי אָנגיין — האָט ער געזאָגט אַ באַזאָרגטער — דו פאַלסט פון די כוחות. דאַרפסט דיך אַרומקוקן וועגן אַ געהילף, אַן אַרבעטער. פאַראַן די, וואָס קומען פון לבנון, אמא.

— וואָס פאַלט דיר איין, קינד מיינס. להבה וועט בעטן הילף, דבורה פייער?...

— פייער ברענט זיך אויך אויס, אמא. וואַרט נישט, ביז ס׳וועט זיך פאַרוואַנדלען אין לעשנדיקע קוילן, אָדער, חלילה, אין אַש.

יחיעם, וואָס איז פאַרפאָרן אַ שבת פאַר מיטאָג, מיט אַן אָפיציעלן אויטאָ פון אַן עלעקטראָנישער אונטערנעמונג, האָט געבעטן:

— אמא, דו מוזסט זיך היילן. איך וועל דיר באַזאָרגן אַן אָרט אין שפּיטאָל. איך האָב באַקאַנטע פּראָפעסאָרן אין רמב״ם.

— זיכער האָב איך נישט, קינד מיינס, מיין אַמאָליק געזונט — האָט זי זיך פאַרטיידיקט — אָבער פון דאַנען ביז זיין קראַנק, און דאַרפן אָנקומען אַזש צו פּראָפעסאָרן, איז פאַלג מיר אַ גאַנג.

צופיה, וועלכע איז געווען אין די הויכע חדשים, האָט געזאָגט, אַז אַלץ איז די שולד פון הונט.

— דאָס איז נישט קיין הונט, טאָכטערשי, דאָס איז בלעם. בלעם, נישט סתם אַ הונט.

— און אַז בלעם, איז וואָס? ער איז נישט קיין כלב, האַ?

— איך פלעג אייך דערציילן, קינדער, אָפט דערציילן, וועגן בלעמען דעם הונט אין שטעטל. ער איז געווען ווי אַ משפּחה־מיטגליד, אַ געטרייער היטער; ער האָט מיך געהיט פון אַ בייז אויג, און האָט זיך געוואָרפן אויף די דייטשן, וואָס האָבן געטריבן מיין משפּחה צום טויטפּלאַץ, און ביים דייטשישן אָפּיציר אַרויסגעריסן אַ שטיק פון דיקן פלייש...

— ווערסט אַלט, אמא. לעבסט מיט זכרונות.

— עס בלייבט מיר שוין באַלד גאָרנישט מער ווי זכרונות, און בלעם...

— דער הונט איז דיין אומגליק, אמא. זינט ער איז מיט דיר, ביסטו געוואָרן אַן אַנדער מענטש, פויל און שלאַף. דאַרפסט אים פּטרן, אמא.

— פּטרן, זאָגסטו, האַ? דאָס דערמאָנט מיר...

— שוין ווידער זכרונות — האָט צופיה איר איבערגעריסן. — איך וועל אים גערן נעמען פון דיר אין מושב אַריין, אמא.

— בלעם איז אַן אויסשפּירהונט, צופיה, ער איז נייטיק דאָ, ביי דער גרענעץ. האָסט דאָך זיכער געהערט, ווי ער האָט אונדז דאָ ממש געראַטעוועט, אַ דאַנק זיין אויסשפּיר־חוש. געווען דער־וועגן אין אַלע צייטונגען, אויך זיין בילד.

זי איז צוגעגאַנגען צום שענקל און אַרויסגענומען פון דאָרטן אַן אָוונט־צייטונג מיטן בילד פון בלעם אויף דער פּאָדערזייט.

צופיה האָט געקוקט אויפן בילד, כדי צוליב צו טאָן דער מאַמען. בלעם איז אַרויף אויפן טיש און אַריינגעקוקט אין זיין בילד, ווי אַ פרוי, וואָס געפעלט זיך, אין שפּיגל, און אַרויסגעלאָזן אַ לאַנגען ביל פון צופרידנקייט. צופיה האָט זיך דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך ביים צעבאַרגטן בויך. זי האָט געזוכט דאָס בעט. די מוטער האָט איר געהאָלפן זיך אָוועקלייגן.

— דער הונט וועט דערפירן צו אַן אומגליק, אמא — האָט זי, געזאָגט האַלב־וויינענדיק, צוהאַלטנדיק דעם בויך.

— ווידער דער הונט. דאָס איז נישט סתם אַ הונט, צופּיה. דאָס איז בלעם. פאַר וואָס ווילסטו נישט פאַרשטיין, מיין קינד, פאַר וואָס?

ט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט להבה באַקומען אַ גאַסט. זי האָט אים באַלד דערקענט, לויט זיין וווקס, און לויט זיין אויסשפּראַך. ער האָט גערעדט מיט אַ גאָרגל־ריש, ווי בועז, דער לערער. דאָס איז דער אָפיציר, דער נייער קאָמענדאַנט. אויך בלעם האָט אים דערקענט, פון יענער אַלאַרמנאַכט. ער איז צוגעשפּרונגען גוטברו־דעריש, מיט זיינע פאָדערשטע פיס ביזן אויבערשטן הויזנראַנד, אָנגעהאַלטן, זיך, און געקוקט אים אין די אויגן.

להבהן האָט אַ בליץ געטאָן אין זכרון די סצענע צווישן הונט און לערער, אין דער הכשרה. זי איז צוגעגאַנגען, אַוועקגעשלעפּט דעם הונט, און מיט אַ שמייכל, געמישט מיט פאַרלעגנהייט, געזאָגט.

— שרעקט זיך נישט, אדון קצין. ער איז אַ גוטינקער.

— איך בין אַן אויסגעשראָקענער, גברת להבה — האָט ער געענטפערט מיט אַ זיכערן קול.

— ווען מען דאַרף, האָט ער זיך ליב צו שפּילן, און ווען מען דאַרף...

— אַ קונדס און אַן אויסשפּירהונט באַנאַנד — האָט ער אונ־טערגעכאַפּט — אַ הונט מיט זעלטענע מעלות.

זי האָט אים געבעטן זיך אַוועקזעצן. ער איז געווען יונג, אין די יאָרן פון איר שמעונען, אפשר אַ יאָר־צוויי עלטער. די צוויי אויבערשטע קנעפּלעך פון זיין מיליטעריש העמד זענען געווען צעעפנט און עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ באַהאָרטער פאַרנט. אויך זיין אויבערשטע ליפּ איז געווען באַהאָרט. ביי בועזן איז די וואָנצע געווען געדיכטער, און ביי אים איז זי פאַררונדיקט און פאַרשפּיצט

ביי די מוילווינקלען. ער האָט געהאַט געדיכטע האָרבערשטלעך ביי די שטערנראַנדן, וואָס האָבן פאַרשאָטנט דעם גלאַנץ פון זיינע אויגן. זיינע לאַנגע באַקנבערד האָבן געקלעטערט אַרויפצו צע־לאָקטע און צעקרייזלטע, און פאַרלוירן זיך אין אַ שוואַרץ־צעכוואַ־ליעטן האָרגעפּלאָנטער, ווי ביי אַ שעפּס, וואָס מ׳האָט שוין לאַנג געדאַרפט שערן.

— בבקשה לשבת, אדון קצין.

— רופט מיך פשוט — אַמנון.

— קח כסא, קצין אַמנון — האָט זי אים אָנגעוויזן אַ שטול.

— פשוט — אַמנון, אָן קצין. גברת להבה וואָלט דאָך געקאָנט זיין מיין מאַמע.

זי איז אַריין אין קיך צוגרייטן אַ טעפּל קאַפע. בלעם איז געשטאַנען אַ ווייל צווישן קיך און עסצימער, און נישט געוווּסט צי זאָל ער האַלטן אָן אויג אויפן גאַסט, צי זאָל ער נאָכגיין זיין האַרינטע. ער וואָלט אַזוי געשטאַנען נישט אַהין נישט אַהער, ווען דער גאַסט רופט אים נישט צו. ער האָט געגלעט זיין קאָפּ, זיין געדיכטע פעל, די פיס, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אויסטאַפּן מיט די שפּיץ פינגער. ער האָט גערעדט צו אים אַ פּאָר ווערטער אויף אַראַביש, ווי מ׳טוט עס אויף יענער זייט. בלעם, וואָס איז געשטאַנען הכנעהדיק בעתן גלעטן, איז פּלוצעם אויפגעציטערט געוואָרן, ווי איינער וואָס ווערט באַגאָסן מיט אייזקאַלט וואַסער. די פעלהאָר האָבן זיך אויפגעשטעלט ביי אים, די אויערן אָנגעשפּיצט און די אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן גענומען פינטלען און דרייען אין אַלע זייטן. ער האָט אויפגעעפנט ברייט דאָס מויל, געוויזן זיינע רייסציין, און אַרויסגעלאָזן אַ ביל, ווי אַ וואָרענונג־אויסרוף צום פענצטער.

— שתוק, שווייג! — האָט להבה באַפוילן פון דער קיך אַרויס — דער קצין איז אַ ייד, ער וועט דיר נישט טאָן קיין שלעכטס.

און אַריינקומענדיק מיט דער טאַץ, האָט זי געזאָגט:

— ער איז טאַקע געקומען פון יענער זייט, אָבער ער איז שוין געוואָרן אַן אונדזעריקער. אַ גילגול פון אַ נשמה... געווען ביי אונדז אין שטעטל אויך אַזאַ הונט, ווען איך בין געווען יונג...

— און שיין — האָט ער אויסגעבאַקט. און באַלד צוגעגעבן — להבה איז עס נאָך תמיד. נאָר פאַרנאַכלעסיקט זיך, נישט קיין וווּנדער, אגב...

— בלעם האַלט מיך ביים לעבן. ווען נישט ער, און די זכרונות פון דאָרטן, פון דאָ, און די ליבע צום מקום דאָ, צו דער גרענעץ מיט אירע סכנות; ווען נישט דאָס אַלץ — וואָלט איך זיכער געווען נאָך עלטער, נאָך מיאוסער.

דער גאַסט האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער דער הונט האָט אויסגעבאַפּט. ער האָט אויסגעצויגן זיין האַלדז און זיין קול אין אַ לאַנגן ביל, ווי ער וואָלט פּראָטעסטירט קעגן זיין האַרינטעס רייד. נישט מסכים געווען.

להבה האָט אַריינגעגאָסן קאַפּע אין שעלכל, וואָס זי האָט דערנענטערט צום גאַסט, אָנגעוויזן אויפן טעלער מיט קיכלעך, גענומען איינס, דורכגעבראָכן און דערלאַנגט קליינע שטיקלעך דעם הונט.

— ער האָט ליב היימישע קיכלעך, בלעם — האָט זי געזאָגט.

דער קצין האָט גענומען אַ קיכל, אָפּגעביסן און קייענדיק געזאָגט.

— אויך מיין מאַמע האָט געמאַכט היימישע קיכלעך אין חלב, אָבער זי פלעגט באַשיטן פון אויבן מיט סומסום, וואָס האָט זיי צוגעגעבן אַ מין האַרבקייט. אייערע קיכלעך, גברת להבה, זענען זיס.

— דאָס לעבן אין פוילן איז געווען ביטער פאַר יידן, האָט מען עס דערפאַר פאַרזיסט מיט צוקער, מיט זיסוואַרג — האָט זי געזאָגט ווי לשם התנצלות.

— אויך ביי אונדז איז דאָס לעבן געווען ביטער, להבה. די סיריער האָבן אונדז תמיד פיינט געהאַט, נישט ווייניקער ווי די

פּאַליאַקן אייך... מיינע עלטערן האָבן נישט באַוויזן זיך אַרויסצו־באַקומען פון דאָרטן. איך און מיין עלטערער ברודער האָבן עס יאָ באַוויזן, זיך אַריינגעשמוגלט דורך יאָרדאַניע אַהערצו בעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה... זיי האָבן דערפאַר גענומען נקמה, פאַר־פייניקט די עלטערן און צוויי יינגערע שוועסטער אין תפיסה.

זי האָט טיף אָפּגעזיפצט, זיך דערנענטערט צו אים, אַרויפגע־לייגט לייכט איר האַנט אויף זיין אַקסל, דערנאָך אויף זיינע האָר, זיי געגלעט, ווי זי וואָלט וועלן אים טרייסטן, מילדערן זיין צער. טרערן זענען גערונען פון אירע ציטערדיקע אויגן. ער האָט געבויגן דעם קאָפּ צום דיל. בלעם האָט אונטערגעבילט. אין זיין בילן איז געווען סיי צער, סיי נחמה.

י.

דער וויזיט פון קצין איז נישט אַדורך אומבאַמערקט ביי די שכנות. זיי זענען געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס ער האָט געזוכט ביי איר.

די ערשטע איז געקומען מרים. זי איז געגאַנגען צו איר אין שטאַל. להבה האָט געהאַלטן אין מעלקן.

— שלום, להבה — האָט זי געזאָגט.

— שלום, מרים — האָט זי געענטפערט, ציענדיק שווער די מילכוואַרצלען.

— לאָז־זשע מיך צו — האָט זי אָפּגעשטופּט להבהן — איך זע, אַז די „דזשינדזשי" מעלקט זיך היינט שווער...

להבה האָט איר גערן אָפּגעטרעטן דאָס אָרט. מרים האָט געצויגן די ציצן און געחידושט זיך, וואָס עס שפּריצט אַזוי ווייניק פון זיי.

— מיין פּרה אדומה גיט זיך בעסער אונטער. די מילך גייט ביי איר ווי אַ מזמור.

און אַן צוזאַמענהאַנג, האָט זי פּלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס האָט ער אַזוינס געוואָלט פון דיר, דער קצין, דער נייער קאָמענדאַנט, האַ?

— געקומען אַזוי, אַזוי זיך. אַ גאַסט ביי איינער פון די עלטסטע איינוווינערינס, וואָס אַמנאָענטסטן צום גרענעץ־צוים, אַ פריינד־לעכער באַזוך.

— פאַר וואָס איז ער געקומען צו דיר און נישט צו מיר, נישט צו אַנדערע?

— מסתמא וועט ער צו דיר אויך קומען. ער קאָן דאָך נישט קומען צו אַלע מיט אַ מאָל. צוערשט דאָ, און דערנאָך אינעם אונטערשטן טייל פון ישוב.

— וואָס אַ שטייגער האָט ער געטאָן ביי דיר, להבה? ער איז געווען מער ווי אַ שעה.

— ער האָט זיך געשפּילט מיטן הונט — האָט זי געזאָגט איראָניש, און צוגעגעבן מיט אַ שמייכל — יעדנפאַלס, געשדכנט זיך צו מיר האָט ער זיכער נישט. בלעם וואָלט נישט צוגעלאָזן.

מרים האָט זיך צעלאַכט. להבה אויך.

— יאָ, אָבער דאָך, להבה; אַ גאַנצע שעה געשפּילט זיך מיטן הונט?

— ער האָט אויך דערציילט וועגן זיינע טאַטע־מאַמע אין חלב, וואָס די סיריער האָבן פאַרפּייניקט. איך — וועגן מיינע טאַטע־מאַמע. און וועגן מיין הונט אין שטעטל. און ער האָט געטרונקען קאַפע, געגעסן קיכלעך, און געשפּילט זיך מיט בלעמען. ער האָט אים האָלט באַקומען.

— וואָס הערט זיך ביי די קינדער? — האָט זי געפרעגט כלאחר יד, ווי יוצא צו זיין — גוטע נייעס?

— ווי ביי קינדער — האָט זי געזאָגט אונטערזיפצנדיק. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס צוגעבן, געזוכט פאַסיקע ווערטער, ווי פּלוצעם האָט זיך געשטעלט אין דער טיר אָלגאַ.

— זדראַסטוווּיטיע, שלום — האָט זי באַגריסט — אפשר פאַראַן

ביי דיר, לאַגאַוואַ, עטלעכע אייער אויסצובאַרגן. עס גלוסט זיך מיר נישט אַראָפּגיין אין קלייט.

להבה איז צוגעגאַנגען צו אַ הינערשטייג, אַרויסגענומען עט־לעכע אייער און איר דערלאַנגט: — נאַ־דיר, פריש־געבוירענע, און עס געזונטערהייט.

— אַ דאַנק — האָט זי געזאָגט — כ׳וועל אומקערן.

— נישט וויכטיק. וואָס וועל איך טאָן מיט אַזוי פיל אייער? הגם די הינער האָבן זיך אָפּגעלערנט פון דער „דזשינדזשי״, און פּראָדוצירן אויך ווייניקער ווי אַ מאָל... ביז די תנובה וועט קומען נעמען, ביי אַזאַ קליינער צושטעלערין ווי איך, וועלן די אייער פאַר־ליגן ווערן.

— אגב, האָסט געהאַט אַזאַ חשובן גאַסט — האָט זי אָנגעבויגן זיך צו להבהס אויער — וואָס האָט ער געוואָלט אַזוינס דער קראַ־סאַוויעץ, דער קצין?

— אָט, אַ גאַסט. אָט אַ וויזיט.

— איך האָב גאָר נישט אַזאַ מזל.

— אַז וועסט האָבן אַ הונט, וועט ער צו דיר אויך קומען — האָט להבה געזאָגט מיט תקיפות.

— עס איז שוין כ׳לעבן כדאי, אַז כ׳זאָל זיך באַזאָרגן אַ הונט — האָט אַלגאַ געזאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן, אין וועלכן עס איז געווען אַ צומיש פון איראָניע.

— אַ הונט צו אַ הונט איז נישט גלייך, אַלגאַ. בלעם איז נישט סתם אַ הונט. דאָס איז בלעם, אַלגאַ.

— און אַז בלעם, אין וואָס?

— קומט אַ יונגער אָפיציר צו דער אַלטער להבה — האָט להבה אויסגעפּירט מיט אַ טאָן פון נצחון און פון איינעם, וואָס האָט דאָס לעצטע וואָרט אין אַ דיסקוסיע.

ירוחם, דער ראש פון דער מועצה, האָט עס געהערט פון אַלגאַן, דער אַדעסער. איז ער געקומען פרעגן, צי עס איז אמת. אַז דער נייער רב־סרן האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן הונט.

— אַלע מיינע חלומות פון דער נאַכט, פון יענער נאַכט און פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר זאָלן אויסגיין צו אונדזערע שונאימס קעפּ — האָט להבה זיך צעבייזערט.

— עס לייגט זיך אויפן שכל — האָט ער געזאָגט — אַ זעל־טענער הונט, געקומען פון שונאס לאַגער, איז ער אַ מלחמה־רויב, און דער רב־סרן קאָן אים קאָנפיסקירן ממש. דעריבער איז ער געקומען זען דעם הונט...

— נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, ירוחם. דאָס האָב איך געזאָגט סתם צו דער רוסקע, כדי נישט אַרויפצובאַקומען זיך אויף איר צינגל, דער פּלאַפּלערין; נאָך אַ ביסל און זי וועט מיך וועלן משדך זיין מיט אים, די נישט־פּאַרגינערין. זעט נאָר וואָס די סאָוויעטן האָבן אונדז אַהערגעשיקט. זיי האָבן זיך געקאָנט האַלטן מיט דער מציאה...

— איך האָב אָנגעפרעגט, אַזוי דרך אגב, ידידיה, דעם סרן, וואָס אין שוין אַ לאַנגע צייט דאָ אויפן פּאָסטן, האָט ער עס בפירוש נישט אָפּגעלייקנט. און ער האָט שטאַרק געלויבט דעם הונט...

— זיי מיר געזונט און שטאַרק, ירוחם — האָט זי אים איבער־געריסן, און כמעט ווי געוויזן די טיר. — ווי לאַנג קענען מיר זיך שוין, ירוחם? גוטע עטלעכע און דרייסיק יאָר. כ'געדענק נאָך ווי דיין מאַמע עליה השלום האָט זיך געגרייסט מיט איר ירוחמקען; ער וועט אויסוואַקסן אַזוינס און אַזעלכעס, אַ מיניסטער אַ גאַנצער... נו, ביסטו געוואָרן דער ראש המועצה. איז אויך אַ מדרגה. כ'האָב אָבער נישט געגלייבט, אַז וועסט דיך לאָזן פּאַרפירן דורכן געפּלאַפּל פון דער פּוסטער אַלגאַ... אַנו, ירוחם, גיי מיר געזונטערהייט, און זאָל נעמען אַ סוף צום גערייידעריי... און, אַז וועסט זען די רוסקע, זאָג איר — אויב זי וועט נישט האַלטן די צונג, וועט נעמען אַ סוף

צום באַרגעניש... און, אַז בלעם וועט זיך נעמען צו איר, וועט זי ל׳ויפן פון הי ביז אַדעס...

יא.

להבה האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט קומט מען נעמען איר הונט, איר בלעמען. זי האָט אים צוגעדריקט צו זיך, אַרומגענומען פעסט. ער האָט זיך אונטערגעגעבן הכנעהדיק, פילנדיק ווי זיין נאָענטקייט שאַפט איר הנאה. ער האָט געלעקט אירע הענט, איר האַלדז, איר פּנים און געפילט ווי איר הייסער אָטעם טרייבט די פייכטקייט פון זיין צונג, און שלעפּערט איין.

זי וועט אים נישט געבן, זי וועט אים נישט לאָזן נעמען. זי וועט אים איצט מער אָפּהיטן, זי וועט נישט אָפּטרעטן פון אים, אויף קיין רגע נישט... ווען זי איז דעמאָלט אין דער היים, ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען, וואָלט זי נישט געלאָזט הרגענען דעם הונט... זי וואָלט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער ביים דייטש און וואָלט אים דערשאָסן, איידער ער צילט אינעם הונט... און זי וואָלט מיט אים אַוועק, אַוועק אין די וועלדער, צו די פּאַרטיזאַנער. ער וואָלט דאָרטן צו נוץ געקומען. אוי, וואָלס ער צו נוץ געקומען! ער וואָלט זיי געהיט, אָנגעזאָגט באַצייטנס דאָס דערנענטערן זיך פון שונא און זיינע אַרויסהעלפערס, די פינצטערע אוקראַינער. ווען ער וואָרנט זיי דעמאָלט, דעם פאַטאָלן פרימאָרגן, וואָלטן זיי געהאַט צייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אָנלערנען דעם אָנפאַלער. און אריה וואָלט נישט געפאַלן... וואָלט נישט דורכגעלעכערט געוואָרן פון קוילן... ער וואָלט זיי אָנגעלערנט, און בלעם וואָלט צעריסן זייערע רוצחישע לייבער...

עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט אַ געקנאַל, אַ שיסעריי און אָפּהילכן פון אויפרייסן. זי האָט געריבן די אויגן, די אויערן, צי קומט דער רעש פון דאָרטן, פון די וועלדער, פון דער פּאַרטי־

זאַנקע, פֿון דעמאָלט? צי צעשיסט מען פּאַרטיזאַנער? צי לעבערט מען אַדורך מיט קוילן אַריהן, איר אַריהן? דאָס זענען די קוילן, וואָס יאָגן זי נאָך, יאָגן זי נאָך און טרעפֿן נישט, צעלעכערן בלויז איר פֿוטערנעם מאַנטל, וואָס שווימט אויף איר דאַרן גוף... אפשר איז עס דער רעש פֿון די דייטשישע קוילן, וואָס צעשיסן טאַטע־מאַמע, זיסלען, אהרונען, דעם פּעטער מיכאל, און בלעמען?... לאָז דיך נישט בלעם, לאָז דיך נישט! צערייס אים אויף שטיקער דעם דייטשישן אָפֿיציר, צעבייס אים אויף טויט, בלעם! אָט, קום איך, קום איך באַלד צוריק מיט אַריהן פֿון וועלדל, אָט באַלד, און מיר וועלן זיי אָנלערנען, אָנלערנען, בלעם!

דער הונט האָט זיך איבערגעוועקט, איז אַראָפּ פֿון בעט מיט אַ ספּק ביל, ספּק גענעץ, און געדרייט זיך ווי אין חלום. זי האָט זיך אויפֿגעריסן פֿון בעט, אָנגעצונדן דאָס שטיילעמפּל. בלעם האָט זיך געשטעלט נעבן דער טיר און געאָטעמט טיף, ווי ער וואָלט געוואָלט דערשנאָפּן דעם קלענסטן חשד, וואָס זאָגט אָן אַ לויערנדיקע סכנה. זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. זעענדיק, אַז ער בילט נישט און רייסט זיך נישט צו דער טיר, האָט זי אים אונטערגעהויבן, און צוריקגעלייגט זיך צוזאַמען מיט אים.

זי האָט אים צוגעדריקט פֿעסט צו זיך, זי וועט אים נישט לאָזן נעמען. זי איז געוואָרנט געוואָרן. מילא, וואָס די אַלגאַ פּלאַפּלט דאָרטן. אָבער ירוחם, ירוחם, ער איז דאָך אַן ערנסטער מענטש, ירוחמקע... ער האָט געזאָגט, אַז ידידיה, דער סרן, האָט נישט אָפּגע־לייקנט, נישט געזאָגט בפֿירוש, אַז עס איז אַ שקר... דאַרף דאָך דערין עפּעס יאָ זיין, וואָס האָט אַ שייכות מיט איר הונט... און אפשר איז טאַקע דעם קאָמענדאַנטס פּלוצעמדיקער וויזיט נישט געווען סתם אַ וויזיט, נאָר געווען דערביי אַ כוונה, אַ פֿאַרבאָרגענע כוונה. געקומען צו איר און געמיינט בלעמען. פֿאַר וואָס איז ער געקומען צו איר, און נישט צו אַנדערע תושבים? ער איז געקומען אַ קוק טאָן, אויסשפּיאָנירן, באַפֿריינדן זיך. אַ טאַקטיק בלויז, כדי

שפּעטער אַרויסצוווייזן זיין חזיר־פּיסל... רופט מיך אַמנון, האָט ער געזאָגט. נישט קצין, נאָר פּשוט — אַמנון, אַמנונטשיק, קוצעניו־מוצעניו, כדי דערנאָך צו... ניין, זי וועט נישט אָפּלאָזן אויף קיין רגע דעם הונט, זי וועט אים נישט געבן, בשום אופן נישט!

פּלוצעם האָט דאָס הויז זיך אַ טרייסל געטאָן, צוזאַמען מיטן בעט. אַ שטאַרקער אָפּהילך פון אַ נאָענטן אויפרייס האָט אויפגע־ציטערט די לאָדנס און די שויבן. עס האָט זיך צעפּיפּן די אַלאַרם־סירענע, וואָס רופט אין שוצקעלער אַריין. עמעץ האָט געקלאַפּט און אַריינגעשריגן דורך די שפּאַלטן:

— שטייט אויף. מען שיסט אויף אונדז מיט קאַטיושעס. מ׳דאַרף לויפן אין מקלט. דאָרט איז זיכערער ווי אין שטוב!

להבה האָט אַראָפּגעשטעלט די פיס אויפן דיל און אָנגעטראָפן אויף דער וואַרעמער פעל פונעם הונט. זי האָט געוואָלט זיך אויפ־שטעלן און געפילט ווי די שטוב וואַקלט זיך, ווי אַלץ אַרום דרייט זיך און די פיס ברעכן זיך אונטער איר. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אין וואַנט, אין אַ שטול. זי האָט געזוכט מיט די פיס בלעמען.

מ׳האָט אויף ס׳ניי געקלאַפּט אין לאָדן. אַ קלאַפּן מיט אַ שטאַר־קער מענערפויסט. און אַ קול האָט באַפוילן:

— פּתחי! עפן, להבה, זאת פּקודה!

זי האָט דערקענט דעם קול, און אויפגעציטערט געוואָרן. זי האָט געלאָזט לויפן דאָס וואַסער, זיך גיך אַרומגעוואַשן, אויפגע־פרישט, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ קלייד.

— פּתחי, עפענען. עס איז אַ באַפעל!

זי האָט געעפנט.

אַמנון איז געווען באַגלייט מיט ידידיהן. זיי האָבן געטראָגן מיליטערישע פעלד־בגדים, העלמן אויפן קאָפּ און געהאַלטן עוזיס אין די הענט.

בלעם האָט זיך געשטעלט דראָענדיק צווישן איר און די אָפּי־צירן.

— ביסט זייער נישט פּאָרזיכטיק, להבה — האָט געזאָגט אַמנון.

— האָסט נישט קיין רעכט צו בלייבן אין הויז אין דער צייט, ווען מ׳עט באַשיסט די געגנט. דו שטעלסט איין נישט נאָר דיין לעבן, נאָר אויך דאָס לעבן פון הונט, פון בלעמען, פון דיין הונט, פון דיין בלעם, דיין הונט...

זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז דאָס האָט מען געשאָסן אין חלום, נישט אויף דער וואָר, אין חלום. זי האָט געוואָלט פרעגן פאַר וואָס מען דאגהט אַזוי פאַרן הונט, הלמאי מען דאגהט נישט נאָר פאַר איר לעבן, נאָר אויך פאַר איר הונט, פאַר בלעמען. נאָר איידער וואָס איידער ווען האָט ידידיה געזאָגט באַפעלעריש:

— מיר זענען געקומען נעמען דעם הונט.

— כ׳וועל נישט געבן, נישט געבן, נישט געבן.

— נישט נעמען, חלילה, נאָר באָרגן, אויסבאָרגן אויף די נאַכט — האָט אַמנון אויסגעבעסערט.

— ער איז געקומען פון יענער זייט. האָט די אַרמיי אַ רעכט אויף אים.

— אַ רעכט?!

— דאָס הייסט... אַ רעכט אים אויסצובאָרגן. ער איז אַ גוטער אויסשפּירער, מיר דאַרפן אים איצט.

די טעראָריסטן האָבן באַשאָסן די געגנט, און צום גליק נישט געטראָפן, אַחוץ אין עטלעכע פּאַרלאָזענע הייזקעס, פון די ערשטע, אינעם אונטערשטן יישוב. מסתמא איז עס אַ דיווערסיע, אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט, און אין דער זעלבער צייט אַריינצודרינגען, אַריינשמוגלען זיך, און אָנגרייפן... מוזן מיר האָבן דעם הונט צו פּאַטראָלירן מיט אים.

— מוזן?!

— עס איז אַ באַפעל, אַ מיליטערישער!

— עס גייט אַזוי גוט אין דיין לעבן, להבה, ווי אין אונדזער אַלעמענס. מיר זענען אויף דער גרענעץ, און דיין הויז איז אַמ־נאָענטסטן פון איר. מען דאַרף זיי אַנטדעקן איידער זיי קומען צו נאָענט.

— אָבער ער וועט נישט גיין אָן מיר.

— ווען מיר אים שיין בעטן.

ידידיה האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ האַלדזרייף מיט אַ לאַנגן לעדערנעם רימען און איר דערלאַנגט, געהייסן בינדן דעם הונט. ער האָט אַרויסגעצויגן פון דער טאַש עטלעכע קלעצלעך צוקער און אים צוגעוואָרפן. בלעם האָט באַקומען נאָך גרעסערע אויגן ווי תמיד, אַנגעלאָפן מיט אַ ווילדן גלי און גרויסע ציין, וואָס האָבן נאָך קיין מאָל נישט אויסגעזען אַזוי גרויס און אַזוי שאַרף. זיין צונג איז ווי פאַרשוווּנדן, כדי דורכצולאָזן כאַרכלענדיקע ערב־אַנגריף־טענער פון זיינע צעשטורעמטע אינגעווייד. אַט וואַרפט ער זיך אויף זיי און מאַכט אַ תל פון זיי, צערייסט זיי אויף שטיקער, ווי דעמאָלט אין שטעטל, ווען זי קומט אַהיים אין דער צייט און רייצט אים אָן קעגן דייטשישן אָפיציר, ער זאָל אים בייסן. זי נעמט אים צו זיין געווער און בלעם צעבייסט דעם דייטש אויף טויט און זיי לויפן אַוועק, לויפן אין די וועלדער, צו דער פאַרטיזאַנקע לויפן זיי... אָבער ווו לויפט זי עס פלוצעם אין מיטן נאַכט, אַ באָרוועסע, נעבן דער גרענעץ־צוים, פאַרביי דעם הויז פון מרים, דעם הייזל פון אַלגאַ און די וואַך־טורעמלעך פון די חיילים, פאַרביי די שוץ־ווענט מיט די אָנגעהויפטע זאַמדזעק ?... ידידיה האַלט קורץ דעם הונט, כמעט ביים האַלדזרייף און לויפט מיט אים, לאָזט זיך שלעפן דורך אים, און אמנון נאָך זיי און זי פון הינטן... און בלעם בילט, בילט, בילט... און זי לויפט נאָך. פאַלט. שטייט אויף און פאַלט ווידער. בלעם לויפט, אמנון און ידידיה נאָך אים, און זי נאָך זיי... און פאַר זיי — צעציטערטע כישוף־פליגל פון באַגינען, וואָס פלאַ־טערן אַקעגן די לעצטע שאָטן־צויטן פון סוף־נאַכט...

יב.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אויסגעפּאַלן יאָרצייט. זענען זיך אַלע צונויפגעקומען ביי דער מאַמען. צופיה האָט מיטגעבראַכט איר קינד, דעם קליינעם גרשון. להבה, וואָס האָט אים געזען אין טאָג פון ברית, אין מושב, האָט נישט דערקענט איר אייניקל. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען אויף וואָס צו קוקן, אָבער איצטער איז ער אַ גאַנצער מענטש און עס שניידט זיך שוין ביי אים דאָס ערשטע ציינדעלע.

להבה איז צוגעפּאַלן צו אים, באַדעקט מיט קושן און נישט געקאָנט זיך אָנזעטיקן.

— אין גאַנצן דער זיידע, ווי צוויי טראָפּן. דאָס זעלבע נעזעלע, דער זעלבער הויכער שטערן, די זעלבע רויטע בעקעלעך...

— רויטע בעקעלעך, אמאַ, ווייל עס פּיקן זיך אויס ביי אים די ציין — האָט צופיה געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— יאָ, אָבער ביים טאַטן, עליו השלום, האָבן זיך אויך אַ מאָל אויסגעפּיקט ציין, און אַזוי זענען שוין פאַרבליבן די באַקן ביי אים...

— אויך מיט די האָר איז ער געראָטן אין זיידן — האָט גע־זאָגט דני, דער איידעם — זיי כאַפּן אַ רויטע פאַרב, שוויגער־לעבן.

להבה האָט זיך גערדיכט איינגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַ צופרידענע.

— זאָל ער האָבן מער מזל, גרשעלע, ווי זיין זיידע — האָט להבה פלוצעם געביטן איר שטימונג און אונטערגעזיפצט. — איך האָב אים געזאָגט: „גרשון, ווו שטופּסטו דיך מיט דיינע כלים? ווערסט פאַרריכטן אַ טאַנק, אַ פּאַנצער־אויטאָ? אַז היינט דאַרף מען מאָדערנע ספּעציאַליסטן, אינזשענירן מיט דיפּלאָמען; ווו קריכסטו דאָרטן אונטער די קוילן?"... האָט ער געזאָגט: „אפשר אַ קלייניקייט נאָר, אפשר אַ זאַמדל פאַרקראָכן אין אַ מאָטאָר,

אפשר אַן עלעקטריש דרעטל האָט זיך דורכגעברענט, אָדער באַ־שעדיקט געוואָרן אַ רעדל, אַ שרייפל, אַ קלייניקייט עפּעס — אַ שאָד, אַז אַ מיליטערישער וואָגן, אָדער פּאַנצער זאָל בלייבן שטיין צוליב אַ גאָרנישט און אַ נישט, זאָל פאַרשטעלן דעם וועג און שטערן אין פירן מלחמה... ביז עס וועט קומען אַ דיפּלאָמירטער ספּעציאַליסט קאָן איך דערווייל העלפן מיט מיין דערפאַרונג, מיט מיין חוש און דערנענטערן דעם נצחון, אָפּראַטעווען יידישע קינ־דער...״ — נו, איז ער געגאַנגען, און...

— וויפל מאָל האָבן מיר שוין געהערט פון דיר דאָס זעלבע, אמא — האָט געזאָגט שמעון, און געגלעט די האָר פון דער מאַ־מען.

— דו, שמעון — האָט זי געזאָגט מיט תרעומות — הערסט עס מסתמא נישט מער ווי איין מאָל, צו דער יאָרצייט... און דו, יחיעם, אפשר אָפּטער, אָבער...

— טראַכט נישט, אמא, אַז מיר ווילן נישט קומען צו דיר. יעדן טאָג אָפּילו וואָלט איך נישט געווען צו פיל — האָט געזאָגט יחי־עם — אָבער יעדער פון אונדז האָט זיין לעבן, אמא.

— דו האָסט דאָך אויך דיין לעבן, אמא׳לע — האָט צופיה אונטערגעכאַפּט — דיין לעבן מיטן... הונט.

— נאָך גוט, נאָך גוט, נאָך גוט! — האָט להבה געענטפערט און איבערגעחזרט די צוויי איינזילביקע ווערטער עטלעכע מאָל נאָך אַנאַנד, ווי אַ הייזעכאָ אין די בערג.

בלעם האָט אונטערגעכאַפּט יעדע זילב, יעדן ברעקל עכאָ, און גרשעלע האָט אַריינגעווינט זיין מורא צווישן זיי.

להבה האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן קינד, געוואָלט אים איינשטילן. בלעם איז אַרויף אויפן בעט, אַרויסגעצויגן אַ לאַנגע צונג און געוואָלט אַרויסהעלפן זיין האַרינטע ביים איינעמען דאָס קינד. צופיה האָט אים אָפּגעיאָגט. האָט ער זיך געוואָרפן אויף איר האַנט, געוואָלט איינבייסן. ווען נישט להבה וואָלט זיכער געקומען

צו אַן אומגליק. זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביים האַלדז, שווער געצויגן די לופט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ הוסטן, וואָס האָט פאַרהילכט דעם קינדס געוויין און די דערשטיקטע בילברעקעלער פון הונט.

עס האָט געדויערט אַ צייט ביז זי איז געקומען צו זיך.

— די שוויגער וואָלט געדאַרפט זיך שוין אָפּרוען. נישט פאַר אירע כוחות דער משק דאָ — האָט געזאָגט דני.

— און זיך היילן, אמא — האָט צוגעגעבן יחיעם — איך וועל די מאַמע אַריינגעבן אין רמב״ם־שפּיטאָל, איך קען דאָרטן די פּראָפעסאָרן.

— פאַראַן אַ קליינער פעלדשפּיטאָל, אמא, נישט ווייט פון אונדזער פּילאָטן־צענטער, וועל איך דיך דאָרטן אַריינגעבן, זאָלסט קומען צו זיך — האָט געזאָגט שמעון.

— נאָך וואָס שפּיטאָל? — האָט געפרעגט דני — בעסער דער מושב. מיר בויען צו אַ פליגל צום הויז, וועט זיין אַ צימער פאַר דער אמא, נישט אמת, צופיה?

צופיה האָט עס באַשטעטיקט, האַלטנדיק דעם וואָרצל פון איר ברוסט אינעם מויל פון קינד, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך שטילן.

— דער משק דאָ וועט דיך חלילה אומברענגען, אמא — האָט געזאָגט שמעון.

— און דער הונט — האָט צוגעגעבן צופיה.

— דער הונט וואָלט אונדז אויך צו נוץ געקומען — האָט געזאָגט דני. — מ'האָט לעצטנס צוגערויבט אַ קו און צוויי שעפּסן פון אַ שכן; זיי האָבן פריער אָפּגעסמט דעם הונט... אָבער אַן אויסשפּירהונט ווי בלעם וואָלט זיך נישט געלאָזן אָפּסמען, בפרט אַז אַראַבישער הונט, וואָס דערשפּירט זיינע מענטשן פון ווי ווייט אַוועק. בלעם האָט דאָך באַוויזן וואָס ער קען. מיר האָבן געלייענט דערוועגן אין דער צייטונג.

— יאָ, אמא — האָט צופיה באַשטעטיקט. — וועסט קומען צוזאַמען מיט דיין הונט.

להבה איז נאָך תמיד געזעסן און געהאַלטן דעם הונט פעסט אויף איר שויס. זי האָט זיך צוגעהערט צו די שנעלע רייד פון די קינדער, און קוים געקאָנט נאָכגיין זייער געדאַנק. זי האָט געוואָלט ענטפערן יעדן איינעם, נאָר איידער וואָס, האָט שוין אַן אַנדערער גענומען אַ וואָרט, און אַ נייע תשובה האָט פאַרפלאָנטערט די פריערדיקע. איז זי געבליבן מיט אַן אָפן מויל. בלעם האָט געהערט ווי מען דערמאָנט זיין נאָמען און די צייטונג, איז ער אַראָפּ פון שויס און צוגעלאָפן צום שענקל, וווּ עס ליגט דאָס בלאַט מיט זיין בילד.

צופיה האָט דערלאַנגט דאָס קינד איר מאַמען, איז צוגעגאַנגען צום שענקל, אַרויסגענומען די צייטונג און פונאַנדערגעשפּרייט די זייט מיטן בילד אויפן טיש. בלעם איז אַרויפגעשפּרונגען און אַריינ־געקוקט געדיכט, געדרייט מיטן עק, געצוקט מיט די אויערן, גע־פינטלט מיט די גליאיקע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געזען דאָס ערשטע מאָל אויפן בילד.

— נישט קיין עוולה? — האָט געפרעגט דער מושבניק פון נגב — אַז מיר זאָלן האָבן אין דער משפחה אַזאַ הונט, און אונד־זערע קי און שעפּסן, און אויך אונדזערע לעבנס זאָלן זיין אויס־געשטעלט אויף רויב, אויף טויט אפשר... אויך מיר דאַרפן געפינען זיך פאַרוואָרפן און אויך נישט ווייט פון אַ גרענעץ... עס איז ממש נישט צו פאַרשטיין.

אַנשטאָט צו ענטפערן, האָט להבה זיך אויפגעריסן פון אָרט. זי האָט צוגעדריקט דאָס קינד פעסט צו איר ברוסט און געלאָזט זיך צו דער טיר.

— לאָמיר גיין! — האָט זי באַפוילן. וואָס טויגן מיר די גערייד־דערייען. דער טאַטע וואַרט, לאָמיר גיין!

זי איז אַרויס, געגאַנגען מיט גיכע פעסטע טריט אין דער ריכטונג פון בית־עולם. די קינדער הינטער איר. בלעם פאַר איר.

יג.

צו מאָרגנס זענען די לאָדנס געווען ביי איר פאַרמאַכט לענגער ווי תמיד.

מרים האָט אויסגעמאָלקן די קו און זי אַרויסגעטריבן אויפן גראָז.

— אַ רחמנות אויף דער בהמה — האָט זיך געלאָזט הערן אָלגאַ, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ זייטיקן שטעג, אָנגעטאָן אין שבתדיקע בגדים, אין איר רויטן בלימלקלייד, וואָס האָט אינעם שיין פון דער פרימאָרגן־זון אויסגעזען נאָך רויטער ווי תמיד.

— נו, אָלגאַ, עס קומט דיר שוין אַ מזל־טוב, האַ?

— אמת, שכנטע, מיין אָסיף האָט טאַקע באַקומען זיין נאָמינאַציע. היינט ווערט ער נאָמינירט רב־סרן... ווען ער האָט געבעטן דאָס רעכט צו עליה, האָבן די רוסן צוגענומען ביי אים זיין מיליטערישן גראַד און אַלע דעקאָראַציעס... היינט ווערט אים נישט נאָר צוריקגעגעבן זיין קאַפּיטאַנסקע ראַנגע, נאָר ער באַקומט נאָך אַ שטאַפּל העכער... ער האָט מיר געקלונגען דערוועגן פאַר טאָגס. פאַר נאַכט קומט פאַר די אָפיציעלע צוטיילונג־צערעמאָניע, אין דער באַזע, אין סיני. עס וועט קומען אַ מיליטערישער אויטאָ מיך נעמען פאַר מיטאָג ביזן לופטפעלד און פון דאָרטן מיט אַ העליקאָפּטער אַהינצו... איך ברען אין גאַנצן פאַר פרייד, מרימל, איך גלי, ווער פאַרברענט...

— מזל־טוב דיר, מזל־טוב — האָט מרים געטיילט איר פרייד, און צוגעגעבן דערך אגב — עס וואָלט געפּאַסט, אַז אַזוי ביסטו געווען אייזקאַלט, געפרוירן ממש...

— פון אַ צופעליקן פלירט, מרימל, ביז אַ נאַכט מיט אַ מאַן, וואָס מ׳האָט נישט געזען גאַנצע צוויי חדשים, אַ מאַן אַ ניי־נאָמי־

נירטן מאַיאָר, איז פּאָלג מיך אַ גאַנג — האָט זי געענטפערט אויף איר אָנצוגעהערעניש, און וועלנדיק אָפּלענקען דעם שמועס, האָט זי אַ ווייז געטאָן אויף די פאַרמאַכטע לאָדנס:

— גיי, האָב קינדער. געקומען, זיך אָפּגעפרייט מיט דער אַלטער מאַמען, געלאָזט אַ טרער ביים טאַטנס מצבה, און נעלם געוואָרן.

— היינטיקע קינדער, אַלגאַ — האָט מרים געענטפערט. און תיכף צוגעגעבן: — קינדער צו קינדער זענען נישט גלייך... מיין גדי האָט נאָך נישט פאַרפעלט צו קלינגען יעדן ראש־חודש פון אַמעריקע, פון זיין שליחות, און אָנפרעגן זיך וואָס עס הערט זיך אין דער היים. און חנה טעלעפאָנירט צוויי־דריי מאָל אַ וואָך רעגו־לער פון אילת, פון משרד. דאָס מוזיניקל, שיבולת, די עברית־לערערין, שרייבט רעגולער יעדן פרייטיק פון אשדוד, און ווי נאָר די לערערס באַקומען חופש, פאַרברענגט זי דאָ מיט דער מאַמען... נאָכן טויט פון פאָטער, וואָס איז אַוועקגעפאַלן אין פעלד, אין מיטן פון דער אַרבעט, זענען זיך די קינדער צעפאָרן, צעפאָרן... אָבער זיי געדענקען אין דער היים, פאַרגעסן נישט די מאַמע.

אַלגאַ איז אַריין צו די הינער, אַרויסגעלאָזט זיי, און אַריינגע־לייגט עטלעכע אייער אין אַ זעקעלע, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך.

— דאָס וועט זיין פאַר אָסיפן — האָט זי געזאָגט — דאָרט אין דער באַזע, אין מדבר, עסן זיי זיכער נישט קיין פרישע אייער ערשט פון דער הון אַוועק.

דערנאָך האָט זי זיך געשטעלט זוכן די רייפע סעמעטשקעס פון די זונבלומען, אַרויסגעפּיקט זיי און געלייגט אין זעלבן זעקעלע.

— אָסיף האָט זייער ליב סעמעטשקעס — האָט זי געזאָגט, און איז אַוועק צו זיך אין הייזל.

שפּעטער איז זי ווידער אַרויס, אָנגעטאָן אין וועג אַריין. אין

דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שווערע וואַליזע מיט פינקלדיקע שלעסער. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון דער שכנטע.

— זיי געזונט, מרימל — האָט זי אַריינגעשריגן — איך פאָר.

מרים איז אַרויס צו איר. זי אַרומגענומען.

— איך וועל בלייבן דאָרטן צוויי נעכט, מרימל. געזעגן זיך פאַר מיר מיט לאַגאַוואַן. זי שלאָפט נאָך, זעט אויס.

— אַ צער־בעלי חיים — האָט מרים אָפּגעזיפצט — נאָך גוט וואָס זי האָט דעם הונט.

— שוין נישט לאַנג — האָט אָלגאַ זיך צוגעבויגן צו איר אויער, און אָנגענומען זי אונטערן אָרעם.

זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען אַראָפּצו, צום צענטער פון ישוב, ווו עס פאַרהאַלטן זיך די אויטאָס. אָלגאַ האָט דערציילט, אַז זי האָט געהערט, אַז מ'וועט איר צונעמען דעם הונט, און איר געבן אַ צווייטן... בלעם ווערט רעקוויזירט ווי מלחמה־רויב; ער איז געקומען פון יענער זייט, פון שונאס... מ'וועט אים שיקן אין אַ צענטער פון מיליטערישע אויסשפּירהינט. מ'דאַרף אים איבער־דרעסירן, נאָך מער אַנטוויקלען זיין חוש. און שפּעטער וועט מען אים צוריקשיקן צו דער גרענעץ. ער וועט זיך דערווייל אָפּגעוווינען פון להבהן.

— פון וואַנען ווייסטו עס? — האָט מרים געפרעגט איינ־האַלטנדיק די טריט — און מיט אַזעלכע פּרטים?

— פון וואַנען? פון אים, פון אַמנונען אַליין... ער האָט עס מיר אָנפאַרטרויט בסוד. אָבער איך זאָג עס דיר, ווייל מען דאַרף אפשר צוגרייטן צו ביסלעך לאַגאַוואַן דערצו.

— אָרעמע להבה — האָט מרים אונטערגעזיפצט גייענדיק — זי ווייסט נישט וואָס עס גרייט זיך, וואָס עס גייט אויף איר.

— עס איז אָבער לטובת דעם ישוב דאָ, לטובת דער אַרמיי, לטובת דעם לאַנד.

— אַ רחמנות אויף איר. זי וועט זיך אַ מעשה אָפּטאָן.

— איך האָב אויך אַזוי געמיינט דעמאָלט, ווען מען האָט גענומען אין מיטן נאָכט טאַטע־מאַמע און דעם עלטערן ברודער, פאַרשיקט קיין סיביר אָן אַ ידיעה... איך בין געווען זיכער, אַז די וועלט עקט זיך, אַז כ׳וועל עס נישט איבערלעבן... און אָט בין איך דאָ, האָב אַ מאַן אין צבא קבע, און מיין יינגערער ברודער בויט אַן עלעקטראָנישן צענטער אויפן גולן... דאָס לעבן איז שטאַרקער...

עס האָט זיך דערהערט אַ פייף פון אַ מיליטערישן אויטאָ. ער האָט איבערגעהאַקט זייער שמועס. די פרויען האָבן זיך צעקושט. אַלגאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן שאָפער און לאַנג געפאָכעט מיט דער האַנט. מרים האָט צוריקגעפאָכעט מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער געווישט אַ טרער.

יד.

אַרום מיטאָגצייט איז להבה אַרויס פון שטוב און געשלעפּט זיך שווער אין שטאַל אַריין.

מרים האָט זי באַמערקט פון איר פענצטער און איז איר נאָכ־געגאַנגען.

— אַ גוטן אויפשטיין דיר, להבה — האָט זי אַריינגעשריגן צו איר.

— אַז כ׳האָב אַזאַ גוטע שכנה, ווי דו, קאָן איך זיך דערלויבן שלאָפן לענגער.

— נישט איינע, נאָר צוויי שכנות, אויך אַלגאַ.

— זי נעמט זיך אָפּ דערפאַר, אָבער דו, מרים...

— און אַז אַ מצווה, הייסט נישט אָפּגענומען? אַ מצווה לגבי אַ לעבעדיק באַשעפעניש; צער־בעלי־חיים געהערט דאָך צו די גרעסטע מצוות, נישט אמת?

להבה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און גענומען צוזאַמענשאַרן מיט אַ הילצערנער גראַבליע דעם בהמישן קויט, דעם אָנגעפוילטן שטרוי און דעם הינערישן שמוץ, אונטערזיפצנדיק ביי יעדער באַ־

וועגונג. בלעם האָט זיך געיאָגט נאָך די הינער מעשה קונדס, און זיי זענען זיך צעלאָפן מיט רעש, ווי ער וואָלט עס געמיינט ערנסט.

דערנאָך האָט זי גענומען איבערוואַרפן, אויפפרישן די ערד אַרום די זונבלומען, אַז זי זאָל בעסער אויפנעמען, איינזאַפּן דאָס אונטערגעגאָסענע וואַסער. זי האָט באַמערקט די ליידיקע נעסטלעך פון די קערן־לאַבנס, און אַ ווונק געגעבן צו מרימען:

— אַלגאַס אַ שטיקל אַרבעט, האַ? איר וואַגעניש האָט קיין גרענעץ נישט, כ׳לעבן.

— דאָס איז פאַר איר אַסיפן, איר מאַן. זי איז אַוועק צו אים אויף צוויי נעכט. אין זיין איינהייט, אין סיני, קומען היינט פאַר נייע אָפיצירן־עגזאַמינאַציעס. און אָסיפ באַקומט נישט נאָר צוריק זיין קאַפּיטאַן־ראַנגע, וואָס די סאָוויעטן האָבן אים צוגענומען, נאָר גייט נאָך מיט אַ שטאַפּל העכער, ער ווערט אַ רב סרן, ווי דער נייער קאָמענדאַנט ביי אונדז... נו, האָט זי פאַר אים מיטגענומען עטלעכע פרישע אייער און סעמעטשקעס.

— זאָל אים ווויל באַקומען. אַ חידוש — האָט זי צוגעגעבן — זי האָט אַזאַ וויכטיקן מאַן, אַזאַ הויכן אָפיציר, און חברט זיך דאָ מיט וועמען עס לאָזט זיך.

— מ׳דאַרף נישט איבערטרייבן, להבה. זי חברט זיך נישט, נאָר זי האָט נישט פיינט אַ פלירט, אַ גלעט, אַ יונגע פרוי נאָך... און אפשר איז זי געווען געוווינט דערצו דאָרטן... און קיין קינדער קאָן זי נישט האָבן, נו ווייס איך וואָס? און געפעלן קאָן זי מיט אירע בעקעלעך, מיט איר צעציטערטן פאַרנט און מיט אירע צעטאַנצטע היפטן...

די צוויי פרויען האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט איינע צו דער אַנדערער, איבערגעוווּנקען זיך מבינותדיק. להבה האָט געזוכט אַ רייפע סעמעטשקע, וואָס אַלגאַ האָט פאַרזען צופּעליק, און נישט געפונען. מרים האָט זיך אויך געמאַכט זוכן, און אַזוי זוכנדיק, זיך אַנגעבויגן צו להבהן:

— און אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט זיך באַקענט נאָענטער מיטן קאָמענדאַנט, האָט זי אַרויסבאַקומען פון אים סודות.

— אַ שטייגער? —האָט להבה געפרעגט.

מרים האָט באַמערקט אַ קערנדל מיט אַ רייף קעפל, האָט זי עס אָנגעוויזן להבהן. להבה האָט עס אַרויסגעפּיקט פון דער נעסט, און דערלאַנגט מרימען.

— עס איז דיין, מרים, דו האָסט עס די ערשטע באַמערקט.

— עס איז דיין, להבה, דו האָסט עס אַרויסגעפּיקט.

— עס איז דיין, מרים.

— עס איז דיין, להבה.

— טאָ לאָמיר זיך טיילן, מרים.

פּלוצעם איז בלעם אונטערגעשפּרונגען, אַרויסגעריסן דאָס קערנדל פון זיין האַרינטעס האַנט, און געלאָזט זיך לויפן. להבה איז אים נאָכגעלאָפן. מרים נאָך איר. להבה איז געבליבן שטיין נעבן מרימס הייזל, זיך אָנגעשפּאַרט אין דער ראָם פון דער טיר. זי האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך פונעם אָנשטרענגען זיך ביים לויפן.

מרים האָט זי אַריינגעבעטן צו זיך, געהאָלפן איר אַריינגיין.

— קום אַריין, להבה־לעבן, און כ'וועל דיר דערציילן די סודות...

זי האָט איר געהאָלפן זיך אַוועקזעצן. דערנאָך איז זי אַריין אין קיך צוגרייטן קאַפע.

טו.

ווי דערשטווינט איז מרים געוואָרן, ווען צו מאָרגנס, באַלד נאָך מיטאָג, האָט זי באַקומען אומדערוואַרטע געסט, צופיה און איר מאַן, דני. זיי זענען געקומען מיט זייער לאַסטאויטאָ פון מושב, נעמען די קו, די הינער און עטלעכע שטובזאַכן, אַ ביסל מעבל.

צופיה האָט דערציילט, אַז נאָכן שמועס נעכטן, ביי איר, ביי מרימען, אין שטוב, האָט די אמא באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם מקום,

און תיכף, נאָך איידער עס פאַלט צו די נאַכט. אפשר וועט מען קומען נעמען דעם הונט שוין די נאַכט און כל זמן אָלגאַ, די אָדע־סער, קומט נישט צוריק. זי האָט דאָך אומעטום די אויגן, די שפּי־ציקע, די נייגעריקע; זי וואָלט באַלד צעפּלאַפּלט, צוגעטראָגן צום קאָמענדאַנט, און ער וואָלט פאַרהאַלטן דעם הונט. און אַזוי ווי תמיד, ווי ערשט נישט לאַנג נאָך, האָט זי אָנגענומען אַ גיכן באַשלוס, אַזוי ווי להבה טאַקע, און — איז אַוועק אונטערן שוץ פון דער נאַכט. אַרויסגעשלייכט זיך מיטן הונט, דערשלעפּט זיך ביזן הויפּטוועג, פאַרהאַלטן דעם לעצטן אויטאָבוס, וואָס גייט קיין טבריה. דאָרט גענומען אַ טאַקסי און אין מיטן נאַכט אָנגעקומען אין מושב.

— ביי אונדז וועט די אמא זיך לעבן רויִק — האָט אונטער־געהאָלפן דני מיט זיין טיף מענלעכן קול און מיט זיינע הענט, וואָס האָבן תמיד געמוזט זיין אין באַוועגונג — און וועט האָבן דעם הונט ביי זיך, איר בלעם... דער מושב נייטיקט זיך אין אַ גוטן אויס־שפּיר־הונט. ביי אונדז איז אויך נישט ווייט פון אַ גרענעץ. מ'האָט שוין ווידער געהאַט אַ שאָדן. אַראַבער האָבן גענאָסן פון אַ געדיכטן נעפּל און אונטערגעשניטן דעם האַלדז פון אַ פערד און אַ קו אין פעלד...

— און זי וועט זיך שפּילן מיט גרשעלען, — האָט צופיה צוגעגעבן — אים צוהיטן, ווען מיר זענען ביי דער אַרבעט, נישטאָ ווי אַן אייגענער מענטש צו אַ קינד...

— און אויב מ'וועט קומען נעמען דעם הונט אויף דאָרטן, וועלן זיי נישט האָבן צו טאָן מיט אַ קראַנקער, עלנטער פרוי, נאָר מיט די מושבניקעס, מיטן גאַנצן מושב. מיר וועלן זיך אָקעגנשטעלן, גיין צו דער כנסת.

מרים האָט זיך צוגעהערט צו זיי. אַ ווייטיק האָט געשווערט אויפן האַרץ, פאַרקראַכן ביזן האַלדז און געטריבן טרערן פון די אויגן.

— איך האָב זי שטאַרק ליב, די אמא — האָט זי געזאָגט מיט אָפּגעריסענע און צעציטערטע זילבן. — מיר האָבן דאָ אַ האַלב לעבן צוזאַמען פאַרבראַכט, גוטע דריי צענדליק יאָר... צוזאַמען געפּאַקט און געמאָזלט, געבאַמסינט, געשווידערט פאַר קעלט און פאַר מורא, געקרענקט, געקינדלט כמעט אין דער זעלבער צייט, מענער באַגראָבן...

זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט, אַראָפּגעשלונגען אַ טראָפּן, וואָס האָט געשטיקט אין האַלדז, און ווידער גענומען רעדן:

— איך האָב דיך, צופיה, געזען קומען אויף דער וועלט. איך האָב דיר געגעבן די ערשטע באָד, ווי נאָר די הייבאַם האָט ביי דיר אַרויסגערופן דעם ערשטן שרייאָנזאָג, אַז ביסט דאָ... איך האָב אַפילו געהאַט די זיכערקייט, אַז דו און מיין יגאל זייט אַ זיווג מן השמים; איך האָב אייך ביידן כסדר געזען ווי באַשערטע איינער פאַרן צווייטן... דערווייל האָט דער גורל אים פאַרשניטן, אין יענער נאַכט, ווען זיי האָבן אומסגעריכט באַשאָסן אונדזער הויז...

צופיה האָט זי אַרומגענומען, געקושט אירע צעפלאַמטע און נאַסע באַקן. דני האָט געקוקט אויף זיי מיט אויגן פול מיט חידוש, מיט צוקנדיקע שפּאַנמוסקלען פון זיין ברייט פּנים. זיינע לאַנגע הענט האָבן זיך פאַרמאַכט און געעפנט, באַוויגן אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט וואָס צו מאַכן מיט זיי, אַזוי ווי ער האָט נישט געוווּסט ווי צו רעאַגירן אויף דעם וואָס ער האָט אַקאָרשט געהערט פון דער אַלטער פרוי. ער האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט, אַז צופיה, זיין פרוי, איז געווען באַשערט פאַר אַ צווייטן, און ווען נישט...

— די אמא האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט דיר, מרים — האָט צופיה געזאָגט מיט אַן איבערגענומענעם קול — זי האָט געקלאַפּט אין דיין טיר. דו ביסט אָבער נישט געווען אין שטוב. זיי איר מוחל, מרים טייערע... ווען זי האָט אָנגענומען דעם

באַשלוס, האָט זי נישט געטאָרט מער וואַרטן... להבה באַשליסט, מוז אַלץ ברענען אונטער אירע הענט...

— יאָ, להבה, להבה... זי איז געבליבן להבה — האָט מרים צוגעשאָקלט ציטערנדיק מיטן קאָפּ.

— קום אונדז זען, שכנטע — האָט געזאָגט דני, פאַרמאַכנדיק די פויסטן. — די אמא וועט זיך פרייען. פאַראַן ביי אונדז גענוג אָרט. וועסט קאָנען איבערנעכטיקן.

— איך וועל קומען — האָט זי געזאָגט שטיל — זיך שפּילן מיט גרשעלען...

— און מיט בלעמען אויך, אויב די שכנטע וועט וועלן — האָט צוגעגעבן דני, אויסקנאַקנדיק מיט רעש זיינע פינגער.

מרים האָט נישט געענטפערט. זי האָט געווישט די טרערן, וואָס זענען געראָנען פון די אויגן און געבריט די צערונצלטע הויט פון אירע צעציטערטע באַקן. צופיה האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ צום באַלקן, כדי אוונצוהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זיך געריסן פון אירע פייכטע אויגן.

— יאָ — האָט צופיה זיך די ערשטע באַהערשט און געזאָגט רויק — די אמא גיט דיר אַוועק די בלומען־קווייטן, די צוויי עפּלביימער, וואָס זי האָט אַליין פאַרפלאַנצט, און די צעדער־ביימלעך ביים סאַמע צוים; דאָס איז פאַר דיר, מרים... פאַר אַלגאַן גיט די אמא דעם גאָרטן מיט די ירקות. זאָל זי זיך באַדינען וויפיל זי וויל נאָר... זי וועט נישט דאַרפן אומקערן... און זאָל זי נעמען אויך די זונ־בלומען; איר אָסיף האָט דאָך אַזוי ליב סעמעטשקעס... זאָל זי זיי איבערפלאַנצן נעבן איר גאַנעק, פאַראַן דאָרט אַ סך זון. וועלן זיי דאָרט בעסער וואַקסן און געבן בעסערע קערנדלעך...

— זי איז אַזאַ גוטע, להבה, אַזאַ גוטע להבה, להבה, להבה... — האָט מרים כסדר איבערגעחזרט דאָס זעלבע.

— די אמא זאָגט, אַז זי וועט צוריקקומען — האָט צופיה ווייטער געזאָגט. — זי איז נאָר אַוועק אויף דער וויל... אַ יאָר, צוויי,

דריי, אפשר מער... זי וויל דאָ אויסלעבן אירע לעצטע יאָרן... זי וויל ליגן צוזאַמען מיטן אבא, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר...

— נו, גענוג! — האָט דני געגעבן אַ קלאַפּ אין די האַנטפלאַכן און גענומען אונטעריאָגן. — מיר האָבן נאָך אַ סך אַרבעט דאָ, און דער וועג איז ווייט.

— יאָ, — האָט צופיה געזאָגט, זייענדיק שוין אויף דער שוועל.
— די אמא זאָגט, אַז די חיילים, די פריש רעקרוטירטע, זאָלן זיך אַריינציען אינעם הייזל; זיי זאָלן זיך נישט וואַלגערן אין פעלד, אונטער געצעלטן, אין בלאָטע, שניי, אין די ווינטערנעכט, און אונטערן הפקרדיקן הימל. זאָלן זיי אויסנוצן דאָס הייזל. מ׳קאָן וואַרעמען, צוגרייטן אַ וואַרעם געקעכץ... די אמא בעט, אַז זאָלסט עס איבערגעבן, אין איר נאָמען, דעם קאָמענדאַנט אַמנון.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַן ערב־אַווּנטיקע זון. די זונבלומען האָבן געהויבן צו איר די קעפּ מיטן לעצטן אַנשטרענג. עס ווילט זיך זיי נישט בוקן צו דער נאַכט.

ברוך

א

אַזוי ווי זיין נאָמען, אַזוי איז ער אויך געווען געבענטשט. יאָרן צו דער זעט, נחת פון קינדער און קינדס־קינדער, אַ קליינע הייזקע אין פישער־געסל, און אַ שיפל אויפן כינרת.

איז דער כינרת געווען צעשטורעמט, האָט ער געזאָגט: „דער ים איז אַזוי ווי אונדזער לעבן — אַ מאָל רויק, אַ מאָל דערצערנט. איז דאָך וואָסער אַ לעבעדיקע זאַך — לעבט עס אַ מאָל שטיל, אַ מאָל ברוגז, און אַ מאָל צווישן דעם און יענעם״.

דאָס שיפל האָט אויך געהייסן ברוך, אַזוי ווי ער, כדי מ׳זאָל עס נישט פאַרבייטן און כדי אַ סגולה זאָל דער נאָמען זיין קעגן כל מיני אַנשיקענישן מצד בייזע ווינטן, בייזע מענטשן. זענען די אותיות פונעם נאָמען געווען אָפּגעקראָכן, צעפּרעסן דורך שימל, קלעטער־כוואַליעס אויפן ווינט, כאַמסין און צייט. אַ שיפל איז אַזוי ווי אַ פישער. עס באַקומט יאָרן מיט דער צייט, און פון רוב יאָרן ווערט עס אַלט, איז משנה צורה. און שוינען דאַרף זיך דעמאָלט דער פישער, און שוינען דאַרף מען דאָס שיפל.

האָט ער געענדיקט פריער ווי תמיד, איידער די זון האָט זיך באַהאַלטן, ווי נאָר די ערשטע אָוונט־ווינטן האָבן גענומען טרייבן די מידקייט פון זיינע אָרעמס און דערנענטערן דעם ברעג.

און געלאָזן האָט ער דאָס שיפל פריי הוידען זיך אויפן וואַסער ווי אַ פראָפּן. ער האָט עס נישט צוגעבונדן מיט אַ קייט, אָדער שטריק צו אַ פלאָקן ביים ברעג, ווי ער פלעגט עס טאָן אַ מאָל. אַ צער בעלי־חיים, האָט ער געזאָגט, בפרט אויף דער עלטער;

דאַרף מען נישט בינדן, נישט פענטען, נאָר לאָזן פראַנק און פריי. ער האָט אויסגעפונען אַ קליינע בוכטע אין אַ שטילן ווינקל צווישן אַ הויכער ברעגליפּ פון איין זייט, און אַ קינסטלעכן האַלבאינדזל, וואָס פישערהענט האָבן אַ מאָל געשאַפן, אַן אַלטן און איצט פאַר־לאָזענעם האַרבעריק פאַר שיפלעך. אַרויסשטייענדיקע וואָרצל־גע־פלאָנטערס מיט איינגעקלעמטער גראָזערד זענען געהאַנגען איבערן שיפל ווי אַ שיצנדיקע האַנט איבער אַ קעפּל פון אַ רך־הנולד. עס איז דאָ זעלטן צוגעקומען אַ ווינט, אַ צעשטורעמטע כוואַליע, אָדער אַ בייז, אַ נישט פאַרגינענריש אויג. און צו מאָרגנס, באַלד פאַר טאָגס, האָט ער אָפּגעפונען דאָס שיפל אַזוי ווי ער האָט עס געלאָזן.

און איידער ער קערט זיך אום אין זיין הייזקע, פירן אים זיינע טריט צו דער פישער־מסעדה, ביים ברעג, אין אַלטשטאָט, צו „מזל־דגים". ער האָט הנאה, נאָך דער אַרבעט, צו זופן במנוחהדיק דאָס טעפּל טערקישע קאַפע, כאַפּן אַ שמועס מיט אַ פישערייונג, מיט אַ פישערמאַן, אָדער מיט זיינס גלייכן, וועגן דעם און וועגן יענעם, וועגן וועטער, וועגן פאַר, וועגן משפחה. און וואָס וועט זיין מיטן שלום, טאַקע — מיט שלום וואָס וועט זיין, עד מתי? און מיט משיחן וואָס וועט זיין? וועט ער טאַקע קומען אויף אַן אייזעלע? זאָל ער שוין בעסער קומען צו רייטן אויף אַ פיש... האָט דאָך געזאָגט רבי יוחנן בר נפחא, דער טבריהער, אַז מטבריה עתידין להגאל... נו, וועט ער מסתמא קומען אויפן רוקן פון אַ ריזיקן אַמנון־פיש, וואָס וועט אין שטעטל נישט אַריין... איי, חברה, קוקט גוט נאָך אין די נעצן, און כאַפּט אים, האַלט אים פעסט, משיחן...

— ברוך הבא, ברוך — רופן אויס די פישערס ביי די טישלעך, ביים בופעט.

— ברוך הבא, משיח איז דאָ — זאָגט מענדל, דער נייער עולה און נייער פישער, אויף פּראָסט יידיש מיט אַ תפילה־ניגון.

— סעידה, יאַ באַרוק, שלום המשיח — כאַפּט אונטער דער

אַלטער, האָלב בלינדער פנחס אין אַ געמיש פון אַראַביש און עברית.

און ווען יונה, זיין בכור, איז דאָ, גיט ער תמיד צו מיט זיין קול ווי פון אַ פאַס אַרויס:

— ער לאָזט דיך גריסן, אבא. איך האָב אים געזען, משיחן, בחיי...

און מזל גיט צו שפּאָטיש:

— נאָכן צענטן גלעזל...

און יוחנן, דער שווייגער, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס לשון, זינט זיין בן־יחיד איז געפאַלן, קלאַפּט מיט דער פויסט און מיטן גלאָז משקה אין טיש, און לאָזט, אויף זיין אופן, נישט טרייבן חוזק פון משיחן.

עטלעכע פויסטן, גלעזער און פלאַשן קלאַפּן צו ווי אַ סימן פון מיטלייד און פון דרך־ארץ פאַר דעם אומגליקלעכן פאָטער, דעם שווייגער. און מענדל, וואָס זאָגט אַז ער שטאַמט אָפּ פון גזע־קאָצק, און אַז זיין נאָמען איז אויך מרמז דערויף, שטעלט זיך אויף און פּסקנט, בשבו אומרו:

— דאָס גרעסטע געשריי אין דער וועלט איז שווייגן.

און גיט באַלד צו מיט אַ פרומען און אַרויסרופערישן טאָן:

— אָבער פאַראַן אַ מדרגה, וואָס איז נאָך העכער ווי שווייגן: געזאַנג!

ווי אויף אַ באַפעל, דערהערט זיך תיכף מזלס צעזונגען־שפּי־לעוודיק קול:

אַהַ—אַהַ, אַהַ—היי.
עוד לא אהבתי די,
ואם לא עכשיו, אימתי?

און אַלע כאַפּן אונטער דעם נייעם שלאַגער פון יהורם גאון:

השמש והרוח על פני,
אַהאַ, אַהיי...

ווען עס ווערט שיטערער אין זאַל, דערלאַנגט מזל ברוכן אַ טעפּל פריש געזאָטענע טערקישע קאַפע. לעצטנס אויך — אַ פּיתה מיט אַ פולן בויך פאַלאַפעל־שטאָף, ווייל ביז נאַכטמאָלצייט אין שטוב, נאָגט אים אונטערן גריבל. און ער צאָלט איר אָפּ מיט פריש געבאַקפּטע פיש, מיט די שענסטע אַמנונס און קאַרפּן אָט ערשט פון וואַסער אַרויס, און מיט די באַרבוטן, די טריפנדיקע פיש מיט די מער־דער־וואָנצעס, וואָס די היגע מיסיאָנערן קויפן ביי איר אָפּ.

רכילות־טרייבערס זאָגן, אַז דאָס ציט אים אַהערצו מזל, מער ווי די פישערס, מער ווי די שמועסן, מער ווי די טערקישע קאַפע און ווי די פּיתה מיטן פאַלאַפעל. דאָס איז ביי אים אַן אַלטע טבע אַזאַ נישט פיינט צו האָבן שוואַרצאויגיקע מיידן און רייפע פרויען מיט אַ ברען אין בוזעם און ציטערדיקע היפטן... אַ משפחה־פעלער אַזאַ, ביי די משולחס, וואָס ציט זיך בירושה ביז יגאַלן, זיין זעבצן־יאָריקן אוראייניקל... יוכבד, זיין אישה, האָט שוין גאַרנישט פאַר זיינע אויגן; קומט ער זיי זעטיקן ביי מזלן...

דאָס האָט ער געגעבן דעם ערשטן גרעסערן פדיון, און גע־האָלפן זאַמלען דעם נייטיקן סכום אויף צו געבן מזלן אַ פרנסה, נאָך דעם ווי אַ סירישע קויל האָט איר ניסימען, אין די שענסטע יאָרן זיינע, אַריינגעשליידערט פון שיפל אין וואַסער אַריין. און דאָס האָט ער געפונען דעם נאָמען פאַר דער אַלמנהס באַר־רעסטאָראַן — „מזל־דגים".

מ'האָט געזאָגט, אַז ער טראָגט צו איר אַהער מער פיש ווי אויפן מאַרק, און אַ סך מער ווי צו זיך אַהיים.

מענדל האָט דערציילט, אַז ווען ער איז אַנומלט פלוצעם אַריין אין דער מסעדה, און נישט געווען דאָרט קיין לעבעדיקע נשמה, האָט ער זיי געכאַפּט אויף דער מעשה... ער האָט זיי געכאַפּט, ווי ער גליטשט אַריין צאַפּלדיקע פיש צווישן אירע בריסט־העלפטן, און זי טראָגט אים אָקעגן מיט אַ דערקוויקנדיקער הנאה איר אָנגע־

פֿישטן בוזעם, און בעט נאָך, נאָך אַ פֿישל, אַ גרעסערן, נאָך אַ גרעסערן... ביז דער בוזעם איז פֿול, און מער גייט נישט אַריין... און געווען זענען זיי פֿאַרנומען מיט זיך, אַז זיי האָבן אים נישט געזען אַריינקומען, ווי זיי האָבן אים נישט געזען אַרויסגיין...

ווען דאָס איז דערגאַנגען צו יונהס אויערן, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן איין האַנט אין דער צווייטער מיט אַ קנאַל, און אויסגערופֿן ווי איינער וואָס איז שטאָלץ מיט אַ מייסטער־אויפֿטו:

— אָט, אַ כוואַט, אַ טאַטע! ווער וואָלט זיך געקאָנט מיט אים פֿאַרמעסטן, אין זיינע יאָרן!

פּנחס האָט געזאָגט, אַז ווען ער זעט עס, איז — אָדער ער וואָלט געוואָרן אין גאַנצן בלינד, אָדער — אויף ס'נײַ זעעוודיק.

יוחנן האָט געקלאַפּט מיט דער פֿויסט און מיטן גלאָז אין טיש, אָבער דאָס איז געווען אַן אַנדער קלאַפּן ווי תמיד.

יגאל האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט עס געקאָנט נאָך בעסער, און ווען עס האָט שוין נישט געקאָנט אַריין אויבן, וואָלט ער געשטופּט אויך אונטן...

מזל האָט געזאָגט, אַז עס הייבט זיך נישט אָן. ער האָט גרויסע אויגן, דער עולה חדש. אַן אויסדאַכטעניש בלויז, ביי אַ קאַרגן ציטערליכט. און אַז זי וועט אים פֿאַרטרייבן, דעם קאַצקער, מיטן פֿרומען אַנשטעל און טריפֿענער נשמה, דעם רכילותניק.

ברוך האָט געזאָגט, אַז נאָר אַ טייל איז אמת. ער האָט איר טאַקע געגעבן פֿיש, אָבער אין האַנט אַריין, פֿון האַנט צו האַנט...

און יוכבד, צו וועלכער בייזע צינגער האָבן צוגעטראָגן, האָט געזאָגט: — זאָל אים ווויל באַקומען, און אויך איר זאָל באַקומען אַזאַ מזל... זי איז נישט בעסער ווערט, ניסימס אַלמנה...

און זי האָט צוגעגעבן טראַציק:

— אָבער וואָס האָבן די פֿיש געזינדיקט, וואָס?...

ב.

אין אַ שײנעם פרימאָרגן, האָט ער דאָס שיפל נישט אָפּגעפונען.

ער האָט געריבן די אויגן. אפשר זעט ער שלעכט? ער האָט געטריבן די זון, וואָס האָט אים געפּאַנגען אין אַ געדיכטער פײער־נעץ, געריסן די שפּיזיקע צונטער־געוועבן און געשלײדערט װײט פון זיך.

װוּ איז ברוך?

ער איז אַרײן מיט די הויכע פישערשיך אין װאַסער, געשאַרט מיט די הענט װי אײנער װאָס פאַרמעסט זיך צום שװימען; אפשר װעלן די הענט זײן געטרײער װי די אַלטע אויגן? װאַסער האָט זיך אַרײנגעריסן אין די שיכרערן, געשטאָכן די פיסזוילן װי מיט גליטראַפּנס, און פון דאָרטן פאַרקראָכן ביז אונטערן שאַרבן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ פעסטער קני פון אַן אַרויסשטײענדיקן װאָרצל, נישט אומצופאַלן. ער איז געשטאַנען אַ װײל. געקוקט פאַרויס. אפשר האָט אַ שטורעם, ביי נאַכט, פאַרשלעפּט דאָס שיפל, פאַרוואָרפן װײט פון ברעג? ער האָט געזען פלעקן װי שיפלער, צעזײט און צעשפּרײט איבערן װאַסער, אָבער געװען זענען עס צערונענע זונטראָפּנס, אָנגעהאָנגענע אויף זוניקע דראָטן, װי שפּינען ביים עק פון געשפּין־פעדעם.

ער איז אַרויס. אפשר האָט אַ בײזער װירבל־שטורעם אַ הײב געטאָן דאָס שיפל און אַ שלײדער געטאָן ערגעץ אויף אַ ברעג, צװישן קוסטעס, הויכע גראָזן, ביימער, פעלדזיקע שטײנער? אפשר װעט ער געפינען ערגעץ אַ ברעטל, אַ ברוכשטיק, דעם רעטונגבײגל, די װעסלעס, אַ ברעקל, אַ סימן?

טוי איז געלעגן אויף די אַרומיקע גראָזן און בוימבלעטער און געציטערט אָנטקעגן דעם גלײַזקן באַריר פון די זונשפּיזן. די רחבותדיקע פּאַלמען־אַרעמס האָבן זיך געצויגן תּפילהדיק צו די הימלען און געבליבן אַזוי פאַרדבקהט און שטאַר. מילד און בלאָ

האָט זיך געשפּרייט דער כינרת. און אַזוי אויך דער הימל איבער אים. פישלער האָבן געשפּאָלטן דעם וואַסער־שפּיגל מיט אַ צעזיל־בערט קעפּל, מיט אַ צעקונדסט עקל, אָדער געיאָגט זיך שטיפעריש נאָך כוואַליעס געשאַפענע דורך זייער געאייל. עטלעכע מעוועס האָבן אָפּגעשאָקלט פון זיך די רעשטלעך שלאָף, פונאַנדערגעצויגן די גלידער, אויסגעצויגן דעם האַלדז גרייט צו וואַרפן זיך אויף אַ זיכערן קרבן.

נישט אַזוי זעט אויס דאָ אַ פרימאָרגן נאָך אַ שטורעם.

ווו איז ברוך?

אפשר האָט עמעץ געבאָרגט זיך דאָס שיפל? געזען אַ שיפל אַליין, הוידעט זיך אויפן וואַסער, נישט פאַרפעסטיקט צום ברעג, אָן אַ באַלעבאָס, האָט ער זיך עס אויסגעבאָרגט. וואָס פאַרא עוולה דערביי? און די אותיות פונעם נאָמען זענען אַזוי אויסגעריבן און אָפּגעקראַכן, אַז מען קאָן זיי קוים דערקענען; סיידן אַן אַלטער תושב, וואָס קען אים און קען זיין שיפל. זענען דאָך פאַראַן דאָ אַ שפּאָר ביסל פריש געקומענע, כן ירבו, די שטילע יידן מיט די שרייַיק־יידישע הערצער. האָט איינער פון זיי געזען אַ שיפל, איינזאַם, פאַרלאָזן, אויף הפקר, האָט ער זיך עס אויסגעבאָרגט.

ער וועט גיין זוכן. ער וועט גיין אין די קיבוצים אַרום כינרת און וועט פרעגן. אפשר איז עמעץ פון די קיבוצניקעס געבליבן שטעקן אויף דער זייט וואַסער, קיין אויטאָבוס מער נישט געווען, און גיין אַרום ברעג איז אַ גרויסער מהלך, האָט ער באַמערקט דאָס שיפל מיט די פאַרפעסטיקטע וועסלעס אינעווייניק, האָט ער זיך אַריבערגעשיפט. אָדער גאָר — אַ חייל, געקומען אויף געציילטע טעג פון אַ ווייטער יחידה, אָדער בלויז אויף איבער נאַכט, אַ מעת־לעת, צו אַן איינזאַמער מאַמען, וואָס גייט אויס פון בענקען, אָדער צו אַ כלה, וואָס קאָן שוין מער נישט וואַרטן, און ער איז געבליבן שטעקן שפּעט אין אָוונט, אָדער ביי נאַכט, אָדער ערב פאַר טאָגס;

געהאַט אַ טרעמפּ ביז טבריה, און — ביזן גולן, אָדער ביז אַ קיבוץ אויף יענער זייט, איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג. גיי, וואַרף דיך פּשוט אין וואַסער אַריין, אָדער לאָז דיך שווימען מיט מיילן־קלאַפּטערס... און דאָ הוידעט זיך אַ שיפל הפקרדיק, און בעט זיך ממש: נעם מיך און זיי מקיים דיין באַגער. נישט אַנדערש ווי אליהו הנביא אַליין האָט אונטערגעשיקט דאָס דאָזיקע שיפל. ער אַליין, ווען ער איז אין אַזאַ לאַגע, צי וואָלט ער בעסער געטאָן? זיכער נישט. היינט ערשט — די היינטיקע יוגנט, די יונגע חברה, די מחנות לא־איכפּתניקעס, וואָס גאָט אין האַרצן האָבן זיי נישט, און גאָרנישט האַלט זיי צוריק פֿון הפקר און אַוואַנטורעס.

ווו איז ברוך?

ער וועט גיין זוכן. עס אַרבעטן שוין די קיבוצניקעס אין די פֿעלדער. ער וועט גיין פֿרעגן. די פֿיס זענען שווער. ער האָט זיך צוגעזעצט, אַרויסגעשליידערט דאָס וואַסער, וואָס אין די גומענע שיך און געשטעלט זיי קעגן דער זון צו טריקענען.

ג.

דערנעבן איז געלעגן אַ שטיין, ווי אַ שטיק אָפּגעשפּרונגענער פֿעלדז. פֿון אויבן איז ער געווען אויסגעהוילט, אויסגעדלובעט ווי מיט אַ סקולפּטאָר־העמערל און ווי באַשטימט פֿאַר אַ מענטשנקאָפּ זיך אַוועקצולייגן אויף אים. האָט ער זיך צוגעזעצט, אויסגעצויגן די נאַסע און נאַקעטע פֿיס צו דער זון, און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ. שטיינער זענען אויך גאָטס באַשעפֿענישן, האָט ער געטראַכט. זיי האָבן כל מיני פֿאָרמען און זיי זעען נאָר אויס טויט. גיב אָבער אַ קלאַפּ אַ שטיין אין אַ שטיין, און עס וועקט זיך אין זיי אַ לעבן. באַלד שפּרינגען אַרויס פֿונקען, לעבעדיק פֿייער. ווער ווייסט וויפֿיל פֿייער איז אָנגעזאַמלט, איז פֿאַרבאָרגן אינעם שטיין, און ווען ער צעפֿונקט זיך? אויך אַ מענטש איז ווי אַ שטיין. פֿאַראַן אין אים אַן אַ שיעור פֿאַרבאָרגענע כוחות, פֿלאַמען און פֿונקען, און נישט תמיד

קומען זיי אַרויס. מען דאַרף זיי אָפּט אַרויסרופן, זיי נייטיקן זיך אין באַגײַנצנדיקע באַדינגונגען; ווען עס שטויסן זיך צונויף צוויי מענטשן. אַ שטייגער, ווען עס קומען זיך צונויף אַ מאַן מיט אַ פרוי, אָדער...

צי האָט ער געקאָנט חלומען, אַ שטייגער, אַז ער וועט גאָר ווערן אַ פישער, און נאָך אַזאַ פאַרברענטער פישער דערצו? ווען נישט דער צופאַל, ווען נישט דאָס צונויפטרעפן זיך מיט ראַשיד באַראַמבען? אָט, ווי אַ שטיין קלאַפּט זיך צונויף מיט אַן אַנדערן שטיין...

געווען איז עס נאָך דעם ווי אַן אומדערוואַרטער ווירבלווינט פון מערב האָט צעשטורעמט דעם כינרת און אַ וואָרף געטאָן ראַשידס שיפל שטאָקהויך. דאָס שיפל איז צעשטערט געוואָרן און ער איז אַרויס מיט ווונדן, וואָס זענען גיך פאַרהיילט געוואָרן. איז ער געקומען צו אים, און געזאָגט:

— יאַ באַרוק, לאָמיר מאַכן שותפות, איך וועל דיך לערנען כאַפּן פיש, און דו וועסט אַרײַנגעבן אין שותפות אַ פישערשיף.

— טוב, יאַ ראַשיד. אָבער ווו נעם איך אַ שיף?

— ווו דו נעמסט אַ שיף? ביסט אַ ייִד, יאַ באַרוק, אָדער ביסט נישט אַ ייִד? אַז אַ ייִד וויל געפינען, געפינט ער. ווי אַללאַ איז אַ פאָטער.

— אָבער, יאַ ראַשיד, איך אַ פישער?

— וואָס וועסטו דיך פּלאָגן מיט דיין גאַלאַנטעריע־קלייטל, וואָס ברענגט אַריין געציילטע פּיאַסטערס, אַז דאָ האָסטו ברויט מיט אַ מעסער און צום ברויט... ברענג מיר אַ פישערשיף, חביבי. דו געפעלסט מיר, מיט דיין לייבנקאָפּ, דיינע ברייטע פּלייצעס, דיין באַהאַרטן פאַרנט, וואָס זענען געמאַכט לויט דער מאָס פון אַ פישער־יונג, און נישט צום פאַרקויפן גאַרן, קנעפּלעך און שיכבענדלעך... מער ווי איינער, חביבי, וואָלט מיט מיר געמאַכט שותפות, מיט אַ באַראַמבע ווי איך, זינט דורות אויפן כינרת.

— אָבער ווי נעמט מען אַ שיפל, ראַשיד חביבי?

האָט מאיר ששון, דער נגר, געזאָגט:

— נעם יוכבדן, מיין טאָכטער, און באַקומסט אין נדן אַ פישער־שיף, און געלט צו קויפן פאַנגנעצן, פישערשטריק און ווערלעס מיט שרעקשטאַנגען... די כאַראַמבעס מעג מען גלייבן, פישערס בני פי־שערס, און ראַשיד, ווען ער איז אַן אונדזעריקער, וואָלט מיר אַפילו געפעלן פאַר איינער פון מיינע אַכט טעכטער.

איז גראָד געווען די חתונה פון חוהן, איר עלטערער שוועסטער, אינעם שטאָטישן גאָרטן, מיט געבראָטענע שעפּסן און כינרת־פיש, וואָס האָבן זיך געדרייט אויף אייזנשטאַנגען איבער פלאַקערדיקע פלאַמען, און געטאַנצט אַרום פייער האָט מען ביז נאָך חצות. גע־זונטע יונגען פון די קיבוצים און אַראַבישע געסט זענען געשפּרונגען איבער די פלאַמען, און נישט מיד געוואָרן. אַמהעכסטן און אַמ־ווייטסטן געשפּרונגען איבער די פלאַמען, און נישט אָנגעזענקט געוואָרן, איז ראַשיד כאַראַמבע, און געווונען דעם פּרייז — אַ קעסטל אַלטן וויין פון ראָטשילדס קעלערס. ווי אַ גוטער מוזול־מענער, האָט ער דעם וויין נישט געטרונקען, נאָר אַוועקגעשענקט אים ברוכן. זענען די פלאַשן געגאַנגען פון מויל צו מויל. דער וויין איז געווען שטאַרק; אוי, איז ער געווען שטאַרק! ער האָט געמאַכט רוישן אין קאָפּ, קלאַפּן דאָס האַרץ מיט הנאה און פאַרגעסונג... ווען ער האָט זיך איבערגעוועקט פאַר טאָגס, אינעם שכנותדיקן עוקאַליפּטוס־וועלדל, איז געלעגן נעבן אים יוכבד... זי האָט אים גערופן בועז, מיין הייסגעליבטער בועז, און ער האָט זי גערופן רות, מיין הייסגעליבטע רות... אַ חודש שפּעטער האָבן זיי געשטעלט אַ חופּה. און, ששון דער נגר האָט געהאַלטן וואָרט. און — אַזוי איז ער געוואָרן שותף צו ראַשיד כאַראַמבע. אַכט חדשים נאָך דער חופּה איז געקומען אויף דער וועלט דער בכור. מ'האָט אים גערופן יונה... ווייל אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום ים, אַרום שיפן, אַרום פיש. און דער צווייטער זון האָט געהייסן נון, אָדער נוניה,

וואָס אויב מען וויל איז עס נאָכן פּאָטער פון יהושע, און אויב מ׳וויל — אַ פיש אויף אַראַמיש, אויף אַראַביש...

און אַזוי, איז ברוך משולח דער זון פון מאַראָקאָנער סוחרים, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פישער, אין אַ ליידנשאַפטלעכן פישער־מענטש אויפן כינרת, און דאָס לעבן האָט באַקומען אַ נייעם תוכן: ים, פיש, פישערס, נעצן, וועטער, שטורעמס, ווינטן, פישפאַנג, פיש־פאַרקויף, ראַשיד כּאַראַמבע... יאַ ראַשיד, חביבי... יאַ באַרוק, חביבי, דו ביסט אַ פריינד, ווי מאַכמעד איז אַללאַס שליח ... ברוך און ראַשיד כּאַראַמבע אויף די וואַסערן פון כינרת ביי טאָג און ביי נאַכט, צי עס ווינטיקט, צי עס שטורעמט, צי עס כּאַמסינט, צי עס ברענט אַ זון און פלאַקערט גלייך אין פּנים אַריין...

די זון איז אַרויס אין איר גאַנצער פרימאָרגנדיקער פּראַכט. איר אונטערשטער רעפטל האָט געוואָרעמט דאָס וואַסער, און דער אייבערשטער האָט געשיקט זיינע גלי׳זיקע שפּיזן צום אַרומיקן גרינס ביי די ברעגן און צום אויפגעוואַכטן אַרום. זי האָט נישט געקאַרגט איר פלאַמיקן גאָב אויך ברוכן, זיין שיטער באַהאָרטן קאָפּ, זיין צעפאַלדעוועטן שטערן און די איינגעשרומפּענע הויט פון זיין פּנים. דער צעהיצטער שטיין האָט געוואָרעמט דאָס פעטס פון זיין דיקן קאַרק און געמאַכט רוישן דאָס בלוט אין קאָפּ.

ער האָט זיך אויפגעוועקט פון דרימל, זיך אויפגעזעצט, אָפּגע־וואַנדן דעם קאָפּ פון דער זון, פונעם שטיין. ער האָט געמיינט, אַז דאָס האָט ער געחלומט וועגן דעם שטיין מיט דעם פאַרטיפטן שטח אויף אַוועקצולייגן באַקוועם דעם קאָפּ. עס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַ פאַרגלייך מיט אַ שטיין פונעם חומש, אויף וועלכן איינער פון די הייליקע אָבות האָט אַוועקגעלייגט זיין געבענטשטן קאָפּ, און געחלומט, געחלומט וועגן אַ לייטער און וועגן מלאכים... אָבער ער האָט אָפּגעשטויסן גיך דעם געדאַנק... ווער איז ער צו טראַכטן אַזעלכע מחשבות, אַרויסצוברענגען אַזעלכע פאַרגלייכן?

ער איז דאָך נישט ווערט דעם שטויב פון... פון יענעם, דעם שטויב אַפילו יענעמס נישט ווערט... נישט ווערט אַפילו, אַז ער זאָל אַרויס־זאָגן דעם נאָמען זיינעם...

ער האָט געגלעט דעם שטיין, אים אַ קוש געטאָן. שטיינער זענען גאָטס באַשעפענישן.

דערנעבן זענען געשטאַנען זיינע הויכע שיך. ער האָט זיי אַרויפגעצויגן אויף זיינע פיס. און זיך געלאָזט שפּאַנען.

ד.

וווּ איז ברוך?

ער גייט זוכן. עס גייט זיך לייכטער נאָך אַ קליינעם דרימל, און ווען עס שפּילט צו די איבערגעטריקנטע שיכגומי, וואָס דערמאָנט אין געסקריפּ פונעם שיפל אין שטילע, אָוונטיקע וואַסערן, נאָך אַ טאָג פון כולו זון; דעמאָלט הערט מען ווי עס טריקנט דאָס געהילץ, וואָס הייבט זיך איבער די כוואַליעס, ווי עס שרומפּן איין די אַלטע ברעטלעך און ווי עס שיילט זיך אָפּ די קלעפּסמאָלע, וואָס האַלט זיי אין געקלעם.

אַנדערש איז געווען דאָס סקריפּען פון דער שותּפות־שיף, אויף וועלכער ער האָט געמאַכט זיין פישער־קאַריערע צוזאַמען מיט ראַשידן. זי איז געווען גרויס, פאַר צוויי פישערס, און אָן אַ שיעור פישערגעצייג. דאָס טריקענען פון די ברעטער און פון די באַהעפט־מאַטעריאַלן איז געווען באַגלייט מיט אַ זלידנעם רעש פון די אָנגעזאַמלטע פאַנג־כלים און קייטלעך. אויך דער פּליעסק פון די כוואַליעס אין די שיפזייטן און דער ענטפער פון שיפגעביי און זיינע אינגעווייד איז געווען אַ מער מענלעכער, ווידערקוליקער, ברונעמדיקער. אָפט, כדי צו דערהערן איינער דעם צווייטן, האָט מען געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען דעם קול.

זינט ער האָט ברוכן, דאָס שיפל, האָט זיך שוין שפּאָר צוגע־טעמפּט אין זיין זיכרון דאָס סקריפּען פון דער ערשטער שיף, און

אַ סך פון דעם, וואָס עס האָט אים געבונדן מיט ראַשידן. ראַשידן אַליין האָט ער נישט פאַרגעסן, הגם עס איז שוין עטלעכע צענדליק יאָר, ווי ער האָט אים נישט געזען און נישט געהערט. ער איז ווי אין ים אַריין. ווי לאַנג איז עס? לייכט אויסצורעכענען. עס איז אַזוי לאַנג ווי לאַנג עס עקזיסטירט די מדינה. עס איז געבליבן נאָך אים אַ צעטל, צוגעפעסטיקט צום באָדעם פון דער שיף: „איך גיי אַוועק צוזאַמען מיט מיינע ברידער. אויף אַ קורצע צייט נאָר. איך באַדויער דיך צו פאַרלאָזן, יאַ, באַרוך חביבי. נאָך מער באַדויער איך דעם כינרת. איך גלייב נישט, אַז כ'וועל לאַנג קאָנען לעבן אינעם בענקען נאָכן כינרת, נאָך פישפאַנג אויפן כינרת. צוליב דער שינאה, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט צווישן אונדזערע פעלקער, קאָן איך זיך אפילו נישט געזעגענען מיט דיר, אַנדערש ווי דורך דעם דאָזיקן צעטל. זאָל אַללאַ פירן מיינע טריט און זאָל דער גורל זיין גוט צו דיר".

ווו איז ראַשיד? צווישן די ווילד־פאַרביסענע סיריער? צווישן די לבנונער צעדערס? ער איז זיכער נישט צווישן די באַנדעס טעראָריסטן און מערדערס, וואָס ווילן פאַרטרייבן די יידן פון לאַנד פון זייערע אָבות, פון דעם צוריק דערוואָרבענעם יידן־מלכות, וואָס ווילן אומברענגען גאָטס פאָלק. ער איז געווען אַזאַ גוטער, ראַשיד, אַזאַ ערלעכער. קיין מאָל איז אַללאַ נישט אַראָפּ פון זיינע ליפּן. איינער, וואָס גלייבט מיטן גאַנצן האַרצן און מיינט עס אויפריכטיק, קאָן נישט זיין קיין שלעכטער, קאָן נישט זיין קיין מערדער. כאָטש פון דער נאַטור איז ער געווען אַ האַרטער, אַ שטרענגער. ווען דעם אַלטן אַבוזיידס זונדל, כאַסאַן, האָט זיך געשדכנט צו דער שיינער שאַפיקאַ, זיין שוועסטער, און פאַרבראַכט מיט איר שטיקער נעכט אינעם בויך פון טאַטנס פישערשיף, האָט ער אים געפרעגט: „ווילסטו חתונה האָבן מיט איר, קום, זאָג עס, ווי עס פירט זיך. ווילסטו בלויז געניסן פון איר, איז אַללאַ אַ פאָטער, ווי כ'וועל פון דיר מאַכן פאַלאַפעל־פּלייש"... און, ווען דאָס האָט ווייטער אַזוי

אָנגעהאַלטן, האָט ער אים אָפּגעוואָרט, אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע פעסטע אָרעמס און אַ שליידער געטאָן אין וואַסער אַריין, ווי מען וואַרפט אַ שטיין צום תהום, און אַפילו נישט געוואַרט צו זען צי ער וועט אַרויס אַ לעבעדיקער... און, ווען שאַפּיקאַ, די שיינע, איז שפּעטער געלאָפן צו אים, פאַרברענגען צווישן די געדיכטע קוס־טעס, ביים וואַסערבייג, הינטער דער שטאָט, האָט ער זי געכאַפּט, און געגומען טונקען איר קאָפּ, אַריין און אַרויס, אַזוי לאַנג ביז זי וועט זאָגן, אַז מער וועט זי אים נישט באַגעגענען. און ווען זי האָט נישט געוואָלט זאָגן, האָט ער זי ערשט אָפּגעלאָזן, ווען זי איז געווען אָן אָטעם... אומצייליקע מאָל האָט ער עס אים דערציילט בעתן פאָרן אויפן וואַסער אין די לאַנגע אָוונטן צווישן חנוכה און פורים, און איבערגעגעבן די מינדסטע פּרטים ווי אַזוי ער האָט די צוויי פאַרליבטע אָנגעלערנט, געלערנט שכל, און אויסגעפּירט... און שפּעטער האָט ער געהערט דאָס זעלבע פון כאַסאַנען און שאַ־פּיקאָן אַליין. זיי זענען געוואָרן אַ מוסטערהאַפט פּישערפּאָרל, און האָבן ליב געהאַט צו פאָרן פּאַראַלעל צו זייער שיף, און צו דער־ציילן ווי אַזוי ראַשיד האָט זיי מקיים פּסק געווען. און בעת מעשה נאָכגעמאַכט מיט די הענט די באַוועגונגען, ווי ער וואַרפט אַריין אין וואַסער, ווי ער טויכט אונטער דעם קאָפּ, איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל, און ווי זי וואַרפט זיך, וואַרפט זיך, און פאַר־מאַכט פעסט איר מויל... זיי פלעגן דערציילן און דערביי לאַכן, קייכן פאַר געלעכטער. און ביידע שיפלעך פלעגן זיך וואַרפן, טרייסלען זיך אין אַלע זייטן, ווי זיי וואָלטן מיטגעלאַכט, מיטגעקייכט...

און, אַז ראַשיד איז נישטאָ — צו וואָס טויג אים אַ פּישערשיף פאַר צוויי? וואָס וועט ער טאָן איינער אַליין מיט אַ גרויסער שיף?

די קינדער זענען פאַרזאָרגט. צוויי זין ציען פּרנסה פון פישן אויפן כינרת. צוויי האָט געצויגן דער גרויסער ים. זענען זיי אַריין אין חיל־הים, אין קריגסשיפן און וועלן שוין דאָרטן פאַרבלייבן. דער

גרויסער ים האַלט דיך ביים גאַרגל נישט ווייניקער ווי דער היימי־שער כינרת. דאָס איז אַ קרענק אַזאַ, וואָס איז אַ סגולה צו אַ גוט געזונט און אַריכות־ימים... איינער שווימט אין דער לופטן, געוואָרן אַ פּילאָט, אין חיל־אוויר. ער האָט די זעלבע כוונות, ווי זיינע מאַרין־ברידער. די צוויי טעכטער האָבן חתונה געהאַט מיט קיבוצניקעס, און געבליבן ביי די מענער.

אַלע זענען פאַרזאָרגט אַחוץ דעם יינגסטן זון, נפתלי. ער איז אַרויס אַ שווער פאַרוווּנדעטער פון דער מלחמת השיחרור, אָפּגע־לעגן איבער אַ יאָר אין שפּיטאָל. ער האָט קיין פּאַך נישט. ער שלעפּט אַ פוס. וועט זיין גוט פאַר אים דאָס לעבן פון אַ פישער. ער הייסט נפתלי, לויט דעם שבט, צו וועלכן די כינרת־געגנט געהערט. זאָל ער בלייבן געטריי צו דעם טייל פון לאַנד און צום כינרת און ווערן אַ פישער. און געוואָרפן אַן אויג האָט ער אויף אלישבען, מאיר חטיפאס בת־יחידה, וואָס שפּינט נעצן און פאַר־ריכט זיי, ווי אַ שפּין איר געוועב. נו, וועט ער זיי געבן אין נדן אַריין די שיף... און געזאָגט האָט ער זיי: נאָט אייך, קינדער, זאָל די שיף און דער כינרת אייך וויל באַקומען, און זאָלט איר האָבן דעם זכות ממשיך צו זיין לתהילה די פישער־טראַדיציעס אויפן כינרת. אָבער, זייט וויסן, אַז נאָר אַ האַלבע שיף איז אייערע. וועט ראַשיד צוריקקומען, איז זיין האַלבע שיף אין זיין רשות. ווערט ער שותף צו נפתלין, און דו, אלישבע, וועסט זיך ווידער נעמען צו די נעצן, מיט דיינע כישוף־פינגערלעך...

און אַליין, פאַר זיך, האָט ער באַשטעלט ביי מנשהן, מאיר ששונס יורש, אַ ניי שיפל, אַ שיפל בלויז פאַר איין מענטש. ער זאָל קאָנען אַליין אַרויספאָרן אויפן כינרת, ווען עס וועט זיך אים גלוסטן, כאַפּן פיש, פאַרלייגן נעצן, אָדער פשוט אַוועקלייגן זיך מיטן פּנים אַרויף, קוקן אין הימל אַריין, באַוווּנדערן די זריחה, די שקיעה, אָדער סתם חלומען, חלומען וועגן משיחן, זוכן אים צווישן די כוואַליעס, צווישן די פיש, דערמאָנען זיך אַלץ, וואָס איז

פאַרביי, אַט אַזוי ווי ער טוט עס איצט, פאָרן מיטן שיפל און זיין לעבן זאָל מיטפאָרן, ווי ער גייט איצט — און זיין לעבן גייט מיט אים מיט, שפּאַנט מיט אים מיט...

ה.

ווו איז ברוך?

ער גייט. עס סקריפּען נאָך אַלץ די שיך. אָבער וויניקער.

עס פאָרט „לוויתן", די לוקסוס־שיף, וואָס פירט טוריסטן איבערן כינרת, צו די באַזונדערטער אַרום די ברעגן, און אַריבער אויף יענער זייט, קיין עין־גב. זי דערנענטערט זיך קעגן איבער, צום מאַרטירער־קיבוץ, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן געלעבט אין שאָטן פון דער סירישער אַרטילעריע און פון די פאַרפעסטיקטע מערדע־רישע שכנים אויבן, אויפן גולן, אַ שפּאַן פון דאָרטן, האָבן געשאָסן, געדראָט, געלויערט, געטריבן קינדער אין די בונקערס.

ער איז דאָרט געווען אין איינער אַזאַ שווידערנאַכט. ער איז געפאָרן באַזוכן דינהן, זיין אייניקל, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ קעכין אינעם קיבוצישן פיש־רעסטאָראַן. זי האָט דאָרט געהאַט אַ בחור פון אַן אַשכנזישער משפחה, אַ גראַטעוועטער פון די טויטלאַגערס. האָט זי געוואָלט וויסן וואָס דער זיידע טראַכט וועגן אים. האָט מען געשאָסן אויפן קיבוץ, אויף די פישער־שיפן אויפן כינרת. אַ קו מיט אַ ניי־געבוירן קעלבל האָבן באַצאָלט מיטן לעבן. עטלעכע פּאַלמעס זענען געבליבן צעפליקטע. עטלעכע טייטלביימער האָבן פאַרלוירן זייער פּירות־פּאַרמעג, און געציילטע באַנאַנען־ביימלעך זענען געלעגן אונטערגעשניטענע, אָן לעבן.

דינה האָט אים געבעטן בלייבן איבער נאַכט. אפשר הייבן זיי ווידער אָן שיסן. זיי זענען קיין מאָל נישט מודיע פאָרויס זייערע כוונות.

— גראָד, סבא, ווען וועסט זיין אין מיטן ים, און די ברעגן

זענען ווייט, און גיך אַרבעטן מיט די וועסלעס וועט דיר זיין שווער, אין דיינע יאָרן, נו...

— אין מיינע יאָרן, קינד מיינס? קוק אויף מיינע פעסטע פּליי־צעס, ריר אָן מיינע מוסקלען, דינהלע.

— טאַקע אמת, סבאלע, אָבער יאָרן זענען יאָרן.

דעמאָלט האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט וועגן זיינע יאָרן. „יאָרן זענען יאָרן, סבאלע"...

יוכבד פּלעגט אויך אַ מאָל געבן אָנצוהערן, אָבער זי האָט נישט דערמאָנט די יאָרן, ווייל זי האָט געציילט מער יאָרן ווי ער; נאָר געבעטן, אַז ער זאָל זיך שוינען, ווייל מען איז שוין נישט יונג, מ'דאַרף כוחות אויף שפּעטער...

יונה, דער בכור, ביי וועמען דער רוקן האָט זיך אַ שפּאָר ביסל איינגעבויגן, און דער ווילדער קאָפּ האָר האָט זיך צעזילבערט, ווי אַמנון־שיפּן צווישן צעשוימטע כוואַליעס אַרום אַרויסגעהויבענע נעצן, האָט אָנגעוויזן אויף זיך: „זעסט, טאַטע, די יאָרן טוען דאָס זייעריקע...", און געמיינט האָט ער נישט זיך, נאָר אים...

און נוניה האָט געזאָגט פּשוט, אָן קונצן: „אבא, דו דאַרפסט אַרויפזעצן אַ מאָטאָר אויף דיין שיפל, אַ טרייבמאָטאָר. די וועסלעס זענען שוין נישט פאַר דיר"...

די שיף האָט געלאָזן אַ צעצויגן שנייפעלד הינטער זיך און שוים־לאָמטערנעס, אין וועלכע ס'האָט זיך געשפּיגלט די זון. די טוריסטן גייען עסן די כינרת־פיש, וואָס קיינער קען נישט אַזוי געשמאַק צוגרייטן ווי דאָ אין קיבוץ. דינה פירט שוין אָן היינט, צוזאַמען מיט איר שיקנאַזי, די פיש־מסעדה. אַ שאָד וואָס די שיף איז אַזוי ווייט. ווען זי וואָלט געווען דאָ, ביים ברעג, וואָלט ער זיך מיטגעכאַפּט אַהין צו. אפשר געפינט זיך דאָרט זיין שיפל? דינה וואָלט אים געהאָלפן זוכן. זי איז אַ גוטע, זי איז געראָטן אין יוכבדן, איר באָבען.

די זון האָט באַגלייט זיינע טריט און געזייט פייערדיקע פלעקן אויפן וואַסער, פאַרלייגט פאַרבלענדנעצן אַרום די אויגן. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט מיט זיך זיין פישערהוט מיטן ברייטן ראַנד. ער האָט אים מסתמא געלאָזן אינעם שיפל. ער וועט אַליין מאַכן אַ הוט. מען דאַרף שוינען דעם קאָפּ, די אויגן. אָט זענעז יונגע פּאַלמע־ביימלעך מיטן הויפּיקן בלעטערוואַרג, און הויכע גראָזן ביים וואַסער־אָפּהאַנג. ער וועט זיי אָפּרייסן, צונויפפלעכטן, צונויפבינדן אין דער פאָרם פון אַ הוט, מיט אַ ראַנד איבער די אויגן.

לוויתן הוידעט זיך אויף יענער זייט ברעג. די טוריסטן עסן פיש. דער מאָטאָר איז אויסגעלאָשן.

ער, ברוך, דאַרף נישט קיין מאָטאָר. ער וועט נישט אַרויפזעצן קיין מאָטאָר. ער וועט, בעזרת השם, אויסקומען אָן אים. אַ מאָטאָר מאַכט אַ רעש, אַ ווינט, טרייבט ווי אַ טייוול. אַ מאָטאָר מאַכט פויל, נעמט אָפּ די מוסקלען, טריקנט אויס דעם מאַרך פון די ביינער, פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. אַ מאָטאָר וועט אים מאַכן אויף אָן אמת אַלט, טרייבן אין גרוב פאַר דער צייט. עקיבא כהן האָט זיך געלאָזט צורעדן צו אַ מאָטאָר; ער איז נאָך נישט געווען אַזוי אַלט, עקיבא. נו, איז דער מאָטאָר געגאַנגען און געגאַנגען, און ער איז אַריין אין אַ דרימל, אָן אייביקן דרימל. מ׳האָט אים געפונען אַ טויטן אינעם שיפל.

זינט זיין שיפל האָט זיך לעצטנס איבערגעדרייט און ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער, האָבן די פישערזין צונויפגערופן אַלע קינדער אויף אַ משפחה־פאַרזאַמלונג, און זיי האָבן געפסקנט איינ־שטימיק: גענוג! גענוג ים, גענוג פיש, גענוג שיף! וויפל איז דער שיעור, האַ? נאָך אַזאַ אומגליק אין מיטן פאָרן, הייסט ערשט — ה׳ען עס וועט שטורעמען אויפן כינרת... נישטאָ מער די אַמאָליקע כוחות.

— מילא, וואָס איז נאָך שענער פאַר אַ פישער ווי שטאַרבן אין אַ שיפל בעתן כאַפּן פיש? ראַשידס זיידע און עלטער־זיידע זענען אומגעקומען מיט אַזאַ טויט. זייערע מצבות, אויפן פאַרוואָר־לאָזטן אַראַבישן בית־עלמין, זענען די איינציקע, וואָס האָבן נאָך אַ פּנים, ווייל מ׳האָט זיי געמאַכט פון גראַניט, ווי פאַר העלדן, פאַר אמתע פישער־העלדן. און וואָס שייך כוחות — אויף אייך געזאָגט, קינדער, אין מיינע יאָרן. מער ווי איין יונגער פישער וועט זיך נישט קאָנען פאַרמעסטן מיט זיי.

— מען האָט שוין געזען אַזעלכע העלדן, אבא.

— מען האָט שוין געזען, סבא...

יגאל, וואָס האָט זיך אַריינגעשמוגלט צווישן די פאַרזאַמלטע, און געווען דער איינציקער פאַרשטייער פונעם נייסטן פישער־דור אין דער משפחה, האָט געזאָגט — ווי מען וואָלט געפרעגט זיין דעה, און ווי עס וואָלט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך:

— נאָך וואָס איינשטעלן ס׳לעבן, האַ? איך וועל נעמען דאָס שיפל. עס איז גראָד פאַר מיר אויף אָנצוהייבן מיין אייגן פישער־לעבן... איך וויל נישט מער מיטשלעפּן זיך מיטן זיידן. ער שרייט אויף מיר, פאַרלירט זיינע נערוון. ער איז אַ פאַרצייטיקער פישער, ווי דער עלטער־זיידע... איך וועל אַרויפזעצן אַ מאָטאָר, און מיינע נעצן וועלן זיך פונאַנדערוויקלען און צונויפוויקלען אויטאָמאַטיש, מיט אַ קוועטש אויף אַ קנעפּל... און לאָקפישלעך וועל איך אָנהענגען פון אַלע זייטן מיט שאַרפע האָקנס, אויפצוכאַפּן די פיש, נעבן די וואָס וועלן אַריין אין די נעצן.

— חלילה, קינדער. נישט קיין מאָטאָר! נישט קיין האָקנס, קינד מיינס. נישט קיין מערדערישע האָקנס... אוי, די מלחמה, די מלחמה, און די מערדערישע שכנים אויף די גרענעצן... דאָס לאָזט איבער שפורן, דאָס איז אָנשטעקעוודיק... אוי, ווי קומט שוין משיח, משיח בן דוד...

— אויפן רוקן פון אַ כינרת־פיש, האַ?

— זאָל זיין ווי עס זאָל נישט זיין, נאָר קומען זאָל ער און גיך, גיך, גאָר גיך!

ו.

פּלוצעם האָט ער געהערט הינטער זיך אַ רעש, וואָס דערנענטערט זיך, שניידט זיך אַריין מיט אַ שאַרפן פייפנדיקן ווינט אין זיין לייב. ער האָט אויפגעציטערט. געדיכט הינטער אים האָט זיך פאַרהאַלטן אַן אויטאָ.

— דו זעסט נישט ווו דו גייסט? ביסט בלינד, אַלטער שלעפּער? — האָט אַ יונגער קאָפּ אַרויסגעקוקט פון פענצטער, און געשריגן.

עס איז געווען אַ מיליטערישער אויטאָ און דער קאָפּ האָט געהערט צו אַ חייל.

— דער זייטנוועג איז דיר צו שמאָל, אַז דו מוזסט גיין מיטן ברייטן שליאַך, האַ?

ער האָט געקוקט אויפן אויפגערעגטן חייל, גערוקט זיך אַ פּאָר טריט אין אַ זייט. דער רעש, דער פייף פון אויטאָ־טראָמפּייט און דעם חיילס בייזער טאָן האָבן אים אַרויסגעפירט פון זיינע מחשבות.

— וווּהין גייסטו, אַלטער ייד?

— נאָר נישט אַלטער ייד, יונגערמאַן, נאָר נישט אַלט!

— וואָלסט געקאָנט זיי מיין עלטער־זיידע, ר׳ ייד.

— און אַז יאָ, איז וואָס, יונגער צוציק, וואָס דו ביסט?!

— זיי מוחל. אָבער וווּהין שלעפּסטו דיינע מידע פיס?

— איך גיי זוכן ברוכן. ברוכן זוך איך.

— וועמען?

— ברוכן זוך איך.

— איז מזל טוב דיר, ר׳ ייד. האָסט אים געפונען.

ער האָט אויפגעהויבן אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן, און אַ ברייטער שמייכל האָט פאַרטריבן דעם אומעט פון זיין פּנים. ער

איז צוגעלאָפן צום הינטערשטן טייל פון אויטאָ, געדראַפּעט זיך אויף די שפּיץ פינגער און אַריינגעקוקט, געזוכט מיט די הענט צווישן די פּעק און קאַסטנס, וואָס האָבן זיך געשטאַקט אונטערן ברעזענטענעם דאַך־צודעק.

— ווו, ווו איז ברוך? — האָט ער געפרעגט אַן אַנטווישטער און מיט ווילדע אויגן.

— איך, איך בין ברוך — האָט דער חייל אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער.

— דו ביסט אַ שיף, דו?

— דו זעסט נישט? ביסט טאַקע בלינד אויך?

ער האָט זיך געריבן די אויגן, אַראָפּגענומען דעם בלעטערהוט פון קאָפּ און געשטאַנען ווי אַ פאַרלוירענער.

— מיין נאָמען איז ברוך — האָט דער חייל אַראָפּגעשריגן צו אים און פאַרגאַנגען זיך אין אַ קייכיק געלעכטער — מען רופט מיך ברוך. וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין?

און ווען ער האָט אויפגעהערט לאַכן, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— ווילסט אַ טרעמפּ, האָ?

— וווּהין פאָרסטו, יונגער לץ?

— וווּהין ווילסטו פאָרן, עלטער־זיידע?

— פיר מיך קיין עין־גב. דאָרט איז אפשר פאַראַנקערט מיין שיפל. דאָרט איז מיין דינה, זי וועט מיר העלפן זוכן אָפּגעפינען מיין שיפל. זי איז אַזאַ גוטע, דינה, די גוטסקייט אַליין... ווי יוכבד איז זי. אויך איר שיקנאַזי איז אַזאַ גוטער. זי האָט דווקא גוט געטראָפן מיטן שיקנאַזי...

— איך פאָר קיין בית־שאן, צו דער מיליטערישער באַזע דאָרט. דאָס איז אין אַן אַנדערער זייט גאָר.

— פאָר בעסער צו דינהן. זי איז אַזאַ גוטע. זי וועט דיך מכבד זיין מיט די אמתע כּינרת־פיש, וואָס האָסט נאָך אַזעלכע נישט געגעסן... זי איז געראָטן מיט איר גוטסקייט אין איר באָבען... אויך

דו האָסט אַזעלכע גוטע אויגן, ווי דינה, כאַטש דו שרייסט... אַ יידי־שער חייל מוז האָבן גוטע אויגן, אַ גוט האַרץ פון אַ בעל־רחמים...

— נו, אַריין אין אויטאָ! — האָט דער חייל באַפוילן און אים געעפנט די טיר פון דער צווייטער זייט.

ער איז אַראָפּ און אים געהאָלפן אַרויפשטעלן די פיס אויף דער טרעפּ פון איינגאַנג. ברוך האָט אים אָפּגעשטופּט, נישט געלאָזן אונטערהייבן זיינע פיס. ער איז אַליין אַריין.

— עס איז אַ סך נאָענטער קיין טבריה — האָט געזאָגט דער חייל — איך וועל דיך צוריקפירן אַהין צו, מסתמא איז דאָרט דיין היים. ווו? זאָג מיר גענוי.

— מזל־דגים — האָט ער געזאָגט — פיר מיך צו דער מסעדה פון מזל, דער אַלמנה, צו מזל־דגים, בשכנות פון פּאַרט, ביים וואַסער... יעדער קען מזלס מסעדה, מזל, ניסימס אַלמנה. נו, פּאָר, געבענטשטער באַשיצער אונדזערער, מיט די גוטע, בעל־רחמימדיקע אויגן, ווי דינה, ווי דער שיקנאַזי, ווי...

ז.

אין „מזל־דגים״ איז געווען פול.

די פישערס, וואָס זענען אַרויס אויפן וואַסער פאַר טאָגס, קומען אין דער צייט דערוואַרעמען זיך מיט אַ הייסן, אָדער שאַרפן גע־טראַנק, איידער זיי גייען פאַרמסחרן זייער פאַנג. זיי דערציילן בעת מעשה וועגן זייערע אויפטוען, זייער געראַנגל מיטן וועטער, מיט די כוואַליעס, מיט די פיש. און אויפקויפערס זענען דאָ, פון האָטעלן, פון חתונה־ און בר־מצוה־צוגרייטערס, וואָס קומען כאַפּן מציאות, פון די פּריוואַטע ראַמשלער, וואָס גייען נישט צום שוק אָדער אין די געשעפטן, און וואָס ווערן פאַרקויפט אומגעווויגן, אַזוי — אויפן אויג.

און די פישערס, וואָס גייען אַרויס נאָך מיטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, קומען נעמען אַ גלעזל משקה, אָדער אַ פּאָר

פּיתהס מיט פּאַלאַפּעל אין וועג אַריין. און בעת מעשה האָרכן זיי זיך צו צו די רייד פון די פּרימאָרגן־פישערס, און צו די דינגענישן. און פרעגן נביאות וועגן וועטער.

און איידער די ערשטע גייען אַוועק און די צווייטע שפּרינגען אַריין אין זייערע שיפלעך, איז פול ביי מזלן, איז לעבעדיק, איז רעשיק ווי אין אַ בינשטאָק ערב זונפאַרגאַנג. אַלע טישלעך זענען באַזעצט און קנאַפּ איז אויך דאָס אָרט פאַר שטייגעסט נעבן בופעט. צופיל אַרבעט פאַר מזלן. העלפן איר אַרויס פרייוויליק, בעתן גרויסן אַנגעלויף, אַ פּאָר פישעריונגען, ניסימס נשמה־פריינד. זי אַליין פאָרעט זיך אינעם קליינעם קיכל, דערלאַנגט צום בופעט און די פישעריונגען טראָגן און טיילן פונאַנדער די געטראַנקען, די מאכלים.

די שלעכט פאַרפעסטיקטע נעאָן־רער אויפן באַלקן מישט צונויף איר קאַרג און ציטערדיק ליכט מיטן צעטרייסלטן טאָגשיין פון דער זייט פון כינרת. און צווישן ביידן וואַלגערט זיך אַ געדיכטער וואָלקן פון טאַבאַקרויך, וואָס בייסט אויס די אויגן, שטערט די ראיה.

די, וואָס זענען געשטאַנען נעבן דער טיר און ביים בופעט, האָבן פּלוצעם דערזען ברוכן, ווי ער שלעפּט אַריין זיינע שווערע טריט און זיין נאָך שווערער געמיט. זיי האָבן זיך געחידושט. דאָס איז נישט זיין שעה. ער קומט גיכער ווען די נאָכמיטאָג־פישערס זענען שוין לאַנג אויפן וואַסער.

— ברוך הבא, ברוך — האָבן אים עטלעכע באַגריסט ווי תמיד, אָבער זייער באַגריסונג איז צערונען אינעם גרויסן געטומל.

— ברוך הבא, משיח איז דאָ — האָט אים אַקעגנגעטראָגן זיין שטאַם־באַגריסונג מענדל, וואָס איז געזעסן ביי אַ טישל נישט ווייט פון איינגאַנג, און אין זיין קול איז געווען דער ציטער פון אַן איבערפליסיק גלעזל משקה.

— סעידה, יאַ באַרוך, שלום המשיח — האָט אויסגערופן דער

גרייזגרויער פנחס, אָפּהייבנדיק זיין שווערן קאָפּ פונעם טעפּל קאַפּע.

פון דער אָפענער קיכטיר איז צו אים דערגאַנגען דער צעזונגענער און צעלוסטיקטער קול פון מזל:

אַה, האַ, היי
עוד לא אהבתי די,
עוד לא אמרתי די...

און פון אַלע ווינקלען האָבן קולות אונטערגעכאַפּט:

אַה, האַ, היי
עוד לא אהבתי די...

און צוגעגעבן:

ואם לא עכשיו אימתי —
ואם לא עכשיו אימתי?

און הענט האָבן געקלאַפּט פּעסט, איינע אין דער אַנדערער, און די פיס פון די וואָס זענען געשטאַנען נעבן בופעט האָבן גענומען זיך הייבן, שפּרינגען אין דער לופטן, צעשטויסנדיק די אַרומשטייערס, צערוקנדיק די דערנעבנדיקע טישלעך.

ווי אַ וויכער האָט זיך פּלוצעם אַריינגעריסן פון גאַס יגאַל, ווי אַ מעכטיקער שטורעמווינט אין מיטן שלווהדיקע כוואַליעס. ער האָט זיך דורכגעריסן מיט זיינע קרעפטיקע אָרעמס און מיטן לייבנקאָפּ פאָרויס, צווישן דעם עולם, דערשלאָגן זיך צו דער קיכטיר און אַ שלעפּ געטאָן מזלן מיט זיך. די טישלעך האָבן זיך צונויפגערוקט, טייל פישערס זענען אַרויס אין גאַס, און געמאַכט אַן אָרט נעבן בופעט פאַר יגאַלן און מזלן, וואָס זענען אַריין אין אַ ווילדן געטאַנץ, און וואָס גאָרנישט האָט געקאָנט אָפּשטעלן, ווי מ׳קאָן זיך נישט אָקעגנשטעלן אַ מדברדיקן ווירבלווינט אין אַ כאַמסיניקן שגעון־וועטער.

אַהאַ, אַהיי —
עוד לא אהבתי די,

עוד לא אמרתי די —
ואם לא עכשיו, אימתי?!

אַלע האָבן מיטגעזונגען, געקלאַפּט אין די הענט, געטופּעט מיט די פיס. פאַרבייגייערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ טענצל אין דרויסן, מיטגעזונגען:

הרוח והשמש על פני —
אַהאַ, אַהיי,
עוד לא הכל עשיתי,
ממש במו ידי
עוד לא הכל בניתי —
עוד לא אהבתי די
ואם לא עכשיו אימתי?!

מיט איין מאָל האָט יגאל זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט, און באַפוילן:

— מזל, אויף יעדן טיש אַ פלאַש קאָניאַק, שבע שבע שבע, אויף מיין חשבון, איך צאָל, מזל. היינט איז יום־טוב, מזל, היינט איז יום־טוב!

פלאַשן זענען געלאָפן פון קיך צו די טישן און פון מויל צו מויל, און הילכיקע אויסרופן האָבן געריסן שטיקער פון דער שטיקנדיקער לופט: „היינט איז יום־טוב! היינט איז יום־טוב! היינט איז יום־טוב! אַ־נו, אַהער די פלאַש, געטרונקען זאָל ווערן, היינט איז יום־טוב. זאָל לעבן יגאל! היינט איז יום־טוב!״

זיי האָבן געשריגן, געיובלט, ביז די פלאַשן האָבן זיך אויסגעלערט. מ׳האָט נישט געוווסט וואָס פאַר אַ יום טוב איז היינט, צוליב וואָס יום טוב אין מיטן אַ וואָכעדיקן טאָג, וואָס פאַר אַ יום טוב עס איז זיי מבשר דער יונגער יגאל... נאָר, אַז מען שטעלט קאָניאַק, דאַרף מען טרינקען, און אַז מען טרינקט איז דאָך במילא יום־טוב.

הרוח והשמש על פני,
עוד לא אהבתי די,

עוד לא אמרתי די,
ואם לא עכשיו אי־מ־תי?
אַהאַ, אַהיי
ה־ר־ו־ח ו־ה־־ש־מש על פּ־פּ־ני —

ח.

ווען די פישערס זענען זיך צעגאַנגען, איז געבליבן בלויז ברוך. ער איז געשטאַנען איינגעבויגן, אָנגעשפּאַרט מיטביידע עלנבויגנס אין בופעט און דעם שווערן קאָפּ אין די האַנטפלאַכן. זיינע ציטער־דיקע ליפּן האָבן געברומט ברעקלעך פון דער פריערדיקער מעלאָ־דיע, באַגלייט מיט אָפּגעהאַקטע זילבן.

ה־רוח, הא־רוח, ו־הש־מש על פּ־ני —
אַה, אַ־היי, א־ה־...

מזל האָט אָנגעצונדן די זייטיקע לעמפּ און געגאַנגען באַדינען צוויי פּאָרלעך, וואָס זענען אַריין דעמאָלט, ווען די פישערס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און פאַרנומען אַן אָרט ביי די ווינקלטישן, פון הינטן. זיי זענען געקומען באַזונדער. דאָס ערשטע פּאָרל האָט זיך באַגריסט אויף עברית. זיי האָבן געהאַט ווילד־צעשויבערטע האָר. ער האָט געהאַט לאַנגע הענט און זי — אַ בולט אַרויסשטייענ־דיקן פּאָרנט פּאַר זיינע פינגער. פון זייער האַלדזן זיך און קושן זיך מיט רעש, איז געווען צו זען, אַז זיי האָבן ערשט גענומען געניסן פון ליבע, און אַחוץ זיי ביידן, גייט זיי קיינער אין דער וועלט נישט אָן. זיי האָבן באַשטעלט פּיתה מיט פאַלאַפעל און געבראָטענע פיש.

דאָס צווייטע פּאָרל איז אַריין מיט רעש, פאַרטשעפּענדיק מיט די שווערע פּעק אין די הענט, און מיט די איבערגעלאָדענע רוקנזעק אויף די פּלייצעס, אַלץ וואָס זיי האָבן געטראָפן אינעם שטח. ער אַ הויכער, קוים מיט אַ פּויסט נידעריקער ווי דער באַלקן, און זי אַ קליינע, קוים דערלאַנגט אים, מיט די צעקנוילטע רויטע האָר, ביזן אַקסל. ער האָט איר געהאָלפן אַראָפּשטעלן דעם רוקנזאַק,

דערנאָך האָט זי אים געהאָלפן טאָן דאָס זעלבע. זיי האָבן זיך צוגעזעצט, און באַשטעלט, אויפן קול און מיט אַן אַמעריקאַנער אַקצענט, אַ גרויסע פלאַש קאָקאַ־קאָלאַ.

ברוך האָט זיך געפילט נישט באַקוועם. זיין קאָפּ איז אים געווען שווער אין די האַנטפלאַכן און זיינע פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער אים. די פאָרלעך האָבן אים געשטערט. ער וואָלט געוואָלט בלייבן אַליין מיט מזלן. ער וואָלט װעלן אַז זי זאָל קוקן אויף אים, זיין גוט צו אים ווי תמיד. זי האָט קיין צייט נישט פאַר אים. זי לויפט, פליט צווישן דער קיך און די טישן און דערלאַנגט גלעזער, טעלער, גאָפּל־מעסער.

ער וויל זי פרעגן: „זאָג נאָר, מזל, וואָס פאַר אַ יום־טוב איז עס אויף אים, אויף יגאלן, וואָס פאַר אַ יום־טוב אויף אים? אין דער צייט, ווען ביי מיר...״ זי קוקט אָבער נישט אויף אים. ווען ער קומט מיט פיש, גראָד פון שיף אַראָפּ, וואָלט זי יאָ געקוקט אויף אים.

זי האָט אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע פלאַש קאָקאַ־קאָלאַ אויפן טיש פון אַמעריקאַנער פּאָרל, האָט געבראַכט פּיתּהס מיט פאַלאַפעל, אַ טעלערל חומוס, אַ טעצל מיט שאַרפע קאָנסערוו־גרינצייג, און אַריין אין קיך צוגרייטן די פיש, צושטעלן אויפן פייער.

ברוך האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח, זיך דערנענטערט צו דער קיכטיר.

— וואָס פאַר אַ יום־טוב ביי אים, ביי יגאלן, זאָג מזל?!

— פרעג אים! — האָט זי געענטפערט בייז, נישט אומקערנ־דיק זיך צו אים.

פונעם ווינקל פון די אַמעריקאַנער האָט זיך געטראָגן אַ פרישע באַשטעלונג:

— קאָקאַ־קאָלאַ. אַן אַדהער דזשיאַנט באָטל!

— פרעג אים! — האָט זי איבערגעחזרט און אָפּגעשטופּט ברוכן פון וועג, לויפנדיק מיט דער פלאַש.

דער גאַסט האָט זי אַרומגענומען מיט זיין לאַנגען אָרעם, אַוועק־

געלייגט אַ הונדערטער דאָלאַר אויפן טיש, און צוגעבויגן זיך צו איר אויער:

— האַשיש, דראַג, נאַרקאָטיק...

די פרוי האָט געקוקט אויף איר מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, פול מיט לייטזעליקייט און רחמים, און צוגעשטימט:

— דראַג, נאַרקאָטיק.

מזל האָט זיך געריסן פון זיין אָרעם, פון אירע אויגן, און צוריקגעשטויסן דעם לאָקנדיקן באַנקנאָט. ער האָט צוגעלייגט נאָך אַן ענלעכן באַנקנאָט און איבערגעחזרט:

— האַשיש, דראַג, נאַרקאָטיק... מ'האָט געזאָגט, אַז דו נעמסט אָפּ נאַרקאָטיקס... אַז פאַרקויפסט, דאָ ביי דיר...

זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין אָרעם, און געשריגן:

— אַלע בייזע חלומות זאָלן אויסגיין צו אייער ביידנס קעפּ... נישט אמת, נישט אמת... איר זייט זיך טועה; זוכט אין אַן אַנדער קאַפע, נישט ביי מיר, נישט אין „מזל דגים", נישט ביי מיר... געגאַנ־גען פון דאַנען, ווייל כ'וועל רופן פּאָליציי, פּאָליס, געגאַנגען, אַרויס פון דאַנען. שוין רוף איך פּאָליס!...

הערנדיק, אַז מען דראָט מיט פּאָליציי, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן, אַרויפגעלאָדנט די שווערע רוקנזעק, גענומען די האַנטפּעק, און אַרויס, איבערחזרנדיק:

— סאָררי, זייט מוחל, זיך טועה געווען מיטן אַדרעס, סאָררי, וועררי סאָררי...

מזל האָט זיך אַוועקגעזעצט און געאָטעמט שווער, ווי בעת אַן אויסטערלישער איבערלעבונג, געאָטעמט גיך. גרויסע שווייסטראָפּנס האָבן געפּערלט אויף איר שטערן, גערונען אַראָפּצו, מיטשלעפּנדיק ברעקלעך שמינקע, זעמדלעך פּודער פון אירע באַקן.

ברוך האָט געקוקט אויף איר מיט באַדויער, אַרויפגעלייגט אויף איר אַ טרייסטנדיקע האַנט.

— געזען אַן אַנשיקעניש — האָט זי זיך געוואָרפן פאַר כעס —

נאָך דאָס פעלט מיר... זיי מיינען אַוודאי בערטאַ, די וואָס סערווירט ביי וויקטאָרן... זי האָט עסקים מיט די „אומניקעס״, די אָבסער־וואַטאָרן, וואָס ברענגען די טריף־פּסולע סחורה פון סיריע. אַזוי זאָגט מען...

פון דער קיך איז דערגאַנגען אַ שאַרפער ריח פון צוגעברענטע פיש, און אַ רויך האָט גענומען ברענען די אויגן.

זי איז אויפגעשפּרונגען פון שטול, אַריין אין קיך. זי האָט פאַר־געסן אין די פיש. זיי זענען געווען פאַרברענט, כמעט אויף קויל. זי האָט אַרונטערגעשטעלט די בראָטפאַן אונטער אַ שטראָם וואַסער, געוואָלט אָפּראַטעווען די פיש, אָבער עס איז נישט געגאַנגען.

די יונגע מענטשן אינעם ווינקל האָבן פאַרגעסן וועגן זייער באַשטעלונג, געווען פאַרנומען מיט זיך. זי האָט געוואָלט זיי איבער־בעטן, עס איז געשען אַן אומגליק, זי וועט צושטעלן אַנדערע פיש פאַר זיי. עס וועט דאַרפן דויערן נאָך אַ ביסל צייט.

אָבער, ווען זיי האָבן זי באַמערקט, האָבן זיי, אַנשטאָט פיש, פאַרלאַנגט פון איר דעם חשבון.

— זייט מוחל — האָט זי זיך פאַרנייגט.

— חשבון — האָבן זיי געבעטן, נישט וויסנדיק צוליב וואָס זיי דאַרפן איר מוחל זיין.

מזל האָט זיך געפילט געטראָפן, באַליידיקט. זי איז אַריין אין קיך, פאַרגאָסן גרויסע טרערן, און געוואָרפן זיך פאַר כעס. זי האָט גענוי נישט געוווסט פאַר וואָס, צי צוליב די אַמעריקאַנער אַנשי־קענישן, צי צוליב די פאַרברענטע פיש, אָדער ווייל דער אַלטער ברוך פלאָנטערט זיך דאָ אַרום מיט זיין טרויער־ און רחמנות־פּנים; אָדער צוליב אַלע סיבות אין איינעם.

— דו וויינסט, מזל? דו וויינסט, און ביי מיר איז תשעה באב. עס איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען מיין שיפל.

— נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען — האָט זי אים איבערגעריסן ברוטאַל — זיי האָבן עס דיר צוגענומען, דיינע זינדלעך, גענומען פֿאַר יגאלן.

— האַ, מזל? צי הער איך גוט וואָס דו זאָגסט, האַ?

— זיי זענען געווען דאָ באַלד פֿאַר טאָגס, יונה, נוניה, נפתלי, דער הינקעדיקער, און יגאל... זיי האָבן זיך געסודעט... און ווען זיי האָבן אויסגעליידיקט אַ פֿלאַש קאָניאַק, האָב איך גענומען פֿאַרשטיין אין וואָס עס גייט... זיי האָבן געשאָסן צוויי האָזן מיט אַ מאָל... זיי ווילן דיר אויסמיידן אַן אומגליק, עס גייען שטורעמטעג אויפֿן כינרת... און זיי ווילן נישט, אַז יגאל זאָל אַוועק פֿון דאַנען. ער האָט געדראָט, אַז אויב ער באַקומט נישט אַ שיפֿל תיכף, גייט ער אויף אַ האַנדלסשיף, אין חיפה, און קומט מער נישט צוריק אַהערצו. אים ציט דער ים. ער איז דער יינגסטער פֿישערשפּראָץ פֿון דער משפחה. אין דער צייט, ווען אַלע אַנדערע גייען אַוועק פֿון פֿישפֿאַנג, דאַרף מען אים דאָ האַלטן, יגאלן, ער זאָל ממשיך זיין.

— חשבון, בבקשה! — האָט זיך געהערט פֿונעם ווינקל — חש־בון, מהר!

— חש־בון — האָט ברוך נאָכגעזאָגט.

זי האָט זיי דערלאַנגט דעם חשבון און זיך אַנטשולדיקט פֿאַר די פֿיש. זיי האָבן באַצאָלט, נישט געדענקט, פֿאַר וואָס אייגנטלעך זי דאַרף זיך אַנטשולדיקן לגבי זיי, און זענען אַרויס צונויפֿגעאָרעמט.

— חש־בון — האָט ער איבערגעחזרט, ווי צו זיך. — חשבון... דאָס איז אַ חשבון אַן באַלעבאָס, נישט אמת, מזל? יגאל דאַרף וואָס אַן אמת אַ שיפֿל. אָבער, איך, איך דאַרף נישט, האַ? איך לעב שוין נישט, האַ? זאָג, מזל, איך דאַרף נישט מער פֿאָרן אויפֿן כינרת? איך דאַרף נישט מער כאַפּן פֿיש? און די פֿיש דאַרפֿן נישט מער איך זאָל זיי כאַפּן, האַ? און דו דאַרפֿסט נישט מער מיינע פֿיש, זאָג מזל, האַ?

ט.

צוויי פישער־מעקלערס זענען פּלוצעם אַריין מיט רעש, באַשטעלט אַראַק, איין גלעזל, נאָך אַ גלעזל, און גערעדט הויך, געאַמפּערט זיך וועגן פּרייזן, וועגן פּאָליטיק, וועגן שלום, וועגן מילואים, וועגן אַראַבישע שלום־ריידערייען, וואָס זענען ווי לופטבלאָזן ביי געפּגרטע פיש; זיי פּלאַצן, ווי נאָר עס שיינט אויף זיי אַרויף די זון.

ברוך האָט געפילט, אַז ער שטיקט זיך, אַז עס פעלט אים אויס לופט. ער איז צו צו דער טיר. געמאַכט אַ פּאָר טריט. אַ קילער, אָוונטיקער ווינט האָט אים אַרומגענומען, צעטרייסלט, צעפּלאָנטערט זיינע פּיס. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער מויער. ער האָט געפילט ווי די מויער טרייסלט זיך צוזאַמען מיט אים, צוזאַמען מיטן כינרת, מיט די וואָלקנס איבער אים, צוזאַמען מיטן צופאַלנדיקן אָוונט.

פישער־שיפלעך האָב זיך געהוידעט אויף די צעוואָלקנטע כוואַליעס, נאָר זיין שיפל איז נישט צווישן זיי. איז נישט צווישן זיי.

פאַראַן מסתמא ערגעץ דאָרטן די שיפן פון יונה, פון נוניה, אָדער פון נפתלי. זיי כאַפּן תמיד פיש ביי יענעם ברעג, אָדער נאָענטער צום ירדן־אַריינגוס,אַזוי ווי די געניטע פישערס. מעגלער, אַז די רויטע ליכטער, וואָס זעען זיך דאָרט ווייט, זענען פון זייערע לאַמטערנעס. די לעצטע פישער־שיפן פון די משולחס. צוויי דורות פישערס, זעט זיך אויס, איז ווייניק, כדי עס זאָל אָנגיין אַ משפחהדיקע פישער־טראַדיציע. דער דריטער דור האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין איינציקן פישער. דאָס איז דער דור פון עצמאות, פון מלחמות, פון סכנה אויפן כינרת. האָבן זיך די משולחס אומגעקערט צו דער אור־פרנסה, ווי אין מאַראָקאָ, אין מעקנעס — צו מסחר, צו קליינהאַנדל, צום שוק, צו מעקלעריי. טייל זענען געגאַנגען צו סטאָליעריי, צום בוי — צו יוכבדס צד. און אין קיבוצים, מושבים זענען טייל אַוועק, בויען דאָס לאַנד, און אין צה״ל — פאַרטיידיקן דאָס לאַנד... פיש איז שוין באַלד קיין ענין נישט. מ׳ברענגט פיש פון אויסלאַנד,

קאָנסערווירטע, פאַרפּרווירענע פיש, וואָס קאָסטן ביליקער... הלמאי זיי פּילן בלויז אָן דעם בויך און גיבן קראַמפּן, ווי אַלע קאָנסער־ווירטע און געפּעקלטע מאַכלים אין די נילאָן־זעקלעך אָדער אין זילבער־פּאַפּיר — נו, איז דאָך דערויף פאַראַן אַ קופּת־חולים און אַ מגן־דוד אדום... דער כינרת ציט נישט מער ווי אַ מאָל. די נאַטור ציט נישט מער. מען דערווייטערט זיך וואָס אַ מאָל מער פון איר. מען שאַצט נישט אָפּ דעם ווערט פון פריש־געכאַפּטע, צאַפּל־דיקע פיש, און די גרויסע מעלות זייערע פאַראַן געזונט פון די דורות, וואָס וואַקסן אונטער, בעזרת השם, אין דער אייגענער מדינה, און דאַרפן זי שטאַרקן, פאַרטיידיקן. און דער געניוס פון כאַפּן פיש ווו איז ? דער געניוס פונעם געראַנגל מיט דער נאַטור און פון טאָן דעם רצון פון כינרת, וואָס טראַגט אַזוי גערן אָקעגן זיין מוטערשויס פאַר זיינע קינדער, די איינוווינערס פון לאַנד, דורך דער פאַרמיט־לונג פון די פישערס. זיכער זענען פאַראַן בעסערע פרנסות, גרע־סערע מעגלעכקייטן צו עשירות, אָבער וואָס מיר רייכקייט אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער איבערלעבונג פון כאַפּן פיש אויפן כינרת, פון פילן אונטער זיך דעם בלאָען און טיפן ים, איבער זיך דעם פאַרכאַפּנדיקן תכלת פון הימל, די זון, די לבנה, די שטערן, און אויך די וואָלקנס ; און פילן, אַז מען באַהעפט זיך מיט דער געטלעכקייט אַליין, מיט אַ כוח, וואָס האַלט דיך געפאַנגען, אַ כוח איבער אַלע כוחות אין דער וועלט. און אָט באַלד וועט דער כינרת זיין פאַריתומט. ווו זענען די צענדליקער און צענדליקער פישער־לאָמטערנעס, וואָס פלעגן צעשטערענען די כוואַליעס נישט ווייניקער ווי די שטערן איבער זיי , ווו זענען זיי די אומצאָליקע פישער־שיפן פון ערשט נישט לאַנג, ווו זענען זיי, ווויי ?...

די לבנה האָט זיך געפונען אַ וועג צווישן צוויי וואָלקן־בייכער און געשטאַנען אַ ציטערדיקע, זוכנדיק אָן אָנהאַלט אין דער נידער, צווישן די שיפן. מיט צוויי ליכטיקע אָרעמס האָט זי אַרומגענומען

איינס פון די שיפלעך, און געהאַלטן זיך פעסט אין זיין פאַדערשטן שאַרפווינקל.

ברוך האָט זיך אָפּגעקלאַפּט פון דער מויער, געמאַכט עטלעכע טריט צום ברעג צו, און אָנגעשפּאַרט זיך מיט אַן אַקסל אין האַרטן שטאַם פון אַ הויכער שירם־פּאַלמע.

זילבערנע פונקען, ווי צעגלאַנצטע גליווערעמלעך, זענען אַראָפּ פון די לבנה־אָרעמס און געשפּרייט אַ ליכטיקע נעץ פאַרן שיפל, געריסן די חשכות און דעם סכנה־לויער פון די כוואַליעס, וואָס צאַפּלען זיך אויס מורא פאַרן שטורעם־אָנזאָג.

און ווער זיצט אינעם שיפל? ווער? ער — יגאל. יאָ, זיין לייבנ־קאָפּ שטעקט אַרויס הויך און שטאָלץ איבער די שיפזייטן, און זיינע ברייטע אָרעמס אַרבעטן מיט די וועסלע־לעפל, ווי מיט פליגל, ווי פליגל פון מלאכים. און אפשר זענען די לבנה־אָרעמס קיין לבנה־אָרעמס נישט, נאָר לייטערס, ווי אין יעקבס חלום, הימלדיקע לייטערס? אַ גוטער סימן, יגאל, פון די הימלען אַ סימן, צו דיין ערשטן אַרויספאָר, יגאל, אַליין, איינער אַליין, מיט זיך אַליין, מיט דער געטלעכקייט אַליין, אויפן כינרת!

אָט, פינקלען אַקעגן די אותיות פונעם שיפל: י־ג־א־ל, יגאל! שוין נישט מער ב ר ו ך... אַנדערע פיר אותיות, אָבער אויך זיי זענען בענטשנדיקע, אויסלייזערישע יידישע אותיות. ווי שנעל ער האָט באַוויזן צו בייטן דעם נאָמען. עס גייט אַזוי שנעל ביים יונגן דור, ביים יונגן פישער־דור, אַז גאָט זאָל זיי האַלטן אין זיין באַרמהאַרציקער שוץ.

ער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט, אויסגעשפּרייט זיי צום וואַסער, צו יגאלס שיפל, הענט בענטשנדיקע: „זאָל די לבנה דיר צולייכטן ביי נאַכט, און די זון ביי טאָג, און זאָל דאָס פישער־מזל זיין גוט צו דיר, ווי עס איז געווען גוט צו מיר. און זאָל דיר, יגאל, דיין אוראייניקל אָפּדינען, אָפּדאַנקען, ווי דו דינסט מיר היינט אָפּ, ווי דו דאַנקסט מיר היינט אָפּ. אמן, כן יהי רצון, אמן סלה...״

אין „מזל־דגים" איז ווידער געוואָרן לעבעדיק. מזל האָט ווידער געלאָזט הערן איר צעזונגענע און צעלוסטיקטע שטים.

ברוך האָט אונטערגעכאַפּט:

אַהאַ, אַהיי —
עוד לא אהבתי די,
הרוח והשמש על פני —
ואם לא עכשיו, אימתי, אי־מ־תי?

און צום טאַקט פונעם ריטמישן ניגון געלאָזט זיך שפּאַנען צום פישער־געסל, צו זיין הייזקע, אַהיים, צו זיך.

רעאַליטעט און פיקציע

דאָס פֿענצטער פֿון זיין שרייבצימער גייט אַרויס צו דער גאַס.
קעגן איבער — דאָס ברייטע פענצטער פון איר סאַלאָן.

נאָך לאַנגע זוכענישן איז זיין אויסוואַל געפאַלן אויפן דאָזיקן צימער. דאָ איז די גאַס אַ שטילע, אַ זייטיקע, אַ שמאָלע און דער פאַרקער איז אַ זעלטענער. ער וועט דאָ קאָנען אַרבעטן רויִק איבער זיין ראָמאַן, זיך בעסער קאָנצענטרירן און גיכער אַרויס פון דעם זומפּ, אין וועלכן ער האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט.

ווען ער שרייבט נישט, קלאַפּט נישט אויף דער מאַשין, לייענט ער וואָס אַנדערע האָבן געשריבן. ער האַלט אַ סך מער פון דער ערשטער פונקציע. ער איז איבערצייגט, אַז אַנדערע האָבן נישט ווייניק זיך צו לערנען אויך פון אים.

זי איז אַ גאַנצן טאָג אַליין. נאָר אין אָוונט איז איר עלעגאַנטער אויפנעמזאַל פול מיט געסט. אַ מיידל אין אַ ווייסער שערץ דער־לאַנגט כיבוד, די הויזפרוי העלפט צו. איר ראָל איז גיכער צו ווײלן די געסט, צו רעדן, זשעסטיקולירן, לאַכן, מאַכן לאַכן, אַרומשוועבן צווישן די שטולן און אַקעגנטראָגן יעדן איינעם אַ באַשטימטע דאָזע קאָמפּלימענטן און גרייטע רעפּליקן. זי דאָמינירט אַלעמען און אַלץ. זי איז די אַנטיטעזע פון דער העלדין פון זיין נישט־פאַרענדיקטן ראָמאַן.

ער קאָן דעמאָלט נישט שרייבן.

די שלעכטע אַקוסטיק, וואָס צווישן די צוויי קעגנאיבערדיקע און קנאַפּ דערווייטערטע פענצטער, ברענגט צו אים איינזילביקע

ווערטער און ווידערקוליקע ברעקלעך, וואָס דערלויבן אים זעלטן אויפצוכאַפּן אַ געדאַנק, אָדער נאָכצוגיין דעם פֿאָדעם פֿון אַ שמועס. און, ווען עטלעכע מיילער לאָזן זיך הערן באַזאַמט און עס מישן זיך אַריין אָפּהילכן פֿון רווישיקע געלעכטערס, דערגייען צו אים די רייד ווי אַ בילד אין קרומען שפּיגל, אָדער ווי טיילן פֿון אַ פֿונאַנ־דערגעשאָטן פֿאַזל־רעטעניש. דאָס אינטריגירט אים און רעגט אויף איינצייטיק.

דערצו שטערן אים אויך די הענגלעמפּ און די זייטיקע שטיי־לייכטער. זייער אָפּשיין שלאָגט דורך די דיקע סאַלאָן־שויבן, מישט זיך אויס מיטן מאָגערן ליכט פֿון אַ ווייטן גאַסנלאָמפּ, מאַכט זיך אַ וועג צווישן דער שפּעט־אָוונטיקער שטאָטישער לופֿט, וויזאַווי די הייזער, און, אָנשלאָגנדיק זיך אין דער דינער שויב זיינער, קומט ברעכן קאָפּ און נאַקן אויף זיין שרייבטיש. כישופֿדיקע ליכטפֿלעקן הילן איין דאָס גאַנצע צימער אין אַ מיראַזששפּיל פֿון רעגנבויגן־פֿאַרבן, און מאַכן טאַנצן די קלאָוויש־אותיות, און די שורות, נאָך איידער זיי קומען אויפֿן שרייבפּאַפּיר.

וווּהין ער זאָל נישט רוקן זיין טיש, גייט אים נאָך דער סאַלאָן מיט זיינע קולות, מיט זיינע ליכטער. מאַכט ער צו די לאָדנס, טויבן זיך צו די קולות, אָבער דער אָפּשיין רייסט זיך אַריין דורך די שפּאַרונעס, צווישן די פּאַראַלעלע לאָדן־שטאַפּלען, ווי זיגזאַגישע בליצן אויף אַ צעשטורעמטן הימל, און שטעכן די אויגן ווי מיט שפּיזן.

ער האָט געדונגען די דירה ביי טאָג. ווען ער דאַרף זי נעמען ביי נאַכט, וואָלט ער עס נישט געטאָן. איז ער דאָך געוווינט צו שרייבן ביי טאָג מיט דער האַנט, ברענגען אויפֿן פּאַפּיר, וואָס עס קומט אים אויפֿן געדאַנק, און ערשט שפּעטער, אין אָוונט, שרייבט ער עס איבער ריין, און רעדאַגירט, שרייבנדיק אויף דער מאַשין.

ווי קאָן ער איצטער אַריבערגייִן צו אַ נייעם סיסטעם, נאָך אַ געוווינ־הייט פון אַ פערטל יאָרהונדערט אָן ערך?

צינדט ער נישט אָן די ליכט ביי זיך. ער זעצט זיך אין אַ טיפן שטול, פון אַ זייט, און וועבט ברעקלעך פון ווייטערדיקע אינטריגע־פעדעם פאַר זיין ראָמאַן. אָבער גיך פילט ער, ווי אַלע מחשבות זיינע נעמען זיך טרינקען אינעם תהום פון די קלאַנג־ און ליכט־כוואַליעס, וואָס פאַרפלייצן זיין צימער, און פאַרכאַפּן זיין שאַרבן.

זי לאַכט. איר געלעכטער איז ווי דער קלאַנג פון צעשיטע פערל, וואָס קייקלען זיך אַריין אין אַ טיפן צירונג־שאַכטל, און פאַרענדיקט זיך מיט אַ דינעם קוויטש, ווי אַ קינדיש קייכהוסטל. אויך איר רעדן האָט אַן אייגנאַרטיקע אינטאָנאַציע; וואָלסט זאָגן גיכע סטאַקאַטאָ־טענער, ביי אַ הויכער פידל־גאַמע.

איר שאָטן וואַנדערט איבער זיין שויב, ברעכט זיך, שטיקלט זיך צונויף, מישט זיך אויס מיט אַנדערע ברעקל־שאָטנס, און פלאַטערט זיגזאַגיש ווי פלעדערמייז, פאַרפלאָנטערט אינעם נעץ פון ערב־שקיעה. אָט — טאַנצנדיקע פאַרלער ביי סטעריע־קלאַנגען פון סאַלאָן־מוזיק. ווי געדיכטער רויך־געקנויל אויפן ווינט, ווי קונציקע רעדל־וואָלקנדלעך פון ציגאַרעטן, דרייען זיי זיך, אַ רינג אין אַ רינג, אַ רינג אין אַ רינג. ער הערט דעם אויפפּראַל פון שאַמפּאַניער־פּראָפּנס און דעם קלינגענדיקן צונויפטרעף פון קרישטאָלגלאָז אין קרישטאָלגלאָז.

ער האָט פיינט סאַלאָנען, געסט־צוזאַמענקומעניש און די גאַנצע אַטמאָספער פון לייבטקייט, פרייִלעכקייט, געטראַנק, גערויכער און סודותדיקייט. ווער זענען עס די געסט דאָרטן? דאַכט זיך, כמעט תמיד די זעלבע פּנימער, מיט קליינע אויסנאַמען. און ווער איז זי, די גאַסטגעבערין? און איר מאַן, ווער איז? דער מיט דער הויכער שעוועליורע, שרייִקן פּאַפּיליאָן און גלאַנציקע סמאָקינג־רעווערן, וואָס דרייט זיך אַרום איר יעדן אָוונט?

זיינע זעלטענע קאָנטאַקטן מיטן סאַלאָנלעבן וועלן אים קלעקן ווי אַ טעמאַטישער קוואַל פאַר קריטיק פון דער אַזוי גערופענער בעסערער געזעלשאַפט אַזוי לאַנג ווי ער וועט שרייבעריש זיין אַקטיוו.

ער האָט פיינט טרינקען. ער האָט יונגערהייט איבערגעטריבן צוליב דעם טרינקען, האָט ער נישט געפונען קיין פאַרלעגער פאַר זיינע ערשטלינג־ראָמאַנען.

אפשר זאָל ער אָנהייבן טרינקען, אפשר זאָל ער אָנהייבן שרייבן שפּעט ביי נאַכט, ווען עס ווערט פינצטער אין סאַלאָן, ווען די געסט ווערן אַנטשוויגן, און נאָר קעץ היצן זיך אויף די דעכער, מיט אויגן פול מיט גלוסט, און שרייַקע תאווה־זיפּצענישן. אפשר וועט דעמאָלט זיך בעסער שרייבן? זינט ער האָט זיך אַריינגעצויגן אַהערצו, האָט ער קוים אָנסקיצירט עטלעכע לויזע זייטלעך, און נישט באַוויזן זיי צו רעדאַגירן אויף דער מאַשין.

און אפשר ציט ער זיך אַרויס פון דאַנען?
יאָ, ער מוז זיך אַרויסציען.

*

גראָד, ווען ער איז אַרויס אין קילן פרימאָרגן, איז זי אויך אַרויס אין גאַס. זיי זענען אַ ווייל געבליבן שטיין ביים ראַנד פון טראָטואַר. געקוקט זיך אין פּנים. ער האָט זיך פאַרנייגט טיף. זי האָט זיך באַגאַסן מיט פייער. ווי עס וואָלט געווען אָפּגערעדט, זענען זיי זיך אָקעגנגעגאַנגען, און געטראָפן אין מיטן פון שמאָלן אַספאַלט־וועג. זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט ווי אַלטע און גאָר נאָענטע פריינד.

זיי זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שטאָטצענטער. ער — צום ביוראָ פון דירה־פאַרמיטלונגען, זוכן אַ ניי צימער. איצט וועט ער שוין נישט באַגיין אַזאַ טעות. ער וועט גיין אָנקוקן דאָס פאַר־

געשלאָגענע צימער נישט נאָר ביי טאָג, נאָר אויך, באַזונדערס, ביי נאַכט. די גאַס וועט דאַרפֿן זיין אַ ברייטע, אָן סאַלאָנען קעגן איבער, און אפשר בעסער — אָן אַ וויזאַווי. זי גייט צו אַלעק־סאַנדערן, דעם באַרימטן פּנים־און־האָר סטיליסט, וואָס מאַכט פֿון אַלט יונג, און פֿון יונג — נאָך ייִנגער. איר פּנים האָט, אינעם נאַטירלעכן ליכט פֿון פֿרילינגדיקן פֿרימאָרגן, אויסגעזען גאָר אַנ־דערש ווי הינטער דעם דינעם טיול פֿון אירע גאַרדינען, אינעם רעפֿלעקטירטן אָפּשיין פֿון פֿינקלליכטער און שויבנגעשפּיל. עס האָט פֿאַרלוירן אַ סך פֿון זיין גלאַנץ, פּאָזע און מיטרייסנדיקער דינאַמיק און געוווּנען אויף דער אַלגעמיינער האַרמאָניע, וואָס האָט גיכער געגעבן אַ בילד פֿון נאַטירלעכקייט, געזעצטקייט און איינגעבוי־רענעם שאַרם. פֿאַרקערט איז געשען מיט אירע האָר. זיי האָבן פֿאַר־לוירן די געצוימטקייט און אָנגעפּווישטקייט פֿון די פֿאָרמען און זענען געהאָנגען ווילד ווי רייפֿע זאַנגען אויפֿן ווינט.

ער האָט געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט געזען איצט אַ שפּאָגל נייע פֿרוי, וואָס האָט מיט יענער, פֿון סאַלאָן, קיין שייכות נישט. ווי צוויי פֿאַרשידענע טיפּן און טעמפּעראַמענטן. אים איז בעסער געפֿעלן די איצטיקע דיסהאַרמאָניע צווישן אירע האָר און פּנים, ווי די פֿאַרקערטע אין די ביינאַכטן. די דאָזיקע מעטאַמאָרפֿאָזע איז אים געווען נאָענטער צום האַרצן, און האָט אים דערמאָנט די העלדין פֿון זיין נייעם ראָמאַן, איבער וועלכן ער אַרבעט.

— מיר קענען זיך נישט — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטער צווישן די ווערטער. — און מיר גייען האַנט אין האַנט, ווי אַלטע פֿריינד.

— פֿאַראַן אַלטע פֿריינד... — האָט זי געזאָגט און געקוקט אים אין די אויגן.

— וואָס קענען זיך נישט... — האָט ער אויסגעכאַפּט.

— און גייען האַנט אין האַנט. — האָט זי פֿאַרענדיקט מיט אַ מיסטעריעזן גלאַנץ אין אירע פֿינקלדיקע אויגן, און זיך צעלאַכט.

אויך איר געלעבטער האָט געקלונגען אַנדערש ווי אין סאַלאָן.

זיי זענען אַרויס אויף אַ ברייטער גאַס. מענטשן האָבן זיך געאיילט. אויטאָס זענען געפאָרן איינזייטיק, און געאיילט זיך ווי בעת אַ וועטפאַרמעסט. זיי, פאַרקערט, זיי זענען געגאַנגען טריט ביי טריט. ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אָן אַ ציל.

— די פראַנצויזן זאָגן — האָט ער זיך אָנגערופן ווי ער וואָלט גאָרנישט אויסן געווען — אַז די רעאַליטעט שטייגט אַריבער די פיקציע, אַז דאָס לעבן קאָן זיין פאַנטאַסטישער ווי די פאַנטאַזיע אַליין.

— איר זייט אויף דער זייט פון פאַנטאַזיע, פון פיקציע, פון ראָמאַן, נישט אמת? — האָט זי געפרעגט, קוקנדיק אים אין די אויגן.

— איר זאָגט עס, מאַדאַם, מיט דער איבערצייגונג פון איינער, וואָס איז זיכער אין דעם וואָס זי זאָגט. פון וואַנען די זיכערקייט?

— זייט איר דאָך דער מחבר פון דעם באַרימטן ראָמאַן „די גרושה".

— אָה? איר האָט באַוויזן מיך צו אידענטיפיצירן, אַזוי שנעל?

— האָב איך דאָך געשלונגען אייער בוך אַזוי פיל מאָל, און אַזוי פיל מאָל געזען דעם פילם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן לויטן בוך, און אויך די טעלעוויזיע־סעריע, וואָס איז געבויט לויט אים... און אייער בילד, אויסגעשניטן פון אַן אילוסטרירטן זשורנאַל, הענגט ביי מיר אין שלאָפצימער...

— אָה?

— און אַ צווייט בילד, פון אַ פילם־זשורנאַל, שטייט איינגע־רעמט נעבן מיין גאַרדעראָבע־שפיגל.

„לאַ רעאַליטע דעפּאַס לאַ פיקסיאָן" — האָט ער איבערגעחזרט דעם פריערדיקן געדאַנק אין זיין פראַנצויזישן אָריגינאַל.

✶

זיי זענען אַריין אין אַ סקווער. קליינע קינדער האָבן זיך געשפילט אין זאַמד. שול־קינדער זענען געזעסן אויפן גראָז, הינטער אַ צעשאָטנטן בוים, און אַ יונגע לערערין האָט זיי עפּעס דערציילט, וואָס האָט זיי געהאַלטן געשפּאַנט.

— איך האָב געהאַט די יאָרן פון דער לערערין — האָט זי געזאָגט, אַנווייזנדיק אויף איר — ווען כ'האָב דאָס ערשטע מאָל געלייענט אייער ראָמאַן. אייער מרים איז מיר אַזוי אַריין אין האַרצן, אין דער נשמה, אַז איך האָב זיך געפילט, אַז דאָס איז נישט זי, נאָר איך אַליין. און האָב זיך גענומען אויפפירן ווי זי...

אונטער אַ צווייטן בוים איז געשטאַנען אַ ליידיקע באַנק. זיי האָבן זיך צוגעזעצט.

— כדי צו זיין ענלעך צו אייער העלדין בין איך אַוועק פון מיין מאַן, הגם איך האָב אים געגנוג ליב געהאַט. איך האָב, אַזוי ווי מרים, געהאַלטן, אַז איך האָב אים מער ליב, ווי ער מיך... האָב איך געטראַכט: האָט ער מיך באמת ליב, וועט ער אַלץ טאָן, כדי מיך צוריקצוגעווינען; דעמאָלט וועל איך וויסן, אַז זיין ליבע צו מיר איז גרעסער ווי מיינע צו אים, און וועל אים צוריקנעמען... און כדי אים צו מאַכן אייפערזיכטיק, האָב איך גענומען זיך אַרומרינגלען מיט מענער, איינער יינגער פון צווייטן, איינער שענער און רייכער פון צווייטן...

— אָבער, אינעם בוך, איז נישט קיין רייד וועגן אַ סאַלאָן — האָט ער איר איבערגעריסן. — דאָרטן איז די רייד וועגן צוויי באַזונדערע מענער; זי גייט אַרויס מיט איין געליבטן, שטעלט אים אַוועק, און נעמט אַ צווייטן, קיין מאָל נישט עטלעכע מיט אַ מאָל...

— ביי מיר איז דער סאַלאָן אַ וואַריאַנט פון אייער ראָמאַן... איך באַקען זיך מיט די מענער, מיט איינעם, מיט נאָך איינעם, באַזונדער, און בעט זיי אַרויף צו זיך, אין סאַלאָן... און האָב ליב, אַז די אַדאָראַטאָרן דרייען זיך אַרום מיר, אַלע מיט אַ מאָל.

— אַנדרע מאַלראָ האָט געזאָגט — האָט ער איבערגעריסן אירע רייד — אַז דער אַרטיסט קאָפּירט נישט די נאַטור, נאָר ריוואַליזירט מיט איר. און איצט זע איך, אַז די נאַטור ריוואַליזירט גאָר מיטן אַרטיסט.

— אָבער, מיין געשעצטער אַרטיסט — האָט זי אים געקוקט אין פּנים אַריין — די צאָל שטימט. איך האַלט שוין ביים צענטן. און אויב מיין מאַן וועט נישט צוריקקומען, אָוועקשטעלן זיך ביי מיינע פיס קניענדיק...

— נו ? — איז ער געווען נייגעריק.

— נו, וועט דער צענטער זיין דער לעצטער, וועט ער פאַרנעמען דעפיניטיוו דאָס אָרט פון מיין מאַן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. די קינדער אינעם זאַמד האָבן זיך צעקריגט צוליב אַ צעבראָכענעם שפּילצייג, גענומען שרייען, וואַרפן זיך זאַמד אין פּנים, וויינען. עטלעכע מאַמעס האָבן אַוועקגעלייגט דאָס שטריקן און געלאָפן שלום מאַכן צווישן דעם קליינוואַרג. איינע פון זיי, אַ יונגע און עלעגאַנטע, אין די פריע דרייסיקער יאָרן, האָט דערלאַנגט די קינדער צוקערלעך און באַוויזן זיי איינצושטילן.

— אַזוי האָב איך אויסגעזען — האָט זי אָנגעוויזן אויף דער מאַמען — ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן, מיט אַ צוויי יאָר צוריק, די ראָמאַנסירטע אַוואַנטורע מיינע, אין דער ריוואַליזירטער אויסגאַבע, לויט דעם מחבר, וואָס איר ציטירט ; און היינט, ביים סוף פון לעצטן קאַפּיטל...

ער האָט איר איבערגעריסן דעם זאַץ, ווייל אים האָט אינטריגירט צו וויסן, ווער פון די צען, וואָס קומען אין איר סאַלאָן, איז דער גליקלעכער צענטער מאַן. האָט ער געשטעלט די צוגעגרייטע פראַגע :

— און ווער איז דער גליקלעכער העפּי־ענד־ריטער, צי מעג מען וויסן ?

זי האָט נישט געטראַכט און געענטפערט דירעקט:

— דער שיינער מאַן מיט דעם שרייִקן פּאַפּיליאָן און גלאַנציקע רעווערן... דאָס איז אַלעקסאַנדער, פון דעם באַרימטן שיינקייט־אינסטיטוט אין שטאָט... ער איז רייך, גאָר רייך. ער באַשיט מיך מיט בריליאַנטן און ליבע־גענאָדן... די מאָדערנסטע פּאַריזער מאָדעס ווענדט ער אָן אויף מיר, אויף מיינע האָר, אויף מיין פּנים... איך מוז זיין די שענסטע דאַמע אין שטאָט, זאָגט ער... איך גיי איצט טאַקע צו אים...

— „לאַ רעאַליטע דעפּאַס לאַ פיקסיאָן" — האָט ער איבער־געחזרט, ווי צו זיך.

— איך גיי אין אַ געוועט — האָט זי פּלוצעם געביטן דעם שמועס. — אַז איר שרייבט איצט אַ נייעם ראָמאַן. איך זע עס דורכן פענצטער.

— אַה, איר שפּיאָנירט מיך נאָך?

זי האָט נישט געענטפערט. אַ ווינט האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישן די צווייגן און געיאָגט אירע לאַנגע האָר אַראָפּצו, פאַרדעקט אַ טייל פון איר פּנים. זי האָט מיט איין האַנט אָפּגעטריבן די האָר פון די אויגן, און מיט דער צווייטער זיך אָנגעלענט אינעם הינ־טערשטן באַנקאָנשפּאַר. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו איר, און איר געהאָלפן פונאַנדערנעמען די האָר, קעמפן מיטן ווינט. ער האָט איר געקוקט געדיכט אין די אויגן.

— איר זייט גערעכט — האָט ער געזאָגט — אָבער מיין נייע העלדין איז דער היפּוך צו מרימען, איר אַנטיטעזע... ווען איך האָב נאָך עטלעכע יאָר הויכע סטודיעס אין שטאָט, זיך אומגעקערט צו מיר אין דאָרף, האָט דאָס לעבן פון דער גרויסשטאָט אויסגעזען ביי מיר אַזוי, ווי כ'האָב עס פאַרגעשטעלט אין דעם דערפאָלג־ראָמאַן מיינעם... אָבער, איצט, ווען איך בין ווידער געבונדן מיט דעם לעבן פון דער אַזוי גערופענער בעסערער געזעלשאַפט דאָ, אין דער הויפּטשטאָט, ציט מיך צוריק צום דאָרף, צו דער פּשטות,

צום פֿאָלק, צו דער נאַטור, צו די פּרוּוען אָן שמינקע, אָן מאָדערנע פֿריזורן, אָן קינסטלעכע עפֿעקטן און לאַק־דעקאָראַציעס, נאָר פּשוט: דאָס פּנים אָפּגעדעקט, פֿריי, און די האָר נישט געפּענטעט, נישט פֿאַרשקלאַפֿט, נאָר ווילד צעלאָזן אויפֿן ווינט...

— ווי מיינע האָר איצט? — האָט זי געפֿרעגט.

ער האָט אָפּגעזאָגט אירע האָר פֿון פּנים, און געריצט זיך מיטן ווינט, וואָס האָט זיי תּיכּף צוריקגעבראַכט. ער האָט זיי געטריבן מיט דער אויבערזייט פֿון דער האַנט און די פֿינגער, ווי מען טרייבט אָפּ פֿליגן זלידנע. און ער האָט ליב געהאַט דעם שפּילעוודיקן באַריר פֿון די האָר, דעם קיצלדיקן בלאָז פֿונעם ווינט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט באַזיגן. זי איז געזעסן אומטערטעניק, געשטרעקט איר קאָפּ צו זיין האַנט, געגלאָצט מיט די אויגן אין זיינע, ווי זי וואָלט געבעטן, ער זאָל נישט מיד ווערן גלעטן אירע האָר, באַרירן די מאַטע הויט פֿון איר פּנים, צו וועלכן קיין זאַלב, קיין לאָציאָן, קיין פֿאַרב און קיין פּודער האָבן זיך נאָך דעם פּרימאָרגן נישט צוגע־רירט. זי האָט געפֿילט דעם הויך פֿון זיין גיכן אָטעם, וואָס האָט אַ יאָג געטאָן שטראָמען בלוט אין קאָפּ אַריין און געמאַכט ציטערן איר האַרץ מיט אַן אומבאַקאַנטן ציטער.

די לערערין האָט איבערגעריסן איר געשיכטע. די קינדער האָבן גענומען שטעלן פֿראַגן. זי האָט געענטפֿערט. עס האָט געמוזט פֿאַלן זייער אַ שפּאַסיקע פֿראַגע, ווייל די לערערין האָט געענט־פֿערט מיט עטלעכע פֿריילעכע זאַצן, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן ביי די שולקינדער אַ הילכיק געלעכטער. די קוויטשנדיקע לאַך־שטי־מעלעך פֿון דעם יונגוואַרג האָבן אַ טרייסל געטאָן מיטן בוים און מיט דער באַנק, אויף וועלכער זיי זענען געזעסן, און פֿונאַנדער־געטיילט זייערע קעפּ. זי איז אויפֿגעשפּרונגען און אים אַ ציִ געטאָן ביי דער האַנט. ער האָט זיך געלאָזט פֿירן. זיי האָבן זיך אָפּגע־שטעלט ביים ראַנד פֿון גראָז מיטן פּנים צו די קינדער, וואָס זענען

געזעסן אין אַ האַלבראָד אַרום דער לערערין. דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט אויפן גראָז, אין אַ זייט, נישט צו שטערן די קינדער.

איידער זיי האָבן זיך רעכט אַוועקגעזעצט, האָט די לערערין געגעבן אַ בלאָז אין פייפל, אַ סימן, אַז די קינדער מעגן זיך אַנט־שפּאַנען, איידער זיי קערן זיך אום צו די ווייטערדיקע לעקציעס אין שולע. זיי האָבן זיך געלאָזט ווילגיין, שפּרינגען, האָפּסלען, יאָגן זיך, קלעטערן איבער בענק. דערנאָך האָט דאָס פייפל זיך ווידער געלאָזט הערן, מיט אַ צווייפאַכיקן געפייף, אַ סימן, אַז די קינדער זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ ראָד צום טאַנץ.

די לערערין איז צוגעלאָפן צום פּאָרל, אויפן גראָז, און זיי אַריינגעצויגן אינעם ראָד. זי האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן זיי. זיי האָבן געהאַלטן פעסט איין האַנט פון דער לערערין און אַ קינדיש הענטל, און מיטגעדרייט זיך אינעם ראָד, מיטגעזונגען, געמאַכט הילכיקע אויסרופן, מיטגעלאַכט און געטופּעט מיט די פיס, אויסגע־קלאַפּט ריטמיש די קינדישע האָפּ־האָפּ־מעלאָדיע, נישט אַנדערש ווי די לערערין, נישט אַנדערש ווי די קינדער.

און, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ דרייפאַכיקער פייפל־קלאַנג, איז זיך דאָס ראָד צעפאַלן. די קינדער און די לערערין האָבן זיך געלאָזט אַרויסלויפן פון סקווער.

זיי זענען נאָכגעלאָפן. געבליבן שטיין ביים טויער פון דער שולע.

די לערערין האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן פּנים, און אויס־געזופן שטיפעריש און באַפעלעריש, ווי איינע וואָס האָט צו טאָן מיט קינדער:

— מאָרגן, אין דער זעלבער צייט, אינעם סקווער. מאָרגן!

זיי האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, צוגעשטימט צו איר פאַרלאַנג, און געפאַלן זיך אין די אָרעמס. זייערע הערצער האָבן געקלאַפּט גיך, גיך, ווי ביי צעהיצטע קינדער נאָך אַ שפּיל.

די שײַכלה



די שכינה

אויף דער מזרח־וואַנט פונעם עסצימער, הינטער דעם פּאַטער־שטול, איז געהאָנגען אַ בילד — דער פּאָרטרעט פון זיין טאַטן. די זעלבע באָרד און וואָנצעס, די זעלבע נאָז, די זעלבע ברעמען, די זעלבע מילדע און טיפע אויגן. און דער זעלבער האַלבער שטערן. נאָר דער טורבאַן, וואָס איבער דער צווייטער העלפט פון שטערן, און דער קאָלנער מיטן אַראָפּהענגענדיקן מעדאַל, האָבן נישט געשטימט. ער האָט קיין מאָל נישט געזען זיין פּאָטער אין אַ טורבאַן, אין אַן ענלעכן בגד, אַפילו נישט אין אַ יום־טוב, אַפילו נישט ווען ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, אין בית־מדרש.

און, ווען ער האָט גענומען פרעגן שאלות און געוואָלט אַלץ וויסן, ווי עס טוען קינדער צווישן פיר און זעקס יאָר, האָט ער אויך געפרעגט דעם פּאָטער, הלמאַי ער טראָגט קיין מאָל נישט אַזאַ טורבאַן און אַ קייט מיט אַ מעדאַל, ווי אויפן בילד זיינעם.

האָט דער פּאָטער זיך האַרציק צעלאַכט:

— קינד מיינס, וואָס פאַלט דיר איין?

און גענומען מוסרן:

— דו זינדיקסט מיט אַזאַ פאַרגלייך, מיט אַזאַ טעות. דאָס איז דאָך דער רמב"ם. אַ גרויסער ייד, אַ הייליקער ייד. דו זעסט נישט ווי די שכינה רוט אויף אים? קוק זיך צו נאָענטער. די שכינה רוט דאָך אויף זיין הייליקן פנים.

— און וואָס איז אַזוינס שכינה, טאַטע — האָט ער געפרעגט.

— אויף אַ הייליקן ייד, אויף אַ גרויסן ייד, רוט די שכינה.

— אָבער וואָס איז אַזעלכעס שכינה, טאַטע?

— שכינה איז... שכינה. אַז וועסט אונטערוואַקסן, וועסטו עס אַליין פאַרשטיין.

ער האָט זיך דערמאָנט דערוועגן, ווען אַן עד־ראיה האָט אים איבערגעגעבן די לעצטע מינוטן פון זיין טאַטן אין געטאָ. מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פונעם בונקער־קעלער אין הושענא־רבא, בעתן דאַווענען. ער האָט גראָד געדאַוונט פאַרן עמוד, פאַר אַ מנין אויס־באַהאַלטענע יידן. גראָד געהאַלטן ביי הושענות, ווען מ׳איז געקומען טרייבן פון באַהעלטעניש. ער איז געגאַנגען איינגעהילט אין טלית, געגאַנגען אַ גראָדער פּאָרויס, די אויגן פאַרוואָרפן אין דער הייך:

„אנא ד׳ הושיע נא. אנא ד׳ הושיע נא״.

דער מנין יידן הינטער אים, און די דייטשן, די מערדערישע אַרויסהעלפערס זייערע, אַרום זיי, מיט ביקסן און אייזערנע פרענטן. זיי האָבן געשאָסן, געקלאַפּט איבער די קעפּ און דער טאַטע איז געגאַנגען פאָרויס, שטאָלץ, און הויך, מיטן ניגון, ווי פאַרן עמוד, איבערגעחזרט: „אנא ד׳ הושיע נא״.

עס איז גערונען בלוט פון זיין נאָז, פון זיין מויל, פון אַן אויג. ער האָט זיך פאַרטשעפּעט, אומגעפאַלן. זיך גיך אויפגעשטעלט. און געגאַנגען אַ גראָדער, אַ הויכער, זיין הויכער שטערן און ווייסע באָרד פּאַראַלעל צום הימל, און די ליפּן צעעפנט ווי וואָלקנס בעת אַ שטורעם: „אנא ד׳ הושיע נא!״

— און זיין פנים האָט געשיינט און זיין רעכט אויג האָט גע־גלאַנצט מיט טויזנט גלאַנצן, ווי די שכינה וואָלט אויף אים גערוט, די געטלעכע שכינה.

האָט דער עד־ראיה עטלעכע מאָל איבערגעחזרט.

האָט ער זיך דערמאָנט אינעם בילד פונעם רמב״ם, אויף דער מזרח־וואַנט פון עסצימער, הינטער דעם פאָטערשטול, ווען ער איז אַ קינד געווען, און אינעם שמועס מיט זיין טאַטן.

ער האָט זיך געזען שטיין פאַרן בילד, צו וועלכן דער טאַטע פירט אים צו. ער האָט געהערט די פראַגע, וואָס ער האָט דעמאָלט געשטעלט און די תשובות פון טאַטן.

און ער האָט פאַרשטאַנען וואָס עס איז אַזעלכעס — שכינה.

שאַגאַלישער ייִד

צווישן שאַגאַלס מאָנומענטאַלע בילדער, פון דעם מין וואָס יעדער קאָן פאַרשטיין זייער מיין אָן דער הילף פון קרום־שפּיגלדיקער פאַנטאַזיע, איז פאַראַן אַ ייִד, אין טלית און תפילין, אַ פעסטער ייִד, אַ ייִד ווי אַ דעמב, אַ זיצנדיקער ייִד. האָב איך געזען זיין גילגול אין טבריה. איך האָב אים געזען צו ערשט ווי ער לויפט, דער ייִד, דער טלית אויפן ווינט, די רעכטע האַנט אויפן של־ראש, און די לינקע — בלאָ פון די פעסט־פאַרצויגענע רצועות, און ער לויפט און דאַוונט. ער לויפט פון בית־המדרש. צום פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָבוס לויפט ער, און פאָכעט מיט די בלאָע פינגער. און שוין איז ער דריינען, תּוך כּדי געלויף.

אַ פאַרליבט פּאָרל טרעט אים דאָס געזעס אָפּ. זי — אין אַ קורץ קליידל הויך איבער דער קני. ער — אין זעלנערישע בגדים. זיי שטייען פעסט אַרומגעאָרעמט, תשוקהדיק צונויפגעקנוילט און וואַקלען זיך צום טאַקט פון די רעדער. און דער ייִד? זיינע ליפּן מורמלען תשוקהדיק צום הימל און זיינע כּוונות נעמען אַרום ווי אָרעמס דעם כּסא הכּבוד. און ער בייגט זיך, שאָקלט זיך אַהין און אַהער, מער פון געוווינהייט בעתן דאַווענען, ווי צוליבן געטרייסל פון אויטאָבוס.

מענטשן גייען אַרויף. מענטשן גייען אַרויס. נאָך מענטשן גייען אַרויף. נאָך גייען אַראָפּ. מער גייען אַרויף ווי אַראָפּ.

דאָס פּאָרל דריקט זיך נאָך מער צונויף. זיי ווילן זיין איינס.

דער ייִד זאָגט הויך, הויכע און פרומע עברי, הויכע און גאָר הויכע כּוונות.

ער וויל פאַרשרייען דעם רעש, פאַרטרייבן דעם שפּיציק־גלי־איקן בליק פון די מיטפאָרערס. ער וויל ווערן איינס מיטן הימל.

די רעדער פאָרן מיט גיכן געסקריפּ, ווי צום טאַקט פון זיין געמורמל, צו זיין געשאָקל. און אַט — ווי אַ שיף אויף שטילע וואַסערן: דער ייד וויקלט אָפּ די רצועות, נעמט אַראָפּ דעם של־ראש, סדרט די תפילין בנעימותדיק אין סאַמעטענעם זעקעלע. לייגט צונויף דעם טלית. לייגט אַריין אַלץ אין תכלת־זיידענעם זעקעלע מיט אַ גרויסן פערלמוטערנעם קנאָפּ. טוט אָן דעם לינקן אַרבעל, פאַרקנעפּלט דעם לאַנגן ראָק. גיט אַ קוש דעם קנאָפּ, ווי אַ מזוזה, און שטעלט זיך אויף.

— זאָגט מיר, אדון נהג — בייגט ער זיך צו צום שאָפער — וואָס איז דאָ פאָרגעקומען אייגנטלעך? צי איז עס די שולד פון מיין זייגער, וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט, אָדער פון אייערן, וואָס האָט זיך געפעדערט? דאָס ערשטע מאָל, אַז כ׳זאָל מוזן פאַרענ־דיקן שחרית אין אַן אויטאָבוס. זאָגט, אדון נהג.

ער האָט נישט געוואַרט אויף תשובה. ער האָט צוגעדריקט פעסט דאָס טלית־זעקעלע אונטערן אָרעם, און געלאָזט זיך לויפן צו דער אַרבעט.

ביים רבין

אַ פלוצעמדיקער געסקריפּ פון דער טיר און אַ ברייטער „גוט מאָרגן, רבי" האָבן איבערגעריסן דאָס קרעכצן פון דער רביצין, וואָס איז געלעגן אין אַ דערנעבנדיק צימער און געליטן אויפן קול.

— רבי, מען וויל אָפּערירן מיין יינגל, מען וויל אים אויסשניידן די מאַנדלען, און ער איז נעבעך אַזאַ חלוש...

דער רבי האָט אָפּגעהויבן זיין באָרד פון דער גמרא, וואָס האָט פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן טיש, און מיט פאַרמאַכטע אויגן־לעדלעך אַ דריי געטאָן זיין קאָפּ צו דער טיר.

— ער איז אַ זיבעלע, הויט און ביין. ער וועט נישט איבער־האַלטן.

דער רבי האָט אַראָפּגעלאָזט זיין באָרד, און געמאַכט לויפן זיינע מאַטע אויגן איבער די שורות פונעם אָפענעם ספר.

— און אַז מען וועט נישט אָפּערירן? — האָט ער אונטערגע־ברומט מיט אַ ניגון, ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט די פראַגע פון צווישן די שורות — האַ, און אויב מען וועט נישט?

— אויב מען וועט נישט, לאַכטיקער רבי, קאָן עס זיך, חלילה, לייגן אויף די לונגעלער, זאָגט דער דאָקטער. און ער האָט, נעבעך, אַזעלכע שוואַכינקע לונגעלער...

דער רבי האָט זיך נאָך מער איבערגעבויגן איבערן אָפענעם בלאַט, שטיין געבליבן מיט פאַרמאַכטע אויגן איבער אַ שטיקל שורה, און אַריינגערעדט אין דער באָרד אַריין:

— און ווי הייסט ער, דער בן־יחיד; ווי רופט מען אים?

— חיים ישראל יעקב רופט מען אים; חיים ישראל יעקב.

— נו, חיים, חיים... און ישראל איז דאָך אויך חיים, אייביק... ישראל חי וקים... און יעקב איז דאָך אויך ישראל — האָט ער געלערנט מיט דביקות — איז דאָך טאָפּלט חיים, און דריי מאָל חיים... ווייל חיים איז דאָך זיכער לעבן, פּשוטו כמשמעו. נו, וועט זיין צום לעבן, אשה.

— דאָס האָט מען אים צוגעזעצט אַ נאָמען, ווייל ער האָט נעבעך, פאַר קיין יידיש קינד געדאַכט, שווער געקרענקט, מען האָט נישט געגלייבט, אַז ער וועט בלייבן לעבן, הייליקער צדיק. האָט מען אים צוגעזעצט חיים, ווי אַ סגולה.

— נו, נו, וועט זיין צום לעבן.

— ער קאָן דאָך לעבן, רבי, און זיין אַ קאַליקע, חלילה.

— טפו, טפו, טפו; וואָס אַ יידענע פּאַלט איין, שונאי ציון: מ׳טאָר נישט ברענגען איבערן מויל... דער אייבערשטער וועט העלפן און ער וועט געהאָלפן ווערן.

— איז וואָס טאָן, רבי? אָפּערירן, אָדער נישט אָפּערירן?

דער רבי האָט ווידער גענומען זיך שאָקלען און שאַרן מיט דער באָרד איבער די פאַרגעלטע גמרא־בלעטער, און אונטערברומען ווי צו זיך:

— דער אייבערשטער וועט העלפן און ער וועט געהאָלפן ווערן... חיים ישראל יעקב... חיים צום לעבן, ישראל חי וקים און יעקב איז דאָך אויך ישראל, איז דאָך דריי מאָל חיים...

— הייסט עס, רבי, אַז איך זאָל לאָזן אָפּערירן?

— דער אייבערשטער וועט העלפן און ער וועט געהאָלפן ווערן.

— הייסט עס, רבי, אַז איך דאַרף נישט לאָזן אָפּערירן?

— דער אייבערשטער וועט העלפן און ער וועט געהאָלפן ווערן.

— איז, וואָס איז אייער קלוגע עצה, רבי? ער איז דאָך אַזאַ חלוש. און לייגן אויף די לונגעלער קאָן עס זיך חלילה. און אַן אָפּעראַציע, אַ מעסער, ביי אַ זיבעלע...

— חיים, דריי מאָל חיים... דער אייבערשטער וועט העלפן.

פון דעם שכנותדיקן צימער האָט זיך ווידער דערהערט דאָס קרעכצן פון דער רביצין, אַ דערשטיקט קרעכצן, וואָס האָט זיך גע־ריסן פון אירע אָנגעשוואָלענע געלענקען. אָבער עס איז גיך דער־טרונקען געוואָרן אינעם ביטערן געוויין פון דער אומגליקלעכער מאַמען.

— איז וואָס בלייבט, רבי ?

— דער אייבערשטער וועט העלפן און ער וועט געהאָלפן ווערן — האָט דער רבי אויפגעהויבן די באָרד אין איינעם מיטן קול, בכדי איבערצושרייען דאָס געקרעכץ און דאָס געוויין. — דער אייבער־שטער וועט העלפן... גייט אַהיים, אשה.

— מיט וואָס, מיט וואָס, לאָבטיקער רבי ? מיט וואָס אַהיימגיין, מיט וואָס ?

— מיטן רבינס ברכה ! — האָט די רביצין אַריינגעשריגן פון איר בעט אַראָפּ, אונטערקרעכצנדיק צווישן יעדער זילב. — מיטן רבינס ברכה, ווײ איז מיר. מיט דעם רבינס ברכה ; איז נאָך ווייניק ? !

די טיר האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט מיט אַ געסקריפּ.

און דער רבי האָט גענומען שאָרן מיט זיין באָרד איבער די פאַרגעלטע זייטן און לערנען אויפן קול, ווי ער וואָלט וועלן אַלץ איבערשרייען און אַלעמען.

צוויי ליכט

אויפן טיש האָבן געצאַנקט צוויי ליכט. דער פרימאָרגן האָט גענומען מיט כוח זיך אַריינרייסן דורך די געדיכט פאַרנעפּלטע שויבן און זיך אויסמישן מיט די קאַרגע פלעמלעך פון די ליכט.

די ערשט־געוואָרענע אַלמנה איז געלעגן אָנגעטאָן אין שוואַרצן, אַזוי ווי זי איז געגאַנגען און געשטאַנען, גראָד נאָך דער מיליטערישער לוויה־צערעמאָניע.

דריי פרויען זענען מיט איר געבליבן איבער נאַכט: אַ שוועגערין, אַן אינטימע פריינדין, וואָס האָט פאַרלוירן איר מאַן אין אַ פריערדיקער מלחמה, און איר מאַנס אַן אוניווערסיטעט־חברטע, וואָס איר מאַן איז אומגעקומען אין אַן אויטאָ־אומגליק. די קרובה האָט זיך צוגעלייגט צו איר. די אַנדערע האָבן זיך אויסגעבעט אויפן דיל.

— ער איז געווען אַזאַ גוטער.

— אַזאַ גוטער ברודער.

— אַזאַ גוטער פריינד.

— אַזאַ גוטער חבר.

— אַזאַ בליץ־קאַריערע.

— אַזאַ העלד.

— אַזאַ...

ווען עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זי איז שוין מיד פון צוהערן זיך צו זייערע רייד, האָבן זיי אויפגעהערט, און זיך צוגעהערט צו איר געוויין.

— איך וועל זיך אַ מעשה אָפּטאָן — האָט זי זיך פּלוצעם אויפגעריסן פון בעט, און געוואָלט ערגעץ לויפן, ערגעץ שפּרינגען, עפּעס ברעכן, עפּעס צעשטערן.

מען האָט זי קוים איינגעהאַלטן.

— זיי רויִק, טאָרסט דיך נישט וואַרפן. געדענק וועגן קינד אין טראַכט.

— באַזין דיך!

— מיינער איז אומגעקומען נאַריש, אַפילו קיין העלד נישט געווען, און האָט מיך געלאָזן אַן גאָרנישט, מיט אַ פּלאַכן בויך; אָבער דו האָסט מזל. היט דיין מזל!

— אויך מיר נישט באַשערט קיין יורש, אַ יורש נאָך אַ העל־דישן קאָמאַנדאָ־צנחן.

— ער האָט אַזוי געוואָלט דערלעבן אַ נאָמען נאָכן טאַטן, דעם העלד פון דער מלחמת השיחרור:

— באַזין דיך, באַזין דיך!

זי האָט זיך באַזינען.

זי איז שטיין געבליבן נעבן פענצטער, אָנגעלענט איר שטערן אין דער קאַלטער שויב. פונעם שטערן איז זיך די קעלט צעגאַנגען איבער אַלע אירע גלידער, און זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אייזקאַלטן שווייס.

— עס מוז אים זיין קאַלט דאָרטן — האָט זי אויסגערופן מיט אַ קלעמעניש צווישן יעדן וואָרט.

זי האָט גענומען שפּאַנען איבערן צימער, ווי מיט פרעמדע פיס, און איר קאָפּ האָט זיך ביי איר געדרייט פון איין וואַנט צו דער

צווייטער, ווי זי וואָלט געזאָגט ניין צו דער וועלט, צו איר גורל; ווי זי וואָלט וועלן פֿאַרטרייבן פֿון אונטערן שאַרבן די נישט־אויסגע־חלומטע חלומות, חלומות פֿון אַ יונג לעבן אין צווייען.

איין ליכט האָט גענומען רויכערן. דאָס צווייטע האָט נאָך, מיט די לעצטע כוחות, געפּרוּווט איינהאַלטן אַ ברעקל פֿלעמל אויפֿן שפּיץ פֿון זינקענדיקן קנויט, און נישט געוואָלט ווערן רויך.



גאָטס רצון

איך טרעף זי צוזאַמען מיטן פרימאָרגן און מיטן זאַק אויפן רוקן. זי גייט געבויגן, קלייבט צונויף פסולת. וואָס ווייטער זי גייט — אַלץ פולער דער זאַק, אַלץ איינגעבויגענער איר רוקן.

זי ווייסט נישט ווי אַלט זי איז. זי געדענקט נאָר, אַז ווען דער נדיב הידוע איז געקומען קיין טבריה, איז גראָד אויסגעפאַלן איר זילבערנע חתונה. זי האַלט אויך נישט דעם חשבון פון אירע אייניקלער, אור־ און אור־אור אייניקלער. נישטאָ קיין טאָג מ׳זאָל איר נישט ווינטשן מזל־טוב. זי ווייסט דעמאָלט, אַז עס איז אַ שמחה ביי איר אין דער משפחה. פון אַלע שמחות, גייט זי נאָר צו אַ חופה.

— לאָן את הולכת? — פרעגט מען זי.

— את הולכת עיריה. את הולכת שולע. את הולכת בית הכנסת הגדול...

— מה את עושה?

— את עושה ניקיון. את עושה...

יונגוואַרג רעדט צו איר עברית און ווענדט זיך צו איר בלשון יחידה, צווייטע פערזאָן. באַנוצט זי די זעלבע גראַמאַטיקאַלע פאָרם. ווילט איר האָבן אַ ריכטיקע תשובה פון איר, מוזט איר פרעגן אין יידיש. נאָר נישט וועגן אירע יאָרן. אויב יאָ — ענטפערט זי אייך מיט אַ מאָנאָלאָג:

— נאָר נישט געגוג יאָרן. פאַראַן אַזוי פיל פסולת! יידן פעדערן זיך צום דאַוונען, צו דער אַרבעט, האָבן קיין צייט נישט; טראָגן אומריינקייט אין גאָטס הויז אַריין... און אַזוי פיל קוויט אַרום שולע;

קינדער קוקן נישט, וואַרפן אָפּפאַל... דאָס זעלבע נעבן דער עיריה... דערלעבט אַ יידישע עיריה, אַ יידישן ראש־העיר, יידישע פּקידים; דאַרף זיין ריין, דאַרף אַלץ בלאַנקען... יעדער דאַרף דינען דער השגחה, יעדער אויף זיין אופן. און איך — מיטן זאַק אויפן רוקן... אַת עושה ניקיון. אַת עושה גאָטס רצון...

דער ייִדישער שרייבער

אַ פֿאַרמאַטערטער איז ער אין מיטן שרייבן איינגעשלאָפֿן. און שלאָפֿנדיק האָט ער געפֿילט ווי לייכט עס שרייבט זיך אים, ווי עס פֿאַרשווינדן אַלע מניעות, ווי עס שרייבט זיך פֿון זיך אַליין, איין שורה נאָך דער צווייטער, איין געדאַנק נאָכן צווייטן, איין קאַפּיטל נאָכן צווייטן. עס שרייבט זיך אַליין, ווי עס וואָלטן נאָך געווען יענע מיליאָנען פֿאַרשניטענע, וועגן וועלכע ער שרייבט.

ער האָט געהאַט דאָס געפֿיל ווי ער שרייבט פֿאַר יענע זעקס מיליאָנען, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט פֿאַרשניטן געוואָרן. ער האָט געפֿילט ווי ער שרייבט וועגן יענע מיליאָנען פֿאַר די זעלבע מיל־יאָנען. ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען נישט מער ווי אַ חלום.

און מחנות מענטשן שטייען פֿאַר גיטלינס קראָם, אויף די נאַ־לעווקעס, און רייסן זיך וועגן בוך, מען צעכאַפּט עס ווי מצה־וואַסער. און די מאַשינען ביי בזשאָזען ווערן מיד פֿון דרוקן נאָך און נאָך עקזעמפּלאַרן, נאָך און נאָך אויפֿלאַגעס, און מען צערייסט אים פּשוט, דעם מחבר, מען רייסט אים פֿון אַלע זייטן: נאָך און נאָך, שרייב אונדז נאָך אַ בוך און נאָך אַ בוך!

פֿון די רייסענישן האָט ער זיך איבערגעוועקט. ער האָט געריבן די אויגן: חלום, אָדער נישט חלום?

אָט זעט ער ווייטער די זעקס מיליאָן, וועגן וועלכע ער שרייבט.
אָט זעט ער ווייטער די זעקס מיליאָן, פֿאַר וועלכע ער שרייבט.
דאָס זענען דאָך די זעלבע זעקס מיליאָן. די זעקס מיליאָן, וועגן וועלכע ער שרייבט, און די זעקס מיליאָן, פֿאַר וועלכע ער שרייבט, זענען דאָך איינע און די זעלבע, די באַשריבענע און די לייענערס.

אָט שטייען זיי דאָך פאַר אים בולט. עס איז נישט אמת, אַז זיי זענען פאַרשניטן געוואָרן; זיי לעבן, זיי לעבן...

און אין מיטן שרייבן איז ער וואַכעדיק געוואָרן. זייענדיק וואַך, האָט ער געפילט ווי לייכט עס שרייבט זיך אים, ווי עס פאַרשווינדן אַלע מניעות, ווי עס שרייבט זיך אַליין, ווי עס וואָלטן נאָך געווען יענע מיליאָנען פאַרשניטענע, וועגן וועלכע ער שרייבט, און ווי פאַר זיי וואָלט ער געשריבן...



דער בראַסלאַווער

דאָס פּנים פון ר׳ אבי איש טבריה איז געווען צעשטראַלט און זיינע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד מער ווי תמיד. יעדע האָר פון זיין ווייסער באָרד האָט געפינקלט ווי אַ קוועקזילבער־רערל צו מעסטן דעם גלי פון אינערלעכער שמחה. אַפילו ווען ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, און אַ טיפער קרעכץ האָט זיך פּלוצעם אַרויס־געריסן פון זיין קעל צוליב אַ ווייטיק אין רוקן, איז נישט פאַרשאָטנט געוואָרן אויף קיין רגע דאָס האַרמאָנישע בילד פון עקסטאַטישער פרייד.

— איך זע, ר׳ אבי, אַז איר האָט יסורים. און דאָך איז אייער פּנים נאָך מער צעשיינט ווי תמיד — האָב איך זיך געחידושט.

— אַ חכמה דינען גאָט מיט שמחה, ווען עס טוט נישט וויי, אָדער ווייניק וויי? — האָט ער זיך צעשאָקלט אויפן שטול, ווי בעתן לערנען — דווקא ווען די ליידן זענען גרויס דאַרף מען זיך פרייען: זעסט באַשעפער, אַפילו בעת גרויסע יסורים דין איך דיר בתוך שמחה, בתוך אהבה. ווי זאָגט ר׳ נחמן: „איז אַ מענטש אין גאַנצן געזונט, קאָן ער אַריינפאַלן אין הבלי התאוות״...

— איז נישט שמחה אַ פאָרם פון תאווה?

— פאַראַן שמחה און שמחה. שמחה שנעשה טבע בתוך עבודת הבורא איז די אמתע שמחה, וואָס פאַרשטויסט יעדע תאווה... און, ווען עס באַפאַלט אַ מענטשן אַ גאָר גרויסע שמחה, איז אַ סימן, אַז עס וועט אים דערגרייכן חסד און ישועה.

ר׳ אבי איש טבריה האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגראָדט, דערלאַנגט אַ האַנט, אַ פיבערדיקע, אַ לייכטע. אויך פיבערדיק און לייכט זענען געווען זיינע טריט.

אויף דער וואַך

דער קיבוץ שלאָפט מיטן שלאָף פון גלייביקע, און עקיבא דרייט זיך אַהין און אַהער, מיט פעסטע טריט, און ברומט: ד׳ עוז לעמו ייתן, ד׳ יברך את עמו בשלום, בשלום. און פון צייט צו צייט פאַרגייט ער זיך מתיקותדיק: עוז, עוז, עוז, אוי־ווײ, אוי־ווײ, ווײ־יע־בו־רער, אוי וואַיעבורער... און ענדיקט ווי די כוהנים ביים דוכענען: שו־שו־לוים; און מעשה־קהל — אַ־מיין!

עקיבא שפּאַנט אַהין און אַהער, טאַפּט די ביקס, וואָס הענגט אַראָפּ אויף אַ רימען, דריקט דאָס הענטל פונעם מעסער, וואָס שטעקט אַרויס פון דער לעדערנער שייד, איבערן גאַרטל און הייבט אָן אויפסנײַ דעם ניגון: ד׳ אוי, ד׳ עוז, ד׳ אויז...

דער קיבוץ שלאָפט, נאָך אַ שבתדיקן טאָג, פאַרענדיקט מיט אַ לאַנגער מלווה־מלכה, און עקיבא איז אויף דער וואַך. ער וואַכט ביים הויפּטאײַנגאַנג און זעקס אַנדערע בחורים זענען ערגעץ ווײַט פונאַנדערגעטיילט ביי דער גרענעץ. עטלעכע הונדערט שפּאַן פון אים. מיט אַ וואָך צוריק, איז ער געווען דאָרטן, און אַן אַנדערער איז געווען דאָ, אויף זײַן אָרט. אַ שאָטן פון אַ באַרג קוקט אַהער צו אים, און וואַרפט אָן אַ פּחד. אָבער פאַר וואָס האָבן פּחד? אַ באַרג רירט זיך נישט, אַפילו ווען זײַן שאָטן באַוועגט זיך טייל מאָל אויפן ווינט. די שונאים, וואָס אויף יענער זייט באַרג, וועלן נישט באַווייזן צו רוקן דעם באַרג פאַרויס, אויפן קיבוץ אַרויף, אויף די שלאָפנ־דיקע יידישע מענטשן און די קינדערלעך, גאָטס שעפעלעך. ניין, זיי וועלן נישט באַווייזן. גאָר פאַרקערט, זייערע בייזע באַגערן וועלן זיין ווי די קללות אינעם מויל פון בלעם...

ער שרעקט זיך נישט פאַרן שאָטן. אַפילו ווען עס דאַכט זיך טייל מאָל, אַז ער צעדריוולט זיך, צעצויט זיך און נעמט אָן אַ פּנים פון אַ מענטש, אַ מענטש וואָס שפּאַנט, וואָס דערנענטערט זיך. דאָס איז כדי ער זאָל נישט זיין צו זיכער, נישט פאַרמינערן זיין וואַכזאַמקייט. ער פאַרשטייט דעם פאַרבאָרגענעם מיין פון דעם באַרגשאָטן, פון די שאָטן־שפּליטערס, וואָס געגענען צו אים, געאָרעמט מיט די שאָטנס פון די פּאַלמעס, וואָס ביים ראַנד פון וועג. ער הערט ווי עס אָטעמען די ביימער, ווי עס הוסט דער ווינט צווישן די פּאַלמעצווייגן, און ווי עס מישט זיך שאָטן מיט שאָטן. און די נשמה פון רבי יוחנן בן־זכאי שוועבט דאָ אַרום, און שמועסט זיך דורך מיט די פּאַלמעס, ווייל רבי יוחנן פאַרשטייט וואָס עס רעדן די פּאַלמעס צווישן זיך.

און וואָס רעדן זיי איצטער צווישן זיך, אין דער פינצטערער נאַכט? זיי רעדן נישט צווישן זיך, נאָר זיי כאַפּן אויף זיין תפילה־דיקן ניגון: ד׳ עוז ד׳ אוי, אדו־נוי אויז...

עקיבא שפּאַנט פעסט, טאַפּט דעם שטאָל פון זיין ביקס, דריקט דאָס הענטל פונעם מעסער, און דער ווידערקול פון זיינע צעניגונטע זילבן טראָגט אים אַקעגן אַנזאָגנדיקע שפּליטערס פון אַן אויפגייענדיקן פרימאָרגן.

שניי אין צפת

שכנא, דער שמש, האָט אַרויפגעצויגן זיינע שווערע ווינטער־שטיוול, איינגעטונקען זיינע לאַנגע פינגער אינעם שניי, געמאַכט אַ ברכה ווי צו נעגל־וואַסער, און געגאַנגען אין קלויז.

פון הר כנען בלאָזט אַ בייזער ווינט און יאָגט אָן די נעבכטיקע שניי־ פלאַטערלעך אין זיין פנים און באַרד, מאַכט זיי נאָך ווייסער ווי זיי זענען. איין שטיק ווייסקייט דער וועג אַראָפּצו ביז צום סאַמע טויער פון קלויז.

— אַזוי פיל שניי, אַזוי פיל ריינקייט, אַזוי פיל חופה־ווייסקייט! אַזוי פיל מצוות און זכותים זאָלן מגין זיין אויפן פאָלק ישראל, וואָס דאַרף אַ שוץ און אַ באַשיצער, טאַטע זיסער!

זיינע באַשטיוולטע פיס גייען. אַראָפּ גייען זיי. אַרויף גייען זיי. פון אַלקביץ־גאַס גייען זיי ביזן קלויזטויער, דרייען זיך אויס בואי־ בשלומדיק און שפּאַנען טאַנצנדיק. באַלד וועלן יידן גיין צום ערשטן מנין. דאַרף מען אויסטרעטן דעם וועג.

אַלטע יידן. שלאָפן קאָנען זיי נישט. מצוות רופן זיי. זינדיק איז מען. דאגות האָט מען. צרות רבים. און משיח וויל נישט קומען. לאָמיר לויטערן די נשמה אין תפילה, אין לערנען. דאַרף מען אויס־טרעטן דעם וועג פאַר זייערע אַלטע, שווערע גליטשיקע, אוי ווי גליטשיקע, טריט.

גייען צוויי אַלטע יידן, אַרומגעפּעלצט, די הענט אין די טאַשן. דער שניי ווייזט זיי דעם וועג. די זון איז נאָך צוזאַמען מיט דער נאַכט אויף יענער זייט כנען־באַרג. די לבנה ווי אַ שניי־באַלעם, איז

געזונקען אין כינרת און אומזיסט זוכט זי אַ וועג צו די אַרומיקע ברעג, וואָס שטעקן אַרויס קוים קוים זייערע פּאַרשנייטע בריסט.

— האַ, וואָס טוט דאָרטן ר׳ שכנא, דער מקובל? טאַקע ער, מיט די גרויסע שריט, מיטן איינגעהויקערטן רוקן און מאַנטל אויפן ווינט, האַ?

— טאַקע ר׳ שכנא, מיטן מאַנטל אויפן הויכן רוקן און גרויסע שפּרייזן; אַהין און אַהער גייט ער, אַרויף און אַראָפּ שפּאַנט ער; מ׳וואָלט געזאָגט, אַז ער טאַנצט.

— ער גייט אַקעגן משיחן? ער טאַנצט אַקעגן משיחן, ר׳ שכנא?

— וואָס טאַנצט ער אַ מאָל אַהין, אַ מאָל אַהער, אַז ער טאַנצט אַקעגן משיחן?

— ער ווייסט נישט פון וועלכער זייט ער וועט אָנקומען, משיח. גייט ער אַהין, גייט ער אַהער, קפיצת־הטאַנץ; פון וועלכער זייט ער זאָל נישט קומען, וועט ער אים געבן שלום, נישט פאַרזוימענדיק אויף אַ קוצו של רגע.

— וואָס הייסט, ער ווייסט נישט? ר׳ שכנא ווייסט נישט?... מיר, פּראָסטע יידן, ווייסן נישט. ר׳ שכנא ווייסט שוין גוט, אוי, ווייסט ער!

פּלוצעם איז ר׳ שכנא אויסגעוואַקסן נעבן זיי. ער איז אַריין אין מיטן, אָנגענומען זיי אונטער די אָרעמס:

— אָנו, — לאָמיר גיין צוזאַמען. צוזאַמען אויסטרעטן דעם וועג, דעם וועג פון ווייסקייט, דעם וועג פון ריינקייט...

— פאַר משיחן, ר׳ שכנא?

— און לאָמיר טאַנצן צוזאַמען, אויסטאַנצן דעם וועג.

— פאַר משיחן, ר׳ שכנא?

— פאַר משיחן, ר׳ שכנא?

— פאַר די פרימאָרגן־דאַווענערס, פאַר די פרימאָרגן־לערנערס, וואָס מצוות לאָזן זיי נישט שלאָפן, וואָס מיט זייערע כוונות

פלאַסטערן זיי אויס דעם וועג פאַר משיחן, פאַר משיחן בימינו, בימינו בקרוב... אַ, נו — יידן, לאָמיר טאַנצן גייענדיק, אַהין און אַהער, אַהער און אַהין, לקראת די משיח־ברענגערס...

זיי האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי די אָרעמס, און געהויבן די פיס טאַנצנדיק. זייערע זוילן האָבן געפינקלט און געפלאַמט ווי געטונקען אין דער זון, און געזייט צעזונגענע גלי־פלאַטערלער אינעם סודותדיקן אַרום.



קידוש־השם

מ׳האָט זיך שטאַרק געחידושט. ערשט אַכט טעג ווי זי איז געקומען, וואַלגערט זיך נאָך מיטן קינד און בידנעם געפּעק אין דער שוועסטערס ענגער קיבוץ־דירה, און שוין גייט מען פּראַווען דעם ברית. זי איז נאָך רעכט נישט געקומען צו זיך, נאָך די אַלע איבערלעבענישן, נישט אויסגערוט זיך נאָך אַזאַ לאַנגן וועג, און שוין דאַרף מען אָפּערירן דאָס קינד. ביי דריי יאָר, איז דאָך נישט קיין קלייניקייט...

דער חדר־האוכל האָט געגלאַנצט פון די ווייסע טישטעכער, און די ערשטע נאָך־פּסח־בלומען האָבן פאַרשיכּורט מיט זייערע שאַרפע ריחות. דאָס פרישע געבעקס, די אָקאַרשט געפּליקטע פּרדס־פּרוכטן און די גאַנץ פון די קאָלירטע משקאות, וואָס האָבן זיך געריסן דורך די שלעכט פאַרמאַכטע פלאַשן, האָבן נישט באַוויזן אָפּצושטעלן דאָס ווייבערישע גערייד:

— וואָס איז דאָס ברענעניש, וואָס איז? זי האָט נישט געקאָנט אונטערוואַרטן ביז מ׳וועט אַרויסלאָזן איר מאַן, דעם אסיר־ציון, ער זאָל אויך זיך פרייען אויף דער שמחה, האַ?

— ווער ווייסט ווי לאַנג זי וואָלט געדאַרפט וואַרטן, ווער ווייסט?

— ביי זיי קאָן מען נישט זיין קיין חכם. איר האָט מען געגעבן 24 שעה, אַזוי פּלוצעם. און פּאַשאָל, געגאַנגען זאָל ווערן!

— איך וואָלט נישט געפאָרן, נאָר געוואַרט דאָרטן אויפן מאַן.

— זי האָט געטראַכט, אַז פון דאָנען, פון דער פרייער וועלט,

וועט זי בעסער קאָנען קעמפן פאַר זיין עליה. געוועז שוין אַזעלכע פאַלן...

עס איז געקומען דער טבריהער רב.

— חג שמח — האָט ער געזאָגט. — גוט יום־טוב יידן. אַ גרוי־סער יום־טוב היינט אין קיבוץ. חג גדול היום, רבותי — און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט, און זיין לאַנגע, ווייסע באָרד האָט געדרייט זיך אין אַלע זייטן.

— חג שמח. גוט יום־טוב! — האָבן אַלע געענטפערט און אויפגעשטעלט זיך אויס כבוד צו זיינע אויגן, צו זיין באָרד, צו זיינע רייד.

— יום גדול היום — האָט דער רב איבערגעחזרט און גע־שטעלט זיך מיטן פּנים צום כינרת.

דער כינרת האָט זיך, צו דער געלעגנהייט, באַדעקט מיט זיין שענסטן תכלת־טישטעך און באַצירט זיך דאָ און דאָרטן מיט פריי־ערב־שקיעהדיקן זונגינגאָלד. דער הימל האָט געגנידערט, זיך אויס־געבויגן און דערנענטערט זיך צו די רחבותדיקע פראַנטשויבן פון חדר־האוכל.

— יום־גדול — האָט דער רב איבערגעחזרט און געגעבן סימ־נים, גערעדט תפילהדיק אַ מאָל צום הימל, אַ מאָל צום כינרת, ווי ער וואָלט זיי פאַרבעטן צו דער גרויסער שמחה.

אינעם ווינקל, וואָס האָט אַרומגענומען אויך אַ טייל פון אַ פראַנטשויב, איז געווען צוגעגרייט אַן אימפּראָוויזירטער אָפּעראַ־ציע־זאַל, אָפּגעטיילט פון עולם מיט אַ ברייטן צווייפליגלדיקן פאַ־ראַוואַן.

עס איז געקומען דאָקטאָר אשר, דער קופּת־חולים־כירורג, וואָס איז אויך מוהל ביי דעליקאַטע, אָדער עלטערע קינדער. און

ווי תמיד, האָט ער זיך איצט אויך געאײַלט. געקומען איז אויך לאה, זײַן שפּיטאָל־שוועסטער. און דינה, די קיבוץ־פלעגערין, האָט זיך געפּאָרעט. זי האָט צעעפענט אַ פּאַראַוואַן־פליגל, פאַרמאַכט, ווידער פונאַנדערגעעפנט. מ'האָט געהערט דעם געקלאַנג פון מעטאַלענע מכשירים און באַפעלערישע רייד פונעם דאָקטער.

— עס איז אַן אמתע אָפּעראַציע ביי דריי יאָר — האָט אַן עלטערע פרוי געגעבן צו פאַרשטיין, עס איז נישט ווי ביי אַן עופעלע פון אַכט טעג.

— מסתמא וועט מען אים איינשלעפערן, נישט שניידן לעבעדיק פלייש — האָט צוגעגעבן אַ נעבנזיצערין.

— זיכער נישט מער ווי אַ שפּריץ, אָדער בלויז אַ כלאָראָ־פאָרם־מאַסקע אויף אַ ווייל — האָט אַ דריטע געזאָגט מבינות.

דער דאָקטער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין זיינע פעסטע הענט.

— נו, נו, די קוואַטערין מיטן קינד, נו, נו — האָט זיך געהערט דעם רבס איידל קול.

דינה האָט פונאַנדערגעעפנט אַ פּאַראַוואַן־פליגל און עס איז אַריין גאָלדע, די מומע, טראַגנדיק אין אירע אָרעמס איר שוועס־טערנזון אין אַ ווייס לאַנג העמד, און אַ ווייס קאַפּל אויפן קאָפּ. די מאַמע איז געגאַנגען דערנעבן, איבערגעבויגן איבער זיין פּנים און גערעדט צו אים תפילהדיק. דער פּאַראַוואַן האָט פאַרמאַכט זיך הינטער זיי.

אַלע האָבן אויפגעהאַלטן דעם אָטעם. שטיקלעך גינגאָלד האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט פון וואַסער־תכלת, אָנגעשלאָגן זיך אין די פלאַשן און גלעזער, און געפאַלן צעמינצטע אין די געדיכט צעשטעלטע טעלערס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט זייער פאַלן, אַז מען פילט דעם ברי פון זייער צונטער־גלײַזקע שפּליטערס.

— שאַ, שקט! — האָט אויסגערופן דער דאָקטער אויף יענער

זייט פאַראַוואַן, ווי עס וואָלט מעגלעך געווען ס'זאָל זיין נאָך שטילער.

— שאַ, שאַ! —האָט נאָכגעזאָגט דער רב

דער דאָקטער האָט געזאָגט גיך אַ ברכה. דער רב האָט געזאָגט „ברוך־הוא" און דערנאָך „אמן". אינעם זאַל האָבן עטלעכע פרומע ליפּן זיך באַנוגנט בלויז מיט „אמן".

— ווער שרייט? ווער וויינט? דאָס קינד האָט זיך שוין אַזוי גיך איבער־געוועקט, לעבעדיקע יסורים, נעבעך? ניין, דאָס איז זיין מאַמע, זי שרייט, זי וויינט. אַ צער בעלי־חיים, נעבעך. וויִניק געליטן דאָרטן? אַ רחמנות, נעבעך!

— שאַ, שקט! — האָט דער דאָקטער איבערגעחזרט.

— שאַ, שאַ! — האָט דער רב נאָכגעזאָגט, און תיכף צוגע־געבן. — זאָל זי שרייען, זאָל זי וויינען, עס איז איר יום־טוב, איר גרויסער יום־טוב. דאָס איז דאָס געשריי, דאָס געוויין פון אַלע יידישע מאַמעס דאָרטן...

מזל־טוב! — האָט אויסגערופן דער דאָקטער און געשטעלט זיך פאַרן פאַראַוואַן.

— מזל־טוב, אין אַ מזלדיקער שעה! — האָט אויסגערופן דער רב און צוגעגעבן:

— ויקרא שמו בישראל — אברהם.

— מזל־טוב, אברהם! — האָט דער עולם אונטערגעכאַפּט.

דער דאָקטער האָט אויסגעטאָן דעם ווייסן כאַלאַט, אַ וואָרף געטאָן אים אין אַ ווינקל, אַ כאַפּ געטאָן אַ גלעזל, וואָס מ'האָט אים דערלאַנגט, געזאָגט „לחיים", תוך כדי טרינקען, און גיך אַרויס. דער רב האָט געטאָן דאָס זעלבע, און געבליבן. דינה האָט צונויפגעלייגט די פאַראַוואַן־פליגל. אינעם אָפּגעדעקטן ווינקל איז געזעסן אין אַ טיפן שטול די מאַמע, און אויף איר שויס דאָס קינד. דאָס קינד איז געשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף. די מוטער האָט אים אַרומגענומען

מיט אירע לאַנגע אָרעמס און איינגעגראָבן איר פּנים אין זיינעם. עס האָבן זיך געהערט לייכטע זיפצן, באַגלייט מיט אַ דערשטיקט געוויין. עס האָט אויסגעזען, ווי די מוטער וואָלט אַריינגעוואַקסן אין איר קינד, געוואָרן איינס מיט אים.

גאָלדע האָט זיי געוואָלט פונאַנדערטיילן, און נישט געקאָנט.

דער עולם האָט געוואַרט. מ'האָט געמיינט, אַז אָט וועט זי זיך אויפשטעלן מיטן קינד אין די אָרעמס, זיך צוהערן צו די ברכות, ענטפערן אויף זיי, ווי עס פּירט זיך. דער רב האָט געגלעט אירע לאַנגע האָר, איר אַקסל, געוואָלט זיך צורירן צום שטערן, צו די בעקלעך פונעם קינד, און נישט באַוויזן. אומעטום איז געווען איר פּנים. אומעטום זענען געווען אירע ליפּן.

די זון איז אַריבער גיך איבערן חדר־האוכל, זיך פאַרהאַלטן אַ ווייל אויף די הרי־נפתלי, אָנגעוואַרעמט מיט איר שטראַליקן חסד די אַקעגנגעטראָגענע ברוסט פון הר־תבור, און אַריינגעקייקלט זיך אין דער שויס פון ערב־נאַכט. דער כינרת האָט זיך אָנגעהאָנגען, מעשה קונדס, אין די לעצטע שטראַלן, און אויסגעקוקט מיט לעב־צעניש דעם לבנה־בייגל, וואָס זוימט זיך אויף יענער זייט חרמון.

אין זאַל האָבן זיך אָנגעצונדן די לעמפּ.

אין ווינקל איז געזעסן די מאַמע מיטן קינד, איר פּנים איינגע־גראָבן אין זיינעם, ווי אַ שטיינערנע סקולפּטור פון אַ מאַמען, וואָס אָרעמט אַרום און קושט איר קינד.

— נו, נו, טבריהער רב? — האָט דער עולם גענומען ברומען צודרינגלער.

— נו, נו, עד מתי?

— נו, נו, וואָס איז דער תכלית?

— נו, נו, טבריהער רב?!

פּלוצעם האָט דער רב אַ הייב געטאָן זיינע אויסגעגלאָצטע

אויגן און צעשטראַלטע באָרד צום עולם, אַ קלאַפּ געטאָן אין די האַנט־פלאַכן, זיי תיכף פונאַנדערגעעפנט, אויפגעהויבן די אָרעמס ווי צום דוכענען:

— רבותי — האָט ער געזאָגט — דאָס וואָס איר זעט, איז דער ערשטער קוש פון אַ מאַמען, דריי יאָר נאָכן געבוירן פון איר קינד... זי האָט געלעבט דאָרט אין אַ פאַרוואָרפענעם רוסישן העק. נישט געווען קיין מוהל. ברענגען אַ מוהל, אָדער פאָרן צו אים מיטן קינד, איז געווען פאַרבונדן מיט סכנה, מיט סכנת־נפשות... האָט זי געלעבט, מיט איר אייגן קינד, ווי אַ פרעמדע... זי האָט געפילט, אַז כל זמן דאָס קינד איז נישט געמלט, געהערט עס זיך איר נישט אָן אין גאַנצן, געהערט עס נישט צו איר משפחה, איר שטאַם, איר פאָלק... האָט זי נישט געוואָגט אַ קוש טאָן איר קינד...

דער רב האָט איבערגעריסן, געקוקט אַ מאָל אויף דער מוטער און קינד, אַ מאָל צום עולם, אַראָפּגעלאָזן די אָרעמס, גענומען מיט זיי באַוועגן, ווי בעת אַ שבתדיקער בית־מדרש־דרשה, און מיט אַן איבערגענומענעם קול ממשיך געווען:

— רבותי, אַ יידישע מאַמע, וואָס האָט געוואַרט דריי יאָר, כדי צו געבן דעם ערשטן קוש איר אייגן קינד — דאָס איז קידוש השם, קידוש השם, רבותי!

ער האָט איבערגעריסן, אונטערגעזיפצט, אויפגעהויבן די אויגן ווי ער וואָלט גערעדט צום באַלקן, און נאָך העכער פון אים, און אויסגעפירט:

— און ווי נאָר זי איז געקומען, האָט זי גענומען איינלייגן וועלטן, אַז צו די אַכט טעג זאָל פאַרקומען דער ברית, ווי מיטן מאָמענט ווי זי האָט באַטרעטן די הייליקע ערד, וואָלט דאָס קינד געקומען ערשט אויף דער וועלט... און אָט, איצט, קוקט, קוקט גוט אַהין, קושט זי דאָס קינד פאַר די גאַנצע דריי יאָר... אַ מאַמע, וואָס קאָן זיך איינהאַלטן, און גאַנצע דריי יאָר נישט קושן איר אייגן קינד, רבותי — דאָס איז קידוש השם, אמתער קידוש השם, רבותי...

דער רבּ האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ מידער און געווישט דעם שווייס, וואָס האָט זיך געפּערלט אויף זיין שטערן, אויף זיינע צע־פּלאָמטע באַקן.

די הערנער פון לבנה־בייגל האָבן געזוכט אַ וועג אַרויס פון דער זילבערענער נעץ, וואָס האָט זיך געוועבט כּאַמסיניק אַרום זיי, אַרויס פון געדיכטן געפּלאָנטער, איידער עס ווערט צו שפּעט.

איין האָרן האָט זיך דורכגעריסן און געפונען אַ וועג צום כּינרת.

דער צווייטער האָרן האָט מיטגעריסן מיט זיך שטיקער זילבער־נעץ, זיי פאַרטראָגן אין חדר־האוכל, און אַוועק זיך לייגן צופוסנס פון דער מוטער מיטן קינד.

תפילות

איז געשטאַנען אַ פּאַלמע אינעם געגלי פון דער מיטאָגזון, און מיט טרוקענע ליפּן געבעטן: גאָט פון שאָטן, גיב מיר רעגן, גאָט פון שאָטן.

האָבן געבוואַליעט די וואַסער־ליפּן פון כינרת, און געבעטן: גאָט פון רעגן, גיב מיר רעגן, גאָט פון רעגן.

האָט די פּאַלמע געהערט די תפילה פון כינרת, און געלאָזן טרערן: גאָט פון רעגן, גיב אים רעגן, גאָט פון רעגן, גיב אים רעגן.

האָט דער כינרת געהערט די תפילה פון דער פּאַלמע, און זיך דביקותדיק צעבוואַליעט: גאָט פון שאָטן, גיב איר שאָטן, גאָט פון שאָטן, גיב איר שאָטן.

איז פון די טרערן געוואָרן אַ טייך, און געהויבן האָט זיך דער שפּיגל פון וואַסער.

איז פונעם תפילהדיקן פייער געוואָרן דאַמף איבערן וואַסער, און פון דאַמף — אַ וואָלקן, און פון וואָלקן — אַ שאָטן איבער דער פּאַלמע.

צירק



ציון

זיי האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז דאָס ערשטע קינד וועט הייסן נאָך זיין זיידן, און דאָס צווייטע — נאָך איר פֿאָטער, וואָס איז געפֿאַלן ביים איינגעמען ירושלים. זי האָט נאָכגעגעבן, נישט מיט אַ לייכט האַרץ, און אין געהיים זיך פֿאַרגעוואָרפֿן וואָס זי האָט אָפּגעטרעטן די בכורה.

די גאַנצע משפּחה האָט זיך געגרויסט מיטן זיידן, דעם העלד פֿון געטאָ, און קדוש פֿון די פּאַרטיזאַנער־קאַמפֿן. און נישט נאָר דאָס. ער איז געווען דער ערשטער אַקטיווער ציוניסט אין שטעטל. ער איז געפֿאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט פֿלאַמיקע ציון־רעדעס. ער האָט געשאַפֿן דעם ערשטן קורס פֿאַר העברעיש אין דער גאַנ־צער געגנט און איינע פֿון די ערשטע הכשרות אין לאַנד, וואָס האָבן צוגעגרייט יונגעלייט נישט נאָר צו עליה, נאָר אויך צו פּאַרטיידיקן זיך קעגן די פּאָגראָם־העצערס. און נישט נאָר דאָס. איבער זיין קלייט מיט פּאַפּיר און שרייב־געצייג האָט זיך געפֿונען אַ גרויסער מעטאַ־לענער שילד, מיט אַן אויסגעהאַמערטן מגן־דוד אין מיטן, און אַ פֿינקלדיקער ציון, מיט סטיליזירטע עברית־אותיות צווישן זיינע זעקס אָרעמס. אינעם יזכור־בוך פֿונעם שטעטל איז די גרעסטע צאָל זייטן געווידמעט דעם זיידן, און אויפֿן אינערלעכן שער־בלאַט איז רע־פּראָדוצירט דער שילד.

זיי האָבן געלאָזט פֿאַרגרעסערן דאָס בילד, אַריינגעזעצט עס אין אַ טיפֿער גילדענער ראַם און באַצירט דערמיט די הויפּטוואַנט פֿונעם עסצימער.

זי איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן אויף איר צייט, ווען זי האָט פּלוצעם באַקומען ווייען. דאָס איז געווען גראָד, ווען זיי האָבן נאָכגעפאָלגט די ראַדיאָ־ידיעות פון דער דעבאַטע וועגן יידן און ציוניסטן אינעם פּאַלאַץ פון פעלקער. ווען זי האָט דערהערט די שענדלעכע אָפּשטימונג, האָט זי דערפילט פּלוצעם ווי עמעץ וואָלט אַריין מיט אַ מעסער אין אירע אינגעווייידן.

ער האָט זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

ווען זי האָט זיך איבערגעוועקט, האָט זי אים אַקעגנגעטראָגן אַ צעשמייכלט פּנים צוזאַמען מיט אַ ציטערדיק געבעט אויף אירע טרוקענע ליפּן: „מיר וועלן אים רופן ציון. ציון, וועלן מיר אים רופן".

ער האָט געקושט אירע האָר, אירע אויגן, אירע תפילהדיקע ליפּן, אירע נעצנדיקע בריסט.

— יאָ — האָט ער צוגעשטימט, און אין זיין פּנים איז געווען אַזוי פיל פרייד און לייטזעליקייט ווי ביי איר — זאָל זיין מיט מזל! מיר וועלן אים רופן ציון. ביסט גערעכט.

טוריה

פון אַרבעטן אַזוי פיל יאָר מיט דער טוריה, גראָבן די ערד איינגעבויגן, האָט זיך ביי איר דער רוקן אויסגעבויגן, צעקרימט. זי האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט אויסגלייכן. די ביינער זענען נאָך געווען יונג און שוואַך, און עסן צו דער זעט אין קיבוץ איז נאָך נישט געווען, ווען זי האָט אָנגעהויבן.

צום יום־טוב פון 25 יאָר פון קיבוץ, האָט זי נאָך אָנגעפירט מיט דער פייערונג, און געטאַנצט האָראַ ביז נאָך חצות.

צום יובל פון קיבוץ האָט זי קיין האָראַ נישט געטאַנצט. זי איז אַרויף מיט די אייגענע כוחות אויף דער בימה, און גערעדט צום עולם אַן אויסגעבויגענע, מיטן קאָפּ פאָרויס און צום דיל.

צו די 60 קיבוץ יאָר, האָט מען איר געמוזט העלפן אַרויפגיין, און דערלאַנגען אַ שטול. זי האָט זיך געשטאַרקט, אָפּגעשטופּט דעם שטול, און גערעדט צום עולם אָנהאַלטנדיק זיך אינעם מעטאַלענעם שטאַנג פון מיקראָפאָן.

צו 70 יאָר האָט זי יאָ אָנגענומען דעם שטול, און האָט אַריינגערעדט אין מיקראָפאָן, וואָס איז געלעגן אויפן בימה־דיל.

אַ יאָר שפּעטער האָט מען געפייערט אַ טאָפּלטן יום־טוב: אירע 90 יאָר, און צען יאָר זינט ס'איז געגרינדעט געוואָרן אינעם קיבוץ דער מפעל, די רערן־פאַבריק. זי האָט זיך קעגנגעשטעלט. אירע 90 יאָר זענען אירס אַ פּריוואַטער ענין און עס איז אַ פאַרשוועכונג צונויפצופּאָרן איר געבורטסטאָג מיט דער דאַטע פון אַריינפירן אינדוסטריע אין קיבוץ, אין סתירה צו די קיבוצישע טראַדיציעס.

האָט זי זיך געלייגט אין בעט אַריין, כדי נישט צו באַטייליקן זיך אין דער שׂמחה. דער עולם האָט באַדויערט און איז געגאַנגען צום יום־טוב מיט אַ ווייטיק אין האַרצן.

אָבער ווי דערשטוינט זענען די פּאַרזאַמלטע געווען, ווען פּלו־צעם האָבן זיי באַמערקט ווי זי קומט אָן, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי טוריהס. זי איז כמעט ווי געלעגן מיט אירע אָרעמס אויף די אייזנס פון די טוריהס, און גערוקט פּאַרויס דעם עק פונעם הילצערנעם טוריה־שטעקן, אַ מאָל איינעם, אַ מאָל דעם צווייטן.

עמיקם, דער ניי־דערוויילטער, יונגער ראש המועצה, איז אַרויף אויף דער בימה מיט אַ גלעזל משקה אין האַנט, און אויסגערופן: „זאָל לעבן די סבתא, עד מאה ועשרים!״ אַלע האָבן געטאָן דאָס זעלבע, געהויבן די גלעזלעך און געשריגן: „לחיים, סבתא!״

עמיקם האָט גערעדט וועגן איר, וועגן אירע פּאַרדינסטן, וועגן די ראשונים פון קיבוץ, דעם דור פון דער טוריה, וואָס האָבן נישט דערלעבט, אָבער געלאָזן אַ גרויסע ירושה פון מסירת־נפש, עקשנות, אהבת הקיבוץ, אהבת ישראל, און וואָס אין זייער זכות האָט זיך דער קיבוץ צעבליט און איז דערגאַנגען צו דער סטאַדיע פון אינ־דוסטריע, פון מפעל, וואָס האָט אַזוי מצליח געווען.

זי האָט זיך געשטאַרקט, אָנגעשפּאַרט זיך אויף איין טוריה, אויפגעהויבן די צווייטע אין דער הייך, צוזאַמען מיטן קאָפּ, ווי אַ סימן, אַז זי וויל עפּעס זאָגן. מ׳האָט דערלאַנגט צו איר מויל דעם מיקראָפאָן. זי האָט אונטערגעהוסט, בעסער זיך אָנגעלענט אויף דער טוריה, און געזאָגט אַזוי שטאַרק ווי זי האָט געקאָנט: — וויל איז אייך, וואָס מיר האָבן געקענט די טוריה. און וויל איז אונדז, וואָס איר דאַרפט זי נישט קענען.

זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. עטלעכע נעבנשטייערס האָבן זי אונטערגעהאַלטן. דער גאַנצער עולם האָט זיך געשטעלט אין אַ ראָד

אַרום איר, גענומען זיך ביי די אָרעמס און פֿאַרגאַנגען אין אַ האָראַ. זי האָט אַרויסגעלאָזן ביידע טוריהס, דערלאַנגט אירע אָרעמס, און אַריין אינעם מיטרייסנדיקן האָראַ־ראָד.

חיים בן שאול בן דוד בן יוסף

ווען מ'האָט דעם אַלטן יוסף תּאַזיני געבראַכט די לאַנג דער־וואַרטע ידיעה, אַז ביים זון פון זיין זון איז געבוירן געוואָרן אַ זון, האָט ער זיך געשטאַרקט און אויפגעזעצט אינעם בעט, צו וועלכן ער איז געווען צוגעשמידט לאַנגע חדשים. זיין פאַרמעט־פּנים האָט אויפגעלויכטן ווי אַ ליידיקע יריעה אונטער דער גענזן־פעדער פון אַ סופר.

— איצטער קאָן איך שטאַרבן — האָט ער געזאָגט. און צוגע־געבן — רופט אים חיים. ער זאָל לאַנג לעבן, און עד איך סוף זאָל זיך ציען דאָס בית־תּאַזיני.

פון זיינע אויסגעטריקנטע אויגן האָבן גערונען טרערן בשפע, ווי עס וואָלטן זיך דאָרטן צעעפנט קוואַלן פון איינגעזאַמלטע און אָפּגעשפּאָרטע טרערן־אוצרות פאַר דער־אַ גליקלעכער רגע און פאַרפלייצן זיין שניי־ווייסע און לאַנגע באָרד.

— דאָס זענען טרערן פון פרייד, און טרערן פאַר חיימען... ווען אַ מענטש ווערט געבוירן, איז תּיכף באַשטימט פון אויבן וויפל טרערן ער דאַרף אויסוויינען אין לעבן. וויל איך, אַז מען זאָל אויבן אַראָפּרעכענען מיין מעסטל טרערן פון זיין חשבון, פון חשבון פון בית־תּאַזיני, פון חשבון פון בית־ישראל...

משפחה־כראַניק

ווען עזר איז געווען אין דער באַפרייונג־מלחמה, איז געקומען אויף דער וועלט אורציון.

ווען אורציון איז אַלט געווען אַ יאָר, איז עזר אַוועק אין מילו־אים, און ווען ער איז אַוועק אויף דער סיני־מלחמה, האָט דאָס קינד געמאַזלט.

ווען עזר איז אַרויס פון שפּיטאָל, נאָך דעם ווי זיין דזשיפּ איז אַרויף אויף אַ מינע, בעת די מילואים — איז געווען די בר־מצווה.

בעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה זענען זיי ביידע אַוועק אויפן פראָנט. דער פאָטער — אין קשר (פאַרבינדונג); דער זון — אין אַ טאַנק.

תיכף נאָך ביידנס מילואים, און נאָכן אויסדינען פון זיין באַשערטער, אַ טאָכטער פון עזרס לאַנדסלייט, פון דער שארית הפליטה, ווי ער — איז געשטעלט געוואָרן די חופה.

ווען אורציון איז אַוועק אויף דער יום כיפור־מלחמה, איז געבוירן געוואָרן שלום.

איצט איז אורציון אין מילואים, זיין פרוי אין געבורט־קליניק, און עזר אין משמר האזרחי. ער היט דעם אַריינגאַנג פון קינדער־גאָרטן, ווו עס געפינט זיך זיין אייניקל.

שלום זאָגט:

— אבא במי־מי־מילו־לואים... סבא שו־מר על שלום... שלום יהיה טנ־קיסט... ואמא הלכה לק־נות עוד, עוד שלום...

די האַנט

נאָכן אַרומגיין מיט איר עטלעכע חדשים, האָט ער זיך געוואָנדן צו איר פֿאָטער, און מיט אַ שטים פֿון אַ פֿאַרליבטן געבעטן די האַנט פֿון זיין טאָכטער.

— וועלכע האַנט? — האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט ערנסט און ספּאָנטאַן, ווי ער וואָלט פֿון לאַנג שוין געוואַרט אויף זיין בקשה, און געהאַט אַ גרייטן ענטפֿער.

— וואָס הייסט? — האָט דער פֿאַרליבטער געפֿרעגט אין פֿאַר־לעגנהייט, נישט דערוואַרטנדיק אַזאַ פֿראַגע.

— וועלכע האַנט? — האָט דער פֿאָטער איבערגעפֿרעגט מיט אַ צוגאָב פֿון איראָניע.

ער איז געשטאַנען אַ ווייל אַ פֿאַרלוירענער, און נישט געוווּסט אין וואָס עס גייט. פּלוצעם איז אים געקומען אַ גליקלעכע מחשבה אין קאָפּ אַריין, און ער האָט געזאָגט זיגעריש:

—ביידע.

און ער האָט איבערגעחזרט, פֿונאַנדערלייגנדיק די זילבן.

— ביי־דע.

— האָסט נישט באַמערקט — האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן — אַז איין האַנט איז ביי איר אַנדערש ווי די צווייטע, האַ?

ער האָט געזוכט דעם אונטערשייד צווישן אירע הענט, און נישט געפֿונען.

— נו?

— אַז מען האָט ליב, קוקט מען נישט אויף קיין פּרטים, אויף

אונטערשידן צווישן איין האַנט און דער צווייטער — האָט ער געפונען אַן אַלגעמיינע תשובה, ווי אַ שילער, וואָס שטייט פאַר אַן עקזאַמען.

— קלוג, דו געפעלסט מיר — האָט דער פאָטער געזאָגט, און אונטערגעהויבן פריינדלעך דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ פון פאַרליבטן.

זיי זענען געשטאַנען און געקוקט זיך אין די אויגן אַריין.

— האָסט נישט באַמערקט צומאָל — האָט דער פאָטער גע־פרעגט נאָך אַ ווייל — האָסט אויף אַן אמת נישט באַמערקט, אַז זי האָט אַן אוישוויץ־נומער אויף איר לינקן אָרעם, איבער איר לינקער האַנט, האַ ?

— די לינקע האַנט! — האָט ער אויסגערופן מיט טריומף, און איבערגעחזרט רעציטאַטאָריש: — די לינ־קע.

דער פאָטער האָט אים אַרומגענומען, צוגעדריקט פעסט צו זיך, און צוגעגעבן:

— נישט נאָר איר האַנט, נאָר אויך מיין האַרץ באַקומסטו... דאָס צעציטערטע האַרץ פון אַ טאַטן, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט זיין איינציק קינד דורך טויזנט ניסים פון טויט־לאַגערס און גאַז־אויוונס... דו ביסט עס ווערט, ביסט עס ווערט...

דער שליסל

צווישן די זאַכן, וואָס זענען געבליבן נאָך אים, אין זיינע מיליטערישע בגדים, איז געווען אויך אַ שליסל.

פון וואַנען איז דער שליסל? זי האָט אים געפּרוווט צו אַלע טירן, שענק, שופלאָדן, קאַסטנס, און אין ערגעץ האָט ער נישט געפּאַסט. אפשר פון זיין מיליטערישן, פּערזענלעכן שענקל?

האָט זי אים אויפגעהאָנגען אויף אַ גאָלדענעם קייטל אַרום איר האַלדז, און אים געטראָגן, ווי מען טראָגט אַ קמיע, ווי אַ שטיק פון אים אַליין, ווי זיינע אַרומנעמענדיקע אָרעמס.

רות, די תימנער עוזרת, האָט יאָ געוווּסט. דאָס איז דער קופּער־נער זיכערקייט־שליסל פון איר טיר. ער פלעגט קומען אין איר צימער, הינטער דער שטאָט, יעדעס מאָל, ווען ער האָט געקאָנט אויסמיידן דער מאַמעס פאַרשעריש אויג. און בעתן מיליטער יעדעס מאָל ווען ער האָט געהאַט אַ פרייען טאָג, אַ פרייע נאַכט, אָדער אַ צופעליקן טרעמפּ.

זי האָט דערקענט דעם שליסל. ער האָט געלאָזט מאַכן, ערב גיין אין צה״ל, אַ ספּעציעלן זיכערקייט־שלאָס צו איר טיר, מיט אַ קליינעם שליסל, וואָס ער זאָל קאָנען תמיד טראָגן ביי זיך.

די מוטער האָט כסדר געקוקט אויפן שליסל, צוגעשטעלט צו אירע ציטערדיקע ליפּן, און פאַרגאָסן גרויסע אַלמנהשע טרערן פון אַ מאַמען, וואָס האָט פאַרלוירן איר איינציקן זון.

רות האָט אויך געוויינט. אָבער אירע טרערן זענען נישט אַרויסגערונען. פון צייט צו צייט איז זי צוגעפאַלן צו איר האַרינטע, זי געטרייסט, געווישט אירע טרערן, און געזוכט מיט די ליפּן דעם שליסל.



תמים

תמים שטייט אויף פאַר דער זון. גיסט אָפּ נעגל־וואַסער. פאַר־פעסטיקט זיין קאַפּל מיט פינקלדיקע שפּאַנערס צו די אַראָפּהענ־גענדיקע פּיאות. און שטעלט זיך קערן די גאַסן אַרום די בתי־תפילה, דער עיריה, דעם קינדער־הויז פאַרביי מיין באַלקאָן.

ער איז קליין און דאַר. אַלץ איז ביי אים אין מיניאַטור. אַחוץ זיין באָרד. זי נידערט אַראָפּ ברייט און לאַנג ביז אונטערן גאַרטל, וואָס האַלט צונויף דעם זאַקענעם געוואַנט אַרום זיינע דינע לענדן. די באָרד זעט אויס פּרעמד אויף זיין קוואַרן פּנים, ווי דער ריזיקער רייזבעזעם ביים סוף פון דעם האַלצערנעם שטאַנג, וואָס ער האַלט אין דער האַנט.

— בוקר אור — שריי איך אַראָפּ צו אים.

— בוקר אור — ענטפערט ער, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

פלאַמיקע שפּיזן־פינגער רייסן זיך דורך געדיכטע נעפּל־געוועבן, נידערן צום כינרת, זוכן אַן אָנהאַלט, כדי אַרויסצושלעפּן די זון פון איר געקלעם. דערנאָך לייגן זיך צונטער־פלעקן אויף תמימס קאַפּל, צעלייגן זיך איבער זיין באָרד, רינען אַראָפּ איבערן שטעקן און באַוועגן זיך צוזאַמען מיטן בעזעם אַהין און אַהער, פאַרוואַנד־לען זיך אין אַ שטויביקן גאָלדקרייז, און — תמים אין דער מיט.

און ווען די זון לייגט זיך אַוועק אַ שטייפע צווישן די לויזע בעזעם־פעדעם און דער גאַס, רייסט ער איבער זיין אַרבעט. עס איז אַן עוולה צו פאַרן מיטן שמוציקן בעזעם איבערן פּנים פון דער

לויטערער זון. דאָרטן, אין תימן, איז די זון געווען אַ פרעמדע. דאָ איז זי אַ יידישע, אַן אייגענע...

ער וואַשט די הענט, טרייסלט אָפּ דעם שטויב פון זיינע גע־וואַנט־פליגל, קלאַפּט אָפּ דעם שמוץ פונעם קאַפּל, און גייט אין בית־המדרש. ער שלייכט זיך אַריין, ווי אַ שאָטן, צווישן די שפּעט־דאַווענערס פון צווייטן מנין. ביז ער וועט אָפּדאַווענען, וועט דערווייל די זון אַראָפּ צו די נידעריקע טיילן פון שטאָט, און ער וועט אויבן ווידער קאָנען קערן די גאַסן.



רחמים

רחמים צעפירט וואַסער פון דימונה צו די בעדוּינער, וואָס צווישן די מידבר־דיונעס אויפן וועג קיין ערד (אַראַד).

שטייט ער אויף פאַר טאָגס, גיסט אָן קאַנען און פעסלער, פעלענע זעק, און לאָדנט אַרויף אויפן קעמל. ער הענגט אַרוםביידע קעמל־זייטן, פאַרפעסטיקט מיט רימענס און שטריק צום האָרב, און פאַר זיך לאָזט ער אַ קליין שפעלטל, אַריינצוקוועטשן זיין דאַרן און אַלטן גוף.

באַקוועם איז אים נישט. וועט אים דעריבער זיין באַקוועמער צוריקוועגס. די בעדוּינער נעמען אים אויף ווי אַ ברודער, און צאָלן אים צוריק מיט אַ ציגן־פעלעכל, מיט געשניצטע האָלץ־געשיר, געטאָקטע קעסטלער, געקינצלטע בלעכענע טעצעלער, בראָשן, אָדער קרעלן־בייטשלער, וואָס זיי אַרבעטן אויס אויפן אָרט. ער פאַרקויפט דאָס אַלץ שפּעטער אין שוק, אויף חיונה, און אויף נדן פאַר דער פאַרזעסענער טאָכטער, וואָס קיינער וויל זי נישט, ווייל די מאַמע האָט זיך פאַרקוקט אויפן קעמל, בעתן האָבן, און זי איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ האָרב...

שאָקלט זיך דער קעמל און שאָקלט, און די פוילע פיס צווישן די צעכוואַליעטע זאַמדן פרעגן זיך ביים רעש פון ווינט: יאָ גיין, נישט גיין? יאָ גיין, נישט גיין? און די צעציטערטע וואַסערן אין די כלים פרעגן סודותדיק און צום ריטם פון רחמימס צעוויגטע מחשבות: וועלן סטייען כוחות? וועט איר זיין באַשערט? וויפל נדן וועט ער וועלן? וועלן סטייען כוחות? וועלן סטייען יארן?

אויפן חרמון

אויפן חרמון פרירן חיילים און היטן. היטן חיילים און פרירן.

דריי אונטער זעראָ.

די פינגער קלעפּן צום פּראַסטשווייס פון מאַשינגעווער און ווערן שטייף. עס ווילט זיך אויסשיסן, צו דערוואַרעמען די קוילנרער כאָטש אויף אַ ווייל. עס ווילט זיך בלויז.

אונטן, צופוסנס פון שנייִיקן אָפּהאַנג, לאַגערן די שונאים אין סודותדיקע בונקערס מיט לויערנדיקע מיילער פון לאַנגע אַרטי־לעריע־לופעס.

זיי וואַרעמט די שנאה.

— שלום, בוקר אור! — שרייט איין חייל אַריבער צום צווייטן, שרייט הויך, צו דערוואַרעמען זיך מיטן הויך פון די בענטשנדיקע ווערטער:

— בוקר אור, שלום! — כאַפּן אונטער צעגליווערטע ליפּן.

און די לאַנגע העלדזער פון די אַרטילעריע־לופעס ברענגען צוריק צעגאָרגלטע עכאָ־טענער פון שפּאָט.

שטערן אויפן גולן

די ליכטער אויפן גולן — ווי די שטערן וואַלטן זיך אויסגעשטעלט רייענווייז אויף די גאַסן פון די קיבוצים, און אויף די וועגן וואָס פאַרבינדן זיי.

און די שטערן איבערן גולן — ווי די ליכטער פון די קיבוצים וואַלטן זיך אויסגעשטעלט רייענווייז אויף די הימלישע גאַסן און אויף די וועגן וואָס פאַרבינדן זיי.

און זיי פינקלען צו זיך קעגנזייטיק, ווינקען צו זיך סודותדיק, מיט אַ ציטער אין האַרצן.

און מיט שפע, מיט קאַריקאַטוראַלער גוזמא, פינקלט דער כנרת מיט, ווינקט דער כנרת מיט, סודעט זיך מיט, ציטערט מיט.

און אין מיטן — אַ לבנה: צוויי פנימער ווי אַ צווילינג. צווישן זייערע ביידע פנימער — דער חלל צווישן הימל און כנרת, פאַרבונדן מיט צעציטערטע נשמה־פעדעם פון די קינדער־הערצעלעך, וואָס אין די בונקערס אויפן גולן.

צעדה

אויפן אָפּגערעדטן אָרט האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין דער מחנה גייערס פון צעדת־הכינרת. זיי זענען אַריין צווישן חיילים, אין אַ מי־ליטערישער אָרדענונג, און אַ גרופּע האָלענדישע טוריסטן, וואָס זענען געגאַנגען צעשלעפּט און מיד.

ער האָט צוגעהאַלטן פעסט זיין קאַפּל, מיט איין האַנט, און מיט דער צווייטער האָט ער באַוויגן שעמעוודיק און קונציק, כדי אויסצו־מיידן איר האַנט, וואָס האָט געזוכט זיינע. אין דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן צוויי גרויסע מאַראַנצן, צונויפגעהאַלטן אין געקלעם פון אַן ענגן נילאָן־זעקל, צונויפגעהאַפּטענע ווי אין אַ ליבעאַקט.

זי האָט געטראָגן דאָס זעלבע קורצע קליידל, וואָס נעכטן, ווען זי האָט אים געגעבן אַ ווונק, ביי זיין פענצטערל אין מזרחי־באַנק.

— מאָרגן... צעדה... נעבן נוף האגם... הינטער דער שטאָט.

שווייס־באַלעמלער האָבן זיך געריסן פון אונטער זיין גע־שטריקטן קאַפּל, געפּערלט אויף זיין הויכן שטערן און ביינערדיקע קינבאַקן, גערונען לענג־אויס זיינע שיטערע פּיאות, און אַראָפּגע־קייקלט זיך צווישן זייַ באַהאָרטן בוזעם און וואַלענעם טלית־קטן.

— לאָמיר זיך שטעלן אין אַ זייט — האָט זי געזאָגט — און אויפעסן אַ מאַראַנץ. וועט זיך לייכטער גיין. עס איז אויך אַ סגולה קעגן שוויצן.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

האָט זי גענומען עפּענען דאָס זעקעלע גייענדיק. „ביסט אַ שלעכטער" — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף אים בייז.

פּלוצעם האָט זיך אויפגעריסן מיט אַ קרעכץ דאָס דינע נילאָן־

געוואַנט, אוןביידע מאַראַנצן זענען אַראָפּ אויפן וועג. געגומען זיך פּלאָנטערן באַרגאַראָפּיק צווישן די פיס פון די גייערס. זי האָט געיאָגט זיך נאָך זיי, פונאַנדערגעשטופּט די מענטשן, און די מאַראַנצן האָבן זיך געקייקלט און געקייקלט. איינער איז אַרונטער אונטער אַ שווערן פוס, און צעקוועטשט געוואָרן מיט אַ קללה, און אַ קרעכץ פון די מאַראַנצענע אינגעווייד. און דער צווייטער — איז פּלוצעם אַרויס פון די פיסרייען, און אַריין צווישן פאַרשטויבטן גראָז ביים וועגראַנד. זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, און געבליבן זיצן אַ פּאַר־מאַטערטע, מיט אַ קלעמעניש אין האַרצן.

ער האָט זיך צוגעזעצט.

גרויסע טרערן זענען גערונען פון אירע האַלב פאַרמאַכטע אויגן, געיאָגט זיך איבער אירע צעהיצטע באַקן און גענעצט איר בולטן פּאַרנט און דעם מאַראַנץ, וואָס זי האָט געדריקט פעסט צו זיך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט נישט צוויי, נאָר דריי בריסט, און אַז די טרערן זענען קיין טרערן נישט, נאָר פּערל, כישוף־פּערל, ווי די וועגן וועלכע ער האָט געלייענט אַ מאָל אין די סיפּורי־מעשיות. האָט ער אַרויסגעצויגן אַן עק פון זיין וואָלענעם אַרבע־כנפות, און גענומען פירן אים איבער איר פּנים, איבער אירע בריסט, איינצוזאַמלען די פּערל, דעם כישוף, אַז גאָרנישט זאָל גיין לאיבוד.

אַן אָרדענער, וואָס האָט געשלאָסן די צעדה, האָט זיי דערזען, און באַמערקט איראָניש:

— דאָס איז אייער צעדה, האַ?

— דאָס איז אין זכות פון דער צעדה — האָט ער געענטפערט, פאַרגלאָצנדיק פרום די אויגן.

גליק

ווען זי האָט געגומען אים אַרויספּירן אינעם פּאַרפּאַטעל, און מ׳האָט זיך גענומען גרייטן צו זייער חתונה, האָבן זיך מענטשן געוווּנדערט:

— וואָס זעט זי ביי אים?

און זי באַוווּנדערט:

— אָט, אַ מיידל מיט אַלע מעלות, און גייט זיך מקריב זיין פאַר אַ מלחמה־אינוואַליד.

און זי באַדויערט:

— נו, איז וואָס, אַז דער געלער נפתלי האָט זיך פּלוצעם פאַר־ליבט אין דער פּלעגערין, דינה, און זי פאַרלאָזן; נישקשה, זי האָט נאָך געקאָנט טאָן אַ גליק־שידוך!

שפּעטער ערשט, ווען עס איז געקומען אויף דער וועלט אַ קינד, דערצו פאַר דער צייט, אַ קינד מיט אַ געלן קאָפּ האָר און מיט אָפּשטייענדיקע אויערן, ווי ביים געלן נפתלי, האָט מען עס רעכט פאַרשטאַנען.

בייזוויליקע צינגער האָבן געזאָגט:

— אַ קאַליקע, אַ מאַן קאָן ער אפשר נישט זיין, אָבער אַ טאַטע

— יאָ!

און אַנדערע האָבן זיך געסודעט:

— נאָך גוט, וואָס ער האָט נישט נאָר קיין פיס נישט, נאָר אויך נישט קיין אויגן צו זען, און קיין קלאָרן קאָפּ צו פאַרשטיין...

אָבער, ווען מ׳האָט זיך צוגעווינט צו זען ווי זי פּאָרט מיט אים אינעם פֿאָטעל איבער די רחבותדיקע קיבוץ־אַלייען, ווי זי גלעט די ווונדן, וואָס אויף זיין הינטערקאָפּ, ווי ער דריקט פֿעסט דאָס קינד צו זיין ברוסט און מיט דער אַנדערער האַנט שיצט ער זיינע אייגעלעך קעגן דער זון — האָט מען גיך געביטן די מיינונג:

— אָט, אַן אידיליע. אָט — דאָס אמתע פּנים פֿון גליק!

העלף נישט דעם שונא

אויבן, גאָר הויך, אויפן חרמון־אַפּהאַנג, מיטן פּנים צום חרובן נמרוד־שלאָס, צווישן שיטערע בלומען־קעפּלעך — אַ גרויסע אויפ־שריפט אויף אַ הויכן שטאַנג: געדענק, שטרעק נישט אויס דיין האַנט נאָך די דאָזיקע בלאָ־קעפּלדיקע גלעקל־בלימעלעך! זיי זענען די לעצטע פון דעם מין. אַ גרויסע צאָל פון זיי איז אומגעבראַכט געוואָרן בעת די באָמבאַרדירונגען. עס דראָט זיי דעריבער אונטער־גאַנג. לאָז לעבן די פּאָר פאַרבליבענע בלימעלעך, כדי צו ראַטעווען דעם שטאָם!

איך האָב צוגעשריבן מיט אַ רויטן בלייער און מיט שרייאיקע אותיות:

העלף נישט צו דעם שונא! קוק אויף ווו דו גייסט, זאָלסט חלילה נישט צעטרעטן איינס פון די לעצטע גלעקל־בלימעלעך פון חרמון־אַפּהאַנג. העלף נישט דעם שונא!

געביטן די ראָלן

בועז האָט ליב אסתרן. און נאָר זי.
אסתר האָט ליב בועזן. און האָט ליבער אַבנרן.
האָט בועז געזאָגט צו אסתרן:

— עס בויט זיך אַ נייער ישוב אין אויבערן גליל, אסתר. קום, לאָמיר פאַרלאָזן אילת.

— און אילת איז שוין אין גאַנצן אויסגעבויט? — האָט זי געפרעגט. און צוגעגעבן: — דאָ איז מיין וועלט.

— זאָגסט וועלט, אסתר, און מיינסט אבנרן, אבנרן מיינסטו. האָט זי געשוויגן.

— אויב וועלט, אסתר, לאָמיר פאָרן אין דער וועלט אַריין. כ'האָב געלט אין דער שווייץ.

— און אהבת ארץ ישראל, בועז, אהבת ישראל, בועז?

און, ווען אבנר האָט ליב געהאַט אסתרן, און ליבער באַקומען דבורהן, האָט אסתר געזאָגט צו בועזן:

— קום, לאָמיר גיין בויען דעם ישוב אין גליל.

— און אילת איז שוין אין גאַנצן אויסגעבויט? — האָט ער געפרעגט.

— לאָמיר פאָרן אין דער וועלט אַריין, בועז! — האָט זי געזאָגט.

— און אהבת ארץ־ישראל, אסתר, אהבת ישראל, אסתר?

— וועל איך פאָרן אַליין — האָט זי געזאָגט.

— וועלן מיר פאָרן צוזאַמען, אסתר. קום, דער ישוב אין גליל וואַרט. קום, אסתר!

שניטצייט

יעדן פרימאָרגן קומט ער אין זיין פעלד שניידן תבואה. און זי מיט אירע לאַנגע האָר, גלײַזקע אויגן און בוזעם פול מיט לאַקונג, קומט, ווייל ער קומט. לייגט ער אַוועק די אַרבעט, און יאָגט זיך נאָך איר צווישן די הויכע און געדיכטע זאַנגען.

ווען איבערן פעלד האָבן פלוצעם גענומען ציען איבערגע־לאָדענע וואָלקנס, און אַראָפּ איז אַ שמייסנדיקער רעגן, האָט ער געהאַט טענות צו זיך און צו איר, הלמאי די אַרבעט איז נישט פאַרענדיקט און די זאַנגען וועלן פוילן אין פעלד.

איך וועל דיר ברענגען אין נדן מיין תבואה־פעלד. מיין טאַטע איז קראַנק און אַלט.

— זאַנגען, וואָס מ׳האָט אַליין געזייט און געפלעגט מיט אייגענע הענט, און זיי פוילן, איז ווי אַ טייל פון דיר וואָלט געפוילט.

— פאַרפוילטע זאַנגען זענען גוט צום באַמיסטיקן... וועט אונדזער ליבע בעסער געדייען, שלאָגן פעסטערע וואָרצלען.

ער האָט געשוויגן.

— דער רעגן וועט גיך אַדורך — האָט זי געזאָגט — און עס וועט קומען אַ ברענענדיקע זון, וואָס וועט אויספרעסן די נעץ פון די זאַנגען. וועל איך דיר צוהעלפן אין פעלד.

— און איך וועל דיר אויך צוהעלפן אין דיין פעלד — האָט ער געזאָגט מיט תמימות.

— אַ דאַנק. מיין תבואה איז שוין לאַנג אַראָפּגענומען.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו טוסט ווי איך, און אַז ליבע

איז ביי דיר בילכער ווי תבואה אין פעלד — האָט ער געזאָגט, און צוגעפאַלן צו איר, געוואָלט זי אַרומנעמען פעסט און אויסמוסרן.

זי האָט זיך אַרויסגעריסן, גענומען לויפן. זיי זענען געפאַלן. זיי האָבן נישט געפילט, אַז די ערד איז דורכגעווייקט, און אַז די רעגנטראָפּנס זענען גרויס, שווער און שמייסנדיק.

טבריה

אַלט־טבריה איז אַלט, מיט אַלע חנען פון אַלטקייט אויסגעגאָסן אויף די צויטן פון אירע מויערן, טורעמס און מצבות פון גרויסע יידן. און מיטן חן פון כינרת — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

טבריה־הדר איז שיין ווי איר נאָמען, ווי אַן אתרוג דעם לעצטן טאָג סוכות, מיט די חנען פון אַלטניי, געטונקען אין כינרת־בלאָ — מיט די אויגן צו דערלאַנגען.

טבריה־עילית, וואָס איבער זיי, איז יונג מיט אַלע חנען פון יונגקייט, אויסגעגאָסן אויף מזרחדיקן ליכט־און־שאָטן, מיטן חן פון כינרת — מיט דער נשמה צו דערלאַנגען.

און אויף אַ וואָלקן — צווישן הימל און כינרת — רייט יצחק ליכטנשטיינס לויטערער ייד, וואָס איז כולו הענט, כולו אויגן, כולו נשמה.

מזל און שאול

— דו ביסט נישט קיין שוואַרצער, שאול, ווי ניסים, דער מאַן פון גאָלדען. דו ביסט נישט קיין שיינער ווי יגאל, דער געליבטער פון גאולהן. דו ביסט נישט קיין הויכער ווי עמוס, וואָס גייט אַרויס מיט דליהן. ביסט נישט קיין ריז ווי שמשון, וואָס גייט אויס נאָך רחלען. ביסט נישט קיין זינגער ווי דוד, וואָס פאַרשיכורט מרימען מיט זיינע געזאַנגען. ביסט נישט קיין וויצלער ווי איציק, וואָס שטיפט אַרום מיט אסתרן. ביסט נישט קיין געלערנטער ווי הילל, וואָס פאַרברענגט אין די אָוונטן מיט חנהן. ביסט נישט קיין צעשמייכלטער ווי זוהר, דער חתן פון יפהן. האָסט נישט קיין ווילדע האָר ווי יאָסקע, וואָס שלעפּט זיך אַרום מיט תמרן. ביסט נישט קיין קושער, ווי ניר, וואָס קושט אַלע מיידלעך און געפינט קיין באַשערטע נישט... און דאָך, שאול, גיי איך אויס נאָך דיר. פאַר וואָס, שאול?

— ווייל דו, מזל, ביסט נישט ווי די מיידלעך, וואָס קושן זיך מיט נירן. ווייל האָסט נישט קיין גלאַט פאַרקעמטע האָר ווי תמר. ווייל האָסט נישט קיין זויער פנים ווי יפה. ווייל ביסט נישט קיין פּראָסטע מויד ווי חנה. ווייל ביסט נישט קיין ערנסטע ווי אסתר. ווייל ביסט נישט קיין פאַרחלומט־טרויעריקע ווי מרים. ווייל ביסט נישט קיין שוואַכינקע ווי רחל. ווייל ביסט נישט קיין קליינינקע ווי דליה. ווייל ביסט נישט קיין מיאוסע ווי גאולה. ווייל ביסט נישט קיין בלאָנדע ווי גאָלדע... און ווייל איך גיי אויס נאָך דיר, מזל. ווייל איך גיי אויס נאָך דיר, מזל!

גוטע פרימאָרגן־נייעס

היינט האָט מען אין די פרימאָרגן־חדשות דערמאָנט זעקס מאָל דאָס וואָרט שלום, צוועלף מאָל דאָס וואָרט פסח, און אַכצן מאָל — דאָס וואָרט בלומען.

צוועלף מאָל וועגן די צוגרייטונגען צו פסח.

אַכצן מינים בלומען, וואָס די ישראלדיקע ספּעציאַליסטן פון פלאָריקולטור גרייטן־צו צו דער אינטערנאַציאָנאַלער בלומען־אויס־שטעלונג אין חיפה.

און נאָר ז ע ק ס מאָל — שלום.

בראַוואָ!

אַביטל און גאָלדע

אביטל און גאָלדע ווינען אַ טיר נעבן אַ טיר.

זיי זענען אין דער זעלבער צייט פאַרגאַנגען אין טראָגן. אַביטל צום ניינטן מאָל. גאָלדע צום פערטן.

מ׳האָט זיך געחידושט. בצלאל, אביטלס בכור, איז שוין איבער אַ יאָר אין מיליטער, און דאָ גרייט זיך נאָך אַ נאָכשפּראָץ. זי האָט געזאָגט:

— שוין, מער נישט!

נאָך גרעסער איז געווען דער חידוש, ווען דער בויך האָט ביי איר גענומען וואַקסן און וואַקסן, און מבינטעס האָבן פאָראויסגעזאָגט אַ צווילינג.

אויך ביי גאָלדען האָט מען זיך געוווּנדערט. שטאַמט זי דאָך פון אַ משפּחה, ווו זייט דורות האָט מען נאָר צוויי קינדער, העכסטנס — דריי. די מומע פריידל, דעם דיינס, האָט געהאַט פיר, איז עס געווען אַ זעלטענער אויסנאַם.

און, ווען בצלאל איז געפאַלן, זענעןביידע אַריין אין ווייען. נישט אין גאַנצן אויף דער צייט.

אביטל האָט געבראַכט אויף דער וועלט צוויי מיידעלעך.

גאָלדע — אַ רויטהאָריק יינגל. זי האָט געטראַכט געבן אַ נאָמען נאָכן פעטער, דעם דיין, וואָס איז אַוועק מיט די פיר קינדער קיין אוישוויץ. און זי האָט אים געגעבן אַ נאָמען — בצלאל.

און, ווען אביטל איז דריי חדשים שפּעטער ווידער פאַרגאַנגען אין טראָגן — האָט זיך שוין קיינער נישט געחידושט.

מאיר און זעלדע

א.

ער גייט. זיין קאָפּ פּאָרויס און צו דער ערד, ווי ער וואָלט אים נישט געקאָנט אָפּהייבן, אָדער ער וואָלט זיך געשווירן נישט צו קוקן קיין מאָל מער אין הימל. איז ביי אים דער האַלדז אויסגעצויגן, און פאַרהויקערט דער רוקן. זעלטן שענקט ער אַ בליק די כוואַליעס, וואָס גייען אַליין, ווי זיינע פיס, צום בית־עלמין, ביי יענעם עק כינרת. און ער שווייגט, ווי אַ מצבה.

ב.

זעלדע, די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט אים אַ צייט באַפלעגט אין שפּיטאָל, זייט מ׳האָט אים געבראַכט פון פראָנט, זעט אים פאַרבייגיין איר הייזל. זי האָט מיט אים רחמנות. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז ביי אים אַ פּסיכישע שווייגעניש. אַ רעאַקציע אַזאַ — זיין גאַנץ אויפפירן זיך. ער האָט אַ צייט נאָך דער אָפּעראַציע גערעדט, געווען נאָרמאַל. נאָר ערשט, ווען ער האָט אָפּגעפונען אויפן בית־עלמין זיינע פּאַטראָל־חברים, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים פאַרשיט געוואָרן אונטער אַ האָגל פון באָמבעס — האָט ער אויפגעהערט רעדן, געוואָרן אַנדערש. דאָס איז ביי אים אַ פּראָטעסט, אַ שטום געשריי קעגן מלחמה, קעגן באָמבעס, קעגן לעבן...

ג.

ווען זעלדעס מאַן איז געפאַלן אויפן גולן, איז מאיר געקומען, יעדן טאָג פון דער שבעה, געשטאַנען אויף דער שוועל, געקוקט צום דיל, אויסגעשטרעקט זיין לאַנגן האַלדז צו איר צער. און געשוויגן.

ד.

ווילדגראָז איז געוואַקסן אין גאָרטן, הינטער איר הייזל, און געשפּרייט שטיקנדיקע וויקל־אָרעמס אַרום בלומען־העלדזער. בלומען־קעפּלעך האָבן זיך געריסן פון געקלעם מיט געבעט אויף לופט, מיט געבעט אויף רעגן. האָבן זיינע לאַנגע הענט געהערט זייער געבעט.

ה.

האָט זי צו אים געזאָגט:

— דער גאָרטן איז דיינער. די בלומען דאַרפן לאַנגע מענערהענט. מיינע זענען געמאַכט פאַר קראַנקע.

ו

שפּעטער האָט זי געזאָגט:

— דאָס הייזל איז דיינס. איך דאַרף האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצושווייגן.

ז.

ווען זי גייט אַוועק פאַר טאָגס צו די קראַנקע, גייט ער אַוועק, מיט פרישע בלומען, צו די קברים אין דער חיילים־אַליי.

— בוקר טוב, מאיר.

— בוקר טוב, זעלדע.

ח.

— ערב טוב, מאיר.

— ערב טוב, זעלדע.

ט.

— איך פיל אַ לעבן הינטערן נאַפּל — האָט זי געזאָגט.

— האַ?

— אַ לעבן, מאיר!
— אַ לעבן, זעלדע, האַ?

י.

— מ'וועט אים רופן עמנואל. נאָך מיין עמנואלן.
— מ'וועט אים רופן שלום, נאָכן שלום.

יא.

— מ'וועט אים רופן עמנואל!
— מ'וועט אים רופן שלום!

יב.

איצט גייט זעלדע יעדן פרימאָרגן אין שפּיטאָל, פלעגן די קראַנקע.

און מאיר בלייבט אין הייזל. פלעגט די בלומען, פלעגט עמנואלן.



יונגע אַלמנה...

ער האָט אַ שטיבל, אַבראַשאַ טאַמאַראַשווילי, ביים איינגאַנג פון קיבוץ. און ער פאַרריכט שיך, ווי ער האָט עס געטאָן ביז ערשט נישט לאַנג צוריק אין זיין גרוזינישן באַרגדאָרף.

דאָ זענען די שיך יידישע, און די פיס זענען יידישע, פיס פון יפה, סטאָלאַר, ישראלי, הרחול, קוואַשני, ראַט, כינרתי, און אַנדערע קיבוץ־זין און טעכטער.

זיינע הענט זענען אַלט, גוט אַלט. אָבער זייערע כוחות זענען יינגער פון זיי.

ער שטייט אויף ווי נאָר די זון נעמט זוכן דעם וועג צום כינרת, און ער גייט איר אַקעגן מיט הענט פול מיט תפילה. ער ווייסט נישט צי די זון צווישן יידן פאַרשטייט גרוזיניש. ציטערן ביי אים בלויז די ליפּן, און נאָר די הענט רעדן, שטרעקן זיך צו איר און צום הימלדיקן האַר, וואָס איבער איר. ער בעט פאַר סאַשאַן, זיין זון, וואָס מ׳האָט פאַרהאַלטן דאָרטן, נישט אַרויסגעלאָזן. אים, דעם אַלטן, האָט מען געלאָזן גיין. האָט סאַשאַ געזאָגט:

— פאָר טאַטע, כל זמן מ׳לאָזט דיך. זיי כאָטש דו צווישן יידן, אין דער הייליקער יידישער מדינה. איך וועל נאָכקומען. וועסט בעטן אויפן אָרט גאָט פאַר מיר. ער וועט דיך האָרכן, וועסט זען.

סאַשאַ שרייבט צום טאַטן און שיקט אים פאָטאָס. אין איינער אַ פאָטאָ האָט זיך פאַרליבט ציפורה יפה. עס גייט נישט אַדורך אַ טאָג, אָדער צוויי, אַז זי זאָל נישט קומען נאָך נייעס. ציפורה האָט זיך אויסגעלערנט עטלעכע רוסישע ווערטער פון וואָלף סטאָלאַרס

אַלמנה, דער שכנטע, און קומט פאַר אַבראַשאַס אַפענעם פענצטער.

— נו, קאַק סאַשאַ? קאָגדאַ מגיע?

אַבראַשאַ, וואָס רעדט רוסיש אַזוי פיל ווי פיל אַ קינד, וואָס הייבט ערשט אָן צו סילאַביזירן זיינע ערשטע ווערטער, פאַרשטייט דאָך אין וואָס עס גייט איר און ענטפערט, צו ערשט מיט אַ שמייכל, דערנאָך מיט הייבן די הענט צום הימל, און לסוף מיט אַ ווונק פול מיט בטחון: „אם ירצה השם, ציפורה־סערצע, אם ירצה השם".

אַרבעט ער מיט באַנייטע כוחות, פון פאַר טאָגס ביז שפּעט ביי נאַכט. ער וויל, אַז ער זאָל דאָ זיין ווויל געזען און זאָל פאַרדינען די ליבע, מיט וועלכער מען רינגלט אים דאָ אַרום. דאָרטן, צווישן די באַרג־פּויערים, האָט ער נישט געוווּסט פון דעם. פאַרקערט, די לעצטע יאָרן האָט ער געפילט אַפענע שנאה. און פאַר סאַשאַן אַרבעט ער, אַז אין דעם זכות זאָל מען אים דאָ אויך אויפנעמען ווי אַן אייגענעם, ווען ער וועט קומען. און, פאַר... ציפורהן.

ציפורה האָט געלאָזט פאַרגרעסערן סאַשאַס אַ בילד, עס איינגערעמט, אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט, אַזוי אַז ער זאָל קוקן צו איר, ווען זי ווענדט צו אים איר קאָפּ פון בעט אַרויס.

די מאַמע זאָגט, אַז ער איז אַ חתיך. די באָבע זאָגט, אַז ער איז געראָטן אין אַ פילם־אַרטיסט, וואָס זי האָט אַנומלט געזען אין דער טעלעוויזיע, אָבער זי געדענקט נישט געגנוי זיין נאָמען. וואָלף סטאָלאַרס אַלמנה, די שכנה, זאָגט, אַז ער איז אַ קראַסאַוויעץ. ציפורה זאָגט גאָרנישט. זי קוקט אויפן בילד, ווערט נישט מיד קוקנדיק, און יעדעס מאָל ווערט איר ווייך הינטערן גריבל און אַ היץ שלאָגט איר אין קאָפּ אַריין. זי זעט אים אַפילו, ווען זי קוקט נישט אויף אים, ווען זי לעשט אויס די לאָמפּ, און אין פעלד בעת דער אַרבעט. זי זעט זיין הויכן שטערן, זיינע בענקענדיק־בעטנדיקע אויגן, און די ליפּן, וואָס צוקן פון אומגעדולד, פון אומגעדולד צום פאָטער, צו יידן, צום קיבוץ, צו איר... ער איז אַזוי אַנדערש פון די

בחורים, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום איר, שלאָגן זיך צוליב איר, באַפאַלן זי מיט זייערע גלוסטעונישן.

און באַקומט ער אַ בריוו, וואַרפט אַבראַשאַ די אַרבעט, גייט אויפזוכן ציפּורהן אין פעלד. זי ווייסט וואָס עס באַדייט זיין באַווייזן זיך, זי ווייסט וואָס עס זאָגט זיין פּנים און וואָס עס זאָגן זיינע הענט. און ער פאַרשטייט וואָס זי טראַכט, און וואָס עס באַדייט דאָס וואַרפן זיך פון קליידל, וואָס איבערן בוזעם און דער גלאַנץ פון אירע פייכטע אויגן.

טייל מאָל פעדערט זי זיך, שטעלט זיך פאַר זיין פענצטער: „קאַק סאַשאַ? קאַגדאַ מגיע?"

ווען סאַשאַס בריוו זענען געוואָרן זעלטענער, וואָס אַ מאָל זעל־טענער, איז אָבער נישט זעלטענער געוואָרן אַבראַשאַס באַזוכן ביי איר אין פעלד, און נישט זעלטענער איר באַווייזן זיך פאַר זיין פענצטער.

— אם ירצה השם, ציפּורה סערצע, אם ירצה השם.

און ווען בריוו האָבן אויפגעהערט צו קומען, און אַבראַשאַס בריוו זענען געוואָרן אומגעקערט, איז ער נאָך תמיד געגאַנגען ווי פריער אין פעלד צו ציפּורהן, און אירע פיס פלעגן זיך אָפּשטעלן ביי זיין פענצטער:

— קאַק סאַשאַ? קאַגדאַ מגיע?

אין קיבוץ האָט מען גענומען קוקן אויף ציפּורהן מיט רחמנות, מיט באַדויער, ווי מען קוקט אויף אַ יונגע אַלמנה.

צווישן טורעם און טורעם



צווישן גאָט און גאָט

ווען מ׳נעמט אַוועק דעם דראָטענעם גדר און די אָנגעהויפּטע וויקל־קנוילן פון שטעכדראָט, וואָלט מען נישט געוווּסט, אַז דאָ איז אַ גרענעץ. די זעלבע ערד דאָ און דאָרטן. די זעלבע גראָזן. די זעלבע צעדער־ביימער, עוקאַליפּטוס־וועלדלער און פּאַלמעס.

אויף יענער זייט שיט אַ פּויער מיט אַ בענטשנדיקער האַנט קערנדלער אינעם צעאַקערטן פעלד און בעט זיין גאָט אויף גערעטעניש.

אויף דער זייט שיט אַ פּויער מיט אַ בענטשנדיקער האַנט קערנדלער אינעם צעאַקערטן פעלד און בעט זיין גאָט אויף גערע־טעניש.

און צווישן גאָט און גאָט — אַ דראָטענער גדר און אָנגעהויפּטע וויקל־קנוילן פון שטעכדראָט.

מידבר

די זון איז געווען ערב־אָוונטיק און מילד. דער הימל האָט אויסגעקוקט דאָס באַווייזן זיך פון לבנה־רייף. דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן ווילד און געהויבן די שיטערע זאַמדן אין די הייכן אַ גאַנצן טאָג, האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט. געבליבן איז נאָר אַזוי פיל ווינט, ווי פיל עס איז נייטיק אויף צו צעפלאַקערן די פלאַמען, וואָס דראַפּען זיך צו די שעפּסן, אויפגעשפּאַנטע אויף אייזערנע שפּיזן און צו צעטראָגן דעם גריוונדיקן ריח פון געבראָטנס צום גאַנצן וואַדי און צו די נאָזלעכער פון די אָנקומענדיקע געסט.

די בעדווינער זענען געזעסן אויף די טעפּיכער, וואָס האָבן פאַרדעקט די זאַמדן ווער אין אַ פאַראַדטראַכט, ווער אין אַ מידבר־פּעלערינע, ווער אין אַ ווייסן כאַלאַט מיט אַ שוואַרצן, צעשוווּמענעם געוואַנט איבער אים — די פיס אונטערן געזעס, באַקוועם, מעשה פּרינצן פון די מזרח־מעשיות. ווייניקער באַקוועם האָט זיך געפילט דער מיניסטער און זיינע באַגלייטערס. זיי האָבן אויך געהאַלטן די פיס אונטערן געזעס, און — פון העפלעכקייט — באַמיט זיך צו פאַרבאָרגן, אַז די פּאָזיציע איז זיי נישט ניחא. דער מיניסטער האָט דער ערשטער גענומען אַרויסווייזן סימנים פון אומגעדולד. דער שייך, איבראַהים אַרבאַ אַראַביאַ, וועמען די יידן האָבן גערופן שייך אַלף, אָדער שייך דריי אַלפן — צוליב זיינע ראשי תיבות, אָדער שייך שלוש, ווי אַן אויסדרוק פון רעספּעקט, היימישקייט און אינ־טימער באַציִונג, ווי צו אַן איבערגעגעבן־אויפריכטיקן פריינד, האָט פאַרשטאַנען דעם מיניסטערס דרייען זיך אויפן געזעס, און געגעבן אַ סימן אָנצוהייבן די צערעמאָניע.

די פּייקלערס האָבן גענומען פּויקן. די פּלייט־שפּילערס האָבן גענומען שפּילן. די פלאַמען האָבן זיך צעפלאַקערט צום טאַקט און צום שעפּסענעם בראַנד־געסקריפּ.

מ׳האָט זיך געזאַמלט אַרום דער רער, וואָס דאַרף אַקאַרשט אויפגעדרייט ווערן, און די ערשטע טראָפּנס וואַסער דאַרפן אַ שפּריץ טאָן מיטן אָנזאָג פון נייע צייטן. זיי דאַרפן מאַכן אַ סוף צום מידבר, צו דער פאַרשקלאַפונג צו די פעסער מיט וואַסער, וואָס ווערן געבראַכט פון דימונה, איבער צוואַנציק קילאָמעטער פון דאַנען, צום אָפּגעשטאַנענעם און פאַרעלטערטן וואַסער, וואָס מ׳האָט געמוזט באַנוצן שפּאָרזאַם, כדי איינצובערענגען טירחה, די שווערע מי פון שלעפּן וואַסער מיט אייזלען, קעמלען, זאַמדשליטנס.

ביים סוף פון דער דיקער רער, פאַזע זאַמד, איז געווען אַ היל־צערן געשטעל, און פון אים האָט זיך געצויגן אַ מעשן רערל, וואָס האָט געפינקלט אונטער די שפּעטשטראַלן, פאַרענדיקט זיך אין דער פאָרם פון אַ פרעגצייכן און איבערן האָרב פונעם אויסבייג — אַ פליגלשרויף.

דער מיניסטער האָט צוגעשטעלט זיין רעכטע האַנט צו דער שרויף. דער שייך האָט אונטערגעשטעלט אַ טיפן מעשענעם בעכער. די האַנט פון מיניסטער האָט אַ ציטער געטאָן. די שרויף האָט זיך אויפגעדרייט מיט געסקריפּ און געשפּריץ. דער בעכער האָט זיך אָנגעפולט ביז איבער די ברעגן.

— מזל־טוב! — האָט אויסגערופן דער מיניסטער.

— מאַברוק! — האָט אויסגעשריגן דער שייך. און אַלע אַרומשטייענדיקע נאָך אים.

די פּייקלערס און די פלייטלערס האָבן אויפגעשפּילט די התקווה. דערנאָך דעם מידבר־הימן פון די בעדווינער.

דער שייך האָט דערלאַנגט פון זיין בעכער דעם ערשטן שלוק דעם מיניסטער. דערנאָך האָט ער אַליין גענעבן אַ שלוק. נאָך אים — די געסט און די נכבדים, איין שלוק דעם מיניסטערס אַ באַגליי־

טער, איין שלוק די פּאַטערס פון די כּאַמולעס. און אַז עס האָט אויסגעפעלט, האָט מען אָנגעפולט דעם בעכער אויף ס׳נײַ, ביז יעדער איינער האָט געגעבן פון אים אַ צי. דערנאָך האָט מען גע־לאָזט רינען דאָס וואַסער פריי. איינער נאָכן אַנדערן זענען צוגע־גאַנגען, איינגענעצט די רעכטע האַנט, צוגעטאָן זי צום שטערן, דערנאָך אַרײַנגעטאָן זי הינטערן בגד צום לייב, איינגענעצט דאָס האָרץ, זיך פאַרבויגן מיט אַ תפילה־געפּרעפּל אויף די ליפּן.

דער מיניסטער און דער שייך זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס, געקלאַפּט זיך איבערן רוקן, צום טאַקט פון די שפּיל־אינסטרומענטן.

דער מיניסטער האָט געזאָגט: „ליבהאַרציקע פרײַנד און טײַערע משפּחה! זענען מיר דאָך אָפּשטאַמיקע פון די זעלבע אָבות און פון זעלבן מידבר. אין נאָמען פון דעם ווײַטן עבר, און פון געמיינזאַמען עתיד, וואָס מיר וועלן מוזן מיטמאַכן אין איינעם, האַנט ביי האַנט, אָרעם אונטער אָרעם, געחתמעט דורכן זעלבן גורל, האָבן מיר געמאַכט דעם געוואַלדיקן אָנשטרענג, צו דערגרייך צום איצטיקן יום־טוב. מיר האָבן זיך פּשוט, ווי מען זאָגט, אַוועקגענומען פון מויל, צו טיילן זיך מיט אייך מיטן וואַסער, וואָס מיר האָבן, ווי איר ווייסט, זייער בצימצום. גוט זענען אייך באַקאַנט די שוועריקייטן פון דער מדינה, וואָס ראַנגלט זיך פאַר איר לעבן ממש, פאַר איר קיום. דאָך האָבן מיר אַוועקגעקוקט פון די דרינגענדיקסטע נויט־געברויכן, און געצויגן צו אייך אַהערצו, איבער צוואַנציק קילאָמעטער רערן, כּדי איר זאָלט האָבן וואַסער, לעבעדיק וואַסער, פאַר אייך און פאַר אייער פי, און עס זאָל נאָך מער געדייען די קעגנזייטיקע קרובהשאַפט אונדזערע". ער האָט אָנגעשעפּט אַ בעכער וואַסער, דערלאַנגט דעם שייך צו געבן אַ שלוק, דערנאָך האָט ער אַליין געטרונקען פון אים, און אַ הייב געטאָן אים צום בלייכן לבנה־רייף: „זאָל לעבן שייך איבראַהים. זאָל לעבן דער נאָבעלער שבט אַרבאַ אַראַביאַ!"

דער שייך האָט געדאַנקט, זיך געבויגן מיטן שטערן ביז צום זאַמד. ער האָט איבערגעחזרט די רייד פון מיניסטער וועגן דער

געשיכטלעכער קרובהשאַפט און דעם געמיינזאַמען גורל אין דער צוקונפט. און צוגעגעבן: „יאָ, אָבער אַ שאָד, אַ גרויסע שאָד, וואָס דאָס וואַסער איז נישט געקומען אַהערצו מיט יאָרן פריער״. און פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ: „ווער ווייסט, צי דאָס וואַסער, וואָס ווערט דאָ פליסן פון איצט אָן, וועט זיין ביכולת, אָפּצוּוואַשן די זינד פאַר דער פאַרשפּעטיקונג, ווער ווייסט...״

די זון איז אַריין הינטער אַ הויכן אָנשיט פון זאַמד, וואָס האָט זיך געגרייט צום אָנקום פון דער נאַכט. די לבנה, וואָס האָט זיך אַקאָרשט געטובלט אין ים־המלח, האָט זיך געשטעלט מיט אַ גע־זאָלצן פּנים צום וואַדי, און נישט געוואָגט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער זון.

די פייקלערס האָבן געפויקט פויל. די פלייטלערס האָבן גע־בלאָזן אָן גרויס חשק אין די פלייטלעכלער. דער פאַררייסנדיקער ריח פון צעפּערטלטן און צעטרייבערטן געבראָטנס האָט ביי זיי געוועקט אַנדערע אַפּעטיטן.

דער שייך האָט דערלאַנגט דעם מיניסטער און זיינע באַגליי־טערס, אויף אַ פינקלדיקער טאַץ, אַ האַלבן שעפּס. דער מיניסטער האָט אָפּגעריסן אַ פליישיקן ביין, גענומען רייסן מיט זיינע שפּיציקע ציין. דער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

יאַסמינאַ, האַ?

לאַנגע יאָרן איז דער בעדוױנער־טאָל אַקעגן איבער מיין פענצ־טער, געשטאַנען פוסט און וויסט. די מורא פאַר אַ קעגן־נקמה צוליב גאולת־דם, האָט געצוווּנגען די בעדוױנער־משפחה צום וואָגל.

פּלוצעם האָט זיך די כוואַליעדיקע באַרגקייט און דער טאָל אויסגעפּולט מיט לעבן, מיט שוואַרצע ציגן, רויטע שאָף, אַרומ־שמייענדיקע הינט.

פאַר טאָגס האָבן די הינט זיך ווילד צעבילט, ווי אָנצוזאָגן זייערע בייזע כוונות. די זון האָט זיך פאַרהאַלטן איבער די פאַר געצעלטן און געשטעלט אין פלאַמען די שוואַרצע ציגן־פעלעכלעך פון זייער געוואַנט. אַ ווינט האָט צעטראָגן איבער די גראָזן און אָפּהאַנגען דעם ריח פון ציגנפלייש, וואָס בראָט זיך אויף אַ לייכט פייערל. פייער־צונגען האָבן זיך געדראָפּעט צו דער אָפּגעשונדענער ציג, וואָס הענגט הויך איבער זיי אויף אַ שטאַנג, צווישן זייטיקע קרייצפלאָקנס, און געמישט זיך מיטן שפּיזיקן גלי פון פרימאָרגן־שטראַלן.

דאָס גרייט זיך די בעדוױנער־משפחה צו פייערן דאָס באַזעצן זיך דאָ, אינעם פאַרלאָזענעם טאָל. צי איז עס די זעלבע משפחה, אָדער אַ נייע? אפשר צוריק־געקומען נאָך דער סולחה, נאָכן איבער־בעטן זיך?

דער פאַסטעך, אויפן איינגעפאַלענעם רוקן פונעם ביינערדיקן אייזעלע, היט די פי. ער יאָגט זיך צוזאַמען מיט די הינט נאָך די שעפּסן און ציגן, טרייבט זיי צום הויכן גראָז, וואָס אַרום דעם רחבות־דיקן מיטווח, דעם פּאָליגאָן פאַר קורצן געווער. צווישן שאַרפן

אַפּהאַנגראַנד און דעם כּינרת־ברעג. איצט איז שטיל. באַלד וועלן קומען מענטשן זיך לערנען שיסן, אויסבעסערן זייער ציל־פּעוקייט. וועלן די קנאַלן פאַריאָגן די פֿי און צונעמען זייער אַפּעטיט. זאָלן זיי דערווייל געניסן. זעט אויס, אַז עס וואַקסט זיך דעם גראָז בעסער און זאַפטיקער אונטער שאָס־אַפּהילכן און רויך פון קוילן...

איך זוך יאַסמינאַ, דאָס פּאַסטעך־מיידל, די פאַרחלומטע, וואָס אין איר פאַרחלומטקייט האָט זי זיך אַראָפּגעקייקלט פונעם משופּע־דיקן פעלדז און געפאַלן אויפן קאָפּ. איך בין דעמאָלט געלאָפן צו איר, און שעהען, ווי אייביקייטן, געבלאָזן אין איר מיין אָטעם, ביז זי איז געקומען צו זיך. און, זייט דעמאָלט, האָב איך תמיד געטראַכט אַז זי טראָגט אין זיך אַ טייל פון מיר, פון מיין אָטעם, פון מיין נשמה. ווען כ'האָב זי געזען אַרומיאָגן זיך נאָך די פי, אַרומשוועבן צווישן די גראָזן, איבער די אַפּהאַנגען און באַרגהאַרבן האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָרטן שוועב איך אַרום צוזאַמען מיט איר, אַז מיר שוועבן אַרום צוזאַמען...

איך בין אַראָפּ צום פּאַסטעך און געפרעגט:

„יאַסמינאַ, האַ?"

ער האָט אויפגעהויבן אויף מיר צוויי שפּיזיקע אויגן.

איך האָב איבערגעחזרט: „יאַסמינאַ, האַ?", און דערגענצט די פראַגע מיט די אויגן און הענט, און מיט עטלעכע גרייזיקע אַראַבישע ווערטער, וואָס כ'האָב קוים געקענט צונויפבינדן.

ער האָט פאַרביילט די פויסטן, אַ וואָרף געטאָן אַ שפּיי אין דער לופטן, זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן, און געלאָזט זיך לויפן.

איך דאַרף וויסן, וואָס איז געשען מיט יאַסמינאַ. איך האָב אַ שייכות מיט איר. איך האָב איר אַריינגעבלאָזן מיין אָטעם, איר צוריקגעגעבן דאָס לעבן. זי האָט געלעבט אין מיין זכות. איך דאַרף וויסן. איך מוז.

עטלעכע שעפּסן האָבן אויפגעהויבן זייערע גרין צעגאַווערטע מיילער פונעם גראָז און געקוקט אויף מיר מיט געדיכט פאַרוואַק־

סענע אויגן־שפּאַלטן. אַ ציגנבאָק האָט געוואָנדן זיינע הערנער אין מיין ריכטונג און אַזוי געבליבן שטיין דראָענדיק. אַ הונט האָט זיך צעבילט.

איך גיי צום טאָל. איך וועל פרעגן.

דער וועג, וואָס דראַפּעט זיך פריער אַרויפצו, ווי אַ שלאַנג, איז פאַרוואַקסן. קיין פוסטריט האָט אים נישט אויסגעטרעטן אַזוי פיל יאָר. שנייד איך דורך דאָס פעלד, קלעטער איבער פעלדזיקע שטיינער, שפּרינג אַריבער דעם קינסטלעכן קאַנאַל פון קוואַלוואַסער, שאַר פונאַנדער ווילדגראָזן און שטעכגעוויקסן. אַזוי איז יאַסמינאַ אויך געגאַנגען מיטן קויש וועש אין די פאַרטאָגן צום כינרת און צוריק, איידער זי האָט געטריבן די פי אויפן פעלד. איר ברייט צעפּאָכעט און צעבלימלט קליידל האָט געזייט גאָלד און זילבער צווישן געדיכטן גראָזווילדקייט און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי גליוועוּרעמלער אין חושך.

„יאַסמינאַ, האַ ?"

אָבער, פאַר וואָס האָט ער אויסגעשפּיגן, דער פאַסטעך, ביים דערהערן איר נאָמען ? ווייל אין מיין זכות האָט זי געלעבט ? ווען נישט, וואָלט אַ בעדווינער פון אַ צווייטן שבט זי נישט געקאָנט באַשלאָפן אינעם פעלד, און לאָזן זי מיט א בויך...

איך וועל גיין פרעגן.

נאָענט צום טאָל, איז מיר פלוצעם אַ ספק פאַרקראָכן אונטערן שאַרבן און פאַרפּלאָנטערט די פּיס. אפשר נישט ? זיי וועלן מיך פאַרטרייבן מיט פייער־בייטשן. ווען נישט איך, וואָלט זי געבליבן ליגן אָן לעבן צופוסנס פון פעלדז, און נישט געקאָנט באַפלעקן דעם כבוד פון דער משפחה. זיי וואָלטן נישט געמוזט בלוטיק נקמה נעמען אין די מיטגלידער פון יענעם שבט, און נישט געמוזט זיך לאָזן דערנאָך אין וואָגל, צוליב דער מורא פאַר אַ קעגן־נקמה...

זאָל זיין וואָס עס וויל. איך מוז וויסן.

דער ריח פון געבראָטן ציגנפלייש איז פאַרקראָכן אין אַלע

חושים, צוזאַמען מיטן קנאַקנדיקן פלאַקער פון די פייער־צונגען. צוזאַמען מיט אַ בייז געביל פון הינט און דעם רציחה־גלאַנץ פון זייערע ציינער.

נאָך גוט וואָס פון הינטער אַ געצעלט איז פלוצעם אויסגע־וואַקסן ער, דער שטרענגער פאָטער פון יאַסמינאַ. איך האָב אים דערקענט. צי האָט ער מיך דערקענט?

„יאַסמינאַ, האַ?"

ער האָט צוגערופן די הינט צו זיך, געהייסן שווייגן, און צו מיר האָט ער געגעבן אַ שטראָפערישן באַפעל מיט אַ דראָענדיקער פויסט: „יאַללאַ! אַוועק פון דאַנען און וואָס שנעלער. און זאָלסט נישט וואַגן מער צו ווייזן זיך דאָ, יאַללאַ!"

קוק איך אַרויס אָפט צום בעדווינער־טאָל, און פרעג תמימותדיק:

„יאַסמינאַ, האַ?"

און לייג פונאַנדער די זילבן, מיט אַ קרעכץ צווישן זיי:

„יאַס־מי־נא, האַ?"

און בעט דעם ווינט ער זאָל מיר געבן אַ תשובה. און בעט די כוואַליעס פון כינרת זיי זאָלן מיר געבן כאָטש אַ רמז: „יאַס־מי־נאַ, האַ?".

אברהם און איבראַהים

אַברהם וווינט אין נצרת־עילית. איברהים — אין נצרת־תחתית.

אברהם האָט אַ ווייב און צוויי קינדער, און אַ מכולת זיי מפרנס צו זיין. ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און עס איז געוואָרן ענג אין די דריי און אַ האַלב צימער, האָט ער באַשלאָסן אַרויפצוציען אַ שטאָק. איידער ער האָט זיך דערשלאָגן צו זיין הייזל און שפּייזקראָם, האָט ער געאַרבעט עטלעכע יאָר ביי אַ בוי־אונטערנעמער. האָט ער אין די פרייע שעהען געבויט דעם שטאָק, און יואל, דער בכור, האָט צוגעהאָלפן. אָבער, ווען יואל איז גערופן געוואָרן אומפּאַרהאָפט אין מיליטער, איז דאָס בויען ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן.

האָט געזאָגט צו אים איבראַהים, זיין פריינד, וואָס פאַרזאָרגט אים יעדן פרימאָרגן מיט ירקות פון זיין גאָרטן:

— יאַ אַברהם, יאַ חביבי, איך וועל דיר פאַרטרעטן דיין זון ביים בוי.

האָט אברהם אויפגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן.

— יאַ חביבי, איך האָב מיין הייזקע אונטן אויך אויסגעבויט, מיט מיינע צען פינגער. וועל איך דיר העלפן אַרויפציען דעם שטאָק, און דו וועסט מיר העלפן צונויפשטעלן דעם מאָהער, צו קויפן נאָך אַ פרוי.

— נאָך וואָס דאַרפסטו נאָך אַ פרוי? לעבסט דאָך אין צוויי צימערן מיט עלף קינדער, ווו וועסטו אַהינטאָן נאָך אַ פרוי?

— און נאָך וואָס דאַרפסטו נאָך אַ שטאָק? לעבסט דאָך גענוג באַקוועם מיט אַ קליינער משפחה.

— דאָס איז נישט דאָס זעלבע, יאָ איבראַהים.

— אמת, נישט דאָס זעלבע, יאָ אברהם. אַ פרוי איז צו אַרבעטן און האָבן קינדער.

— נאָך וואָס דאַרפסטו נאָך קינדער?

— מיר זענען ווינציק אין לאַנד, יאָ אברהם. אונדזערע פעלקער דאַרפן זיך אויסגלייכן אין צאָל. וועלן מיר דעמאָלט אפשר אויך אַרויפצוּען שטאָקן. דערווייל וועלן מיר זיך מערן. זי איז אַזאַ פליישיקע, געזונטע, און האָט אַלץ אויף צו קינדלען בשפע... נו, וויל איר פאָטער אַ סך געלט אין נדן פאַר איר — האָט ער געזאָגט מיט הנאה און הילכיקן געלעכטער.

אברהם האָט געקוקט אויף אים ווי מ׳קוקט אויף אַ בייז ווונדער, און אַנשטאָט אים צו ענטפערן, זיך צעלאַכט, נאָך הילכיקער.



דאָס קוויטל

אויבן הויך, אין אַ שפּאַלט, ווו עס קומען זיך צונויף פיר שטיינ־ווינקלען — אַ פלאַטערנדיקער עק פון אַ קוויטל אויפן ווינט.

ווי האָט דאָס קוויטל געקאָנט אַרויף אַזוי הויך, נאָענטער צום אויבערשטן ראַנד פון דער הייליקער וואַנט, ווי צום באָדעם? אַפילו ווען עס שטעלן זיך עטלעכע מענטשן איינער אויפן צווייטן, וואָלטן זיי נישט דערלאַנגט אַהינצו. און ווו נעמען אַזאַ הויכע לייטער? אפשר האָט אַ ציטערדיק־פרומע האַנט אַ וואָרף געטאָן דאָס קוויטל אין די הייכן, עס זאָל פליִען וואָס נאָענטער צו די הימלען, געטראָגן אויף די פליגלען פון פלאַמיקער כוונה? אפשר האָט אַ שטאַרקער ווינט אַרויסגעריסן דאָס קוויטל פון אַן אַלט־שוואַכער האַנט, און עס אַ טראָג געטאָן אַרויפצו?

גדליה, דער נייער אויפזעער פון כותל און בעל־מקובל, האָט געהאַט אַנדערע השערות, איינע סודותדיקער פון דער צווייטער. ער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס איז לחלוטין קיין קוויטל נישט, נאָר אַ דראָענדיקער פינגער פון אויבן, וואָס רופט צו תשובה, צו מעשים טובים, צוריק צום דרך הישר.

און קוים האָט גדליה פאַרענדיקט זיין אויספּיר, ווי עס האָט זיך פלוצעם געשטעלט אַ שטורעם מיט אַ שלאַקסווינט, אַזוי שטאַרק, אַז עס זענען צעציטערט געוואָרן די אויבערשטע שטיינער, און דאָס קוויטל איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין נעסט. גדליה האָט עס אַ כאַפּ געטאָן, אויפגעוויקלט מיט ציטערדיקע פינגער און געגנו־מען לויפן מיט זיינע פיבערדיקע אויגן איבער די אַראַבישע אותיות: „איך, סולימאַן איסמאַיל, שויבן־ און שטיינער־פוצער פון

אַלט־ירושלים, בעט דיך, אַללאַ, דחילק, טו צו מיר אַ חסד, און שיץ מיך קעגן אומגליק. זע, אַז דאָס הענגגעשטעל זאָל אויסהאַלטן, עס זאָל נישט אָפּרייסן זיך בעתן פּוצן די הויכע שטיינער, און כ׳זאָל נישט פאַריתומען אַ שטוב מיט צוועלף קינדער. איך פאַרשטעק דאָס קוויטל, ווי די יידן טוען עס, אָבער הויך, איבער אַלע יידישע קוויטלעך. דו, אַללאַ, ביסט דאָך העכער איבער זייער גאָט. דחילק, אַללאַ, זיי גנעדיק און באַשיץ מיך פון אַן אומגליק, אַלמעכטיקער. דיין עבד, סולימאַן איסמעיל״.

גדליה האָט צונויפגעקוועטשט דאָס קוויטל פעסט אין זיין ביינער־דיקער פויסט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן אַ פאַרשעמטער.



לאַסי

ווען עס זענען אָנגעגאַנגען די ביטערע ברידער־קאַמפן אין לבנון, איז אַ הינטיכע פאַרוואָגלט געוואָרן אינעם גרענעץ־קיבוץ. אויף איר האַלדזבלעכל איז געווען איר נאָמען: לאַסי. און דער רויטער זאַמד אויף איר פעל און פיס האָט אָנגעוויזן, אַז זי שטאַמט פון דער געגנט פון ביירוט.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי געבראַכט אויף דער וועלט זעקס קליינע הינטעלעך. זענען זיי געווען די פרייד און די הויפּט־זאָרג פון די קיבוץ־קינדער.

און ווען די הינטעלעך האָבן שוין גוט געזען, און אַרומגעלאָפן פעסט אויף די פיסלעך, איז לאַסי נעלם געוואָרן. מ׳האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט דער געזונטער אינסטינקט פון אַ מאַמען דיקטירט איר געבוירן די קינדער אויף אַ זיכער אָרט, ווייט פון קאַמף, און זיי אָנפאַרטרויען אין גוטע הענט.

ווען אין עטלעכע חדשים איז לאַסי צוריקגעקומען, אַ פולע, און איר משפּחה איז אין גיכן פאַרדאָפּלט געוואָרן, האָט עס נאָך פאַרפעסטיקט די פריערדיקע מיינונג.

אָבער, ווען נאָכן באַנייטן נעלם ווערן איז זי ווידער צוריק־געקומען אַ פולע, מיט רויטן זאַמד אויף איר פעל און פיס, האָט מען צוגעגעבן:

— און דער געזונטער ליבע־אינסטינקט ציט זי צוריק צו די רויטע זאַמדן אַרום ביירוט.

אין ליביניאַ קלינגען גלאָקן

אין ליביניאַ קלינגען גלאָקן. זיי קלינגען אַ לויב צו דעם, וואָס האָט געגעבן נצחון איבער אַ מחנה אָנגרייפערס פון שכנותדיקן דאָרף. און רופן אָונטבעטן צום גאָט פון נצחון.

אין לאַליביניאַ דרייט זיך דער מואַזין אַרום דעם געבעט־טורעמל, און וואַרפט תפילהדיקע פסוקים אינעם אָנגעגליטן חלל, פסוקים פון נקמה, פון בלוט און פון פייער. און רופט אָונטבעטן צום גאָט פון נקמה, פון בלוט און פון פייער.

און דאָס דינע צעדער־וועלדל, און דאָס באַרגטייכל, וואָס שיידן פונאַנדער די צוויי קעמפנדיקע דערפער, שיקן אַ לויב צום גאָט פון די צעדער־שאָטנס אויפן וואַסער, וואָס שווימען און שווימען, און בלייבן תמיד אויפן אָרט. און טוען אָונטבעטן: וויי־וויי צום נצחון, וויי־וויי צו דער נקמה. וויי־וויי צו זייערע געטער. וויי־וויי!...

אין לבנון

ווען דאָס שיסן אין באַלאַגערטן לאַגער האָט אויפגעהערט, זענען צוויי קינדער אַרויס פון אַ האַלב פאַרשאָטענעם קעלער, אַרויס זוכן עפּעס צום עסן, נאָך אַן אויפגעצווונגענעם פאַסטן פון עטלעכע מעת־לעת. קיין עסן האָבן זיי אויף די חורבות נישט גע־פונען, נאָר אַן אייזערנעם באַלעם, אַ גראַנאַט, מיט אַ הענטל צום וואַרפן.

— לאָמיר זיך שפּילן — האָט איין קינד געזאָגט — ווען מיר פאַרגעסן, אַז מיר זענען הונגעריק.

— לאָמיר זיך שפּילן — האָט באַשטעטיקט דאָס צווייטע קינד און אַ שליידער געטאָן דעם אייזערנעם באַלעם.

ווי נאָר ער האָט אַ פלי געטאָן, האָט דער באַלעם אויפגעריסן, און אויפגעריסן זענען געוואָרן אויך די קינדער.

האָבן די באַלאַגערערס געמיינט, אַז די שונאים האָבן ווידער גענומען שיסן, איבערגעריסן דעם שלום־אָפּמאַך. האָט איין סאָל־דאַט געזאָגט צום צווייטן:

— לאָמיר שיסן, וועלן מיר פאַרגעסן אין שלום!

— לאָמיר שיסן! — האָט דער צווייטער באַשטעטיקט.

זיי האָבן געשאָסן. און זיי שיסן נאָך תמיד.

צוויי מזלות

אויף דער הויפּטגאַס פון דער לבנונישער שטאָט איז געגאַנגען אַ לוויה. פיר געזונטע אַראַבער, מיט פּנימער האַלב פאַרדעקטע, האָבן געטראָגן אויף זייערע שטאַרקע אַקסלען די מיטה. פון הינטן — אַ ריזיקער עולם. פון פאָרנט — צוויי מוזולמענער, און צווישן זיי און איבער זייערע געקראַטעטע קאָפּצודעקן — דאָס בילד פונעם געטראָגענעם, און אַ גרויסע אויפשריפט: דעם העלדישן זון פון פאָלק און קרבן פון פּחדנותדיקן ישראלדיקן לופטאָנגריף. דער מואַזין פון איינעם פון די זעלטן גאַנץ געבליבענע מעטשעט־טורעמס האָט גערופן אָפּגעבן כבוד און בעטן פאַר זיין נשמה, דער העלדישער, דער הייליקער. און די חורבות פון די דערבייאיקע הייזער, נישט־דערברענטע, מיט אויפגעריסענע אינגעווייד, האָבן געענטפערט מיט אַ וויסט־ברונעמדיקן ווידערקול.

אין אַ דערנעבנדיקן געסל איז אין דער זעלבער צייט געפאָרן אַן עגלה. די רעדער האָבן זיך געדרייט גיך, איינזאַם און סודותדיק, ווי אַנשטאָט אַ מת וואָלטן זיי געפירט אַ גנבישע, אָדער חרפּהדיקע לאָדונג. אַ געדיכטער בערנרויך, פון אַ הויכגאָרנדיקן הויז, וואָס האָט נאָך געטליעט פון די בייטאַכטיקע מהומות, האָט באַגלייט דעם טויטנוואָגן ביזן בית־עלמין, און געבליבן שטיין, ווי אַ וואָלקן, איבערן אָפענעם גרוב פונעם אַראַבער, וואָס איז געפאַלן פון אַ העלדישער ברודערקויל.

רוסישע קאַטיושעס

רוסישע קאַטיושעס אין אַראַבישע הענט אונטער לבנונישע צעדערס
יידישע קינדער, מיט יידישע הערצעלעך, אין יידישע שוץ־קעלערס.
אונטער לבנונישע צעדערס — רוסישע קאַטיושעס אין אַראַבישע הענט.

און יידישע הערצעלעך ציטערן.

די רוסישע קאַטיושעס ציטערן נישט.
די אַראַבישע הענט ציטערן נישט.

און די לבנונישע צעדערס ציטערן.

אין אַראַבישע הענט רוסישע קאַטיושעס — אונטער לבנונישע צעדערס, וואָס ציטערן ווי יידישע הערצעלעך.

אין „טאָג פון דער מאַמען“

איך האָב געחלומט —

קינדער האָבן געזוכט בלומען אין פעלד צו אַ האַלדזקראַנץ פאַר זייערע מאַמעס, צום „טאָג פון דער מאַמען“ — בין איך געווען אַ בלום אין פעלד פאַר דער אָרעמסטער צווישן די מאַמעס.

און ווען מ׳האָט געדאַרפט אָפּנעמען אַ קינד, ביי אַ לבנונישער מאַמען, וואָס האָט נישט באַוויזן צו דערגיין צום דאָקטער ביי דער „גוטער גרענעץ“, אין מיטן פון די בלוטיקסטע ברידער־קאַמפן — בין איך אַראָפּ פונעם האַלדז פון דער אָרעמסטער מאַמען, און געלאָפן אָפּנעמען דאָס קינד.

גוטע מענטשן, ווען איר וועט פאַרבייגיין דעם קבר פון דער פרוי פון לבנון, פון איר קוים־געבוירן קינד, און פון דעם יידישן דאָקטער — גוטע מענטשן, וואַרפט אַ בלימל אויפן בערגל ערד, אין „טאָג פון דער מאַמען“.

ציִרק

איך האָב געמיינט, אַז איך בין אין ציִרק.

אַז בערן האָט מען אויסגעלערנט טאַנצן ווי מענטשן, און זיי זענען מענטשן —

אַז העלפאַנטן האָט מען אויסגעלערנט קלאַפּן בראַוואָ ווי מענטשן, און זיי זענען מענטשן —

אַז פערד האָט מען אויסגעלערנט קניִען ווי מענטשן, און זיי זענען מענטשן —

אַז מאַלפּעס האָט מען אויסגעלערנט זיין מענטשן, און זיי זענען מענטשן.

איך האָב געמיינט, אַז איך בין אין ציִרק.

איך האָב געמיינט, אַז מענטשן האָט מען אויסגעלערנט זיין בערן, העלפאַנטן, פערד, מאַלפּעס, און זיי זענען בערן, העלפאַנטן, פערד, מאַלפּעס.

איך האָב געמיינט, אַז איך חלום.

דערווייל איז מיין חלום אין ציִרק.
דערווייל איז מיין לעבן אין ציִרק.

אין שאטן פון שעכטהויז

אין שאָטן פון שעכטהויז

ער איז נישט קיין קעניג, און פירט זיך אויף ווי ער וואָלט עס יאָ געווען.

די צייט איז נישט דער מיטל־עלטער, נאָר ער פירט זיך אויף ווי זי וואָלט עס יאָ געווען.

און דאָס פאָלק?

דאָס פאָלק ווייסט, אַז ער איז נישט קיין קעניג און אַז די צייט איז נישט דער מיטל־עלטער.

אָבער ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זענען בהמות, און זיי מוזן עסן גראָז. און נאָך האָט ער זיי געזאָגט: אויב זיי וועלן נישט עסן קיין גראָז, וועט ער זיי פירן אין שעכטהויז.

עסט דאָס פאָלק גראָז און לעבט אין שאָטן פון שעכטהויז.

דער דיקטאַטאָר

אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ דיקטאַטאָר, אַחוץ אים אַליין — איאַדאַדאַ.

ווען זיין קולטור־מיניסטער האָט אים צוגעטראָגן, אַז מ'זאָגט, אַז ער איז אַ דיקטאַטאָר, האָט ער אים אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביים האַלדז, און אַזוי לאַנג געדריקט, ביז ער האָט אויסגעהויכט די נשמה. און אַליין האָט ער, איאַדאַדאַ, איבערגענומען די טעקע פון קולטור־מיניסטער, נעבן זיינע ביז־איצטיקע זיבן טעקעס. און די ערשטע זאַך איז געווען, אין זיין נייער ראָל, צו פאַרברענען אַלע ווערטערביכער און ענציקלאָפּעדיעס, און לאָזן דרוקן נייע, אין וועלכע עס געפינען זיך נישט מער די באַגריפן: דיקטאַטאָר, דיקטאַטור.

און וויל מען, זייט דעמאָלט, באַנוצן דאָס וואָרט דיקטאַטאָר, זאָגט מען: אַזאַ מענטש ווי איאַדאַדאַ, אַזאַ כאַראַקטער ווי איאַדאַדאַ, אַזאַ הערשער ווי איאַדאַדאַ, אַזאַ אכזר ווי איאַדאַדאַ. וויל מען זאָגן — דיקטאַטור, זאָגט מען — איאַדאַדיזם, אָדער פאַרקירצט: איאַדיזם.

פערספעקטיוון

און געווען איז עס אין דער צייט פון דער שרעקלעכער פּאָופּע־ריזאַציע פון דער מערב־וועלט, ווען דער רייכער איז געוואָרן אָרעם, און דער אָרעמער — נאָך מער אָרעם ווי אָרעם.

פון גרויס נויט, האָבן זיי גענומען פאַרקויפן טיילן פון זייער גוף, פון זייער לייב. צו וועמען? צו די וואָס האָבן זיי דערפירט צום תהום פון נויט און הונגער.

נעבן די ריזיקע קאָנצערנען פון סאָפּיסטישע מיליטער־אינדוסט־ריעס, אַטאָמישע רעאַקטאָרן און סאַטעליטן, און נעבן די וועלט־בענק פון פּעטראָ־דאָלאַרן און אַראַבאָ־טשעקן, האָבן זיי אויסגעבויט אַנדערע בענק, בענק — פון קערפּער־טיילן. אַ באַנק פון נירן. אַ באַנק פון אויגן. אַ באַנק פון אויערן. אַ באַנק פון בריסטן. אַ באַנק פון אייערשטאָקן. אַ באַנק פון טעסטיקלס. אַ באַנק פון לינקע פיס. אַ באַנק פון רעכטע פיס. אַ באַנק פון לינקע הענט. אַ באַנק פון רעכטע הענט.

מ׳קאָן דאָך לעבן מיט איין ניר. מיט איין אויג. מיט איין אויער. מיט איין ברוסט. מיט איין אייערשטאָק. מיט איין טעסטיקל. מיט איין האַנט. מיט איין פוס.

אָבער — אָן ברויט?!

אָבער — אָן מילך?!

די קויפערס און אויפקויפערס און פאַרמיטלערס האָבן געצאָלט און געצאָלט. געלט איז דאָך געווען לרוב און נאָך מער! — כדי אָנצופילן די סטאָקן אין די אָריענט־שפּיטאָלן, אָנצוזאַמלען אָרגאַן־רעזערוון פאַר עסטעטישע אָפּעראַציעס, און צו דיספּאָנירן מיט

פאַרטרעטנדיקע קערפּער־טיילן אין פאַל פון אַקצידענטן, צווישן־שבטים־שחיטות, ברידער־קאַמפן, הייליקע מלחמות און פאַר דער איבערפלאַנץ־כירורגיע אויף צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן די ראַסע.

לויט די קאָנסעקווענטע געזעצן פון דער גענעטישער טראַנס־מוטאַציע, און באַגינציקט דורך דער פאַרכאַפּנדיקער קערן־עקספּע־רימענטאַציע און מאַסן־פּראָדוקציע פון אַטאָמישן וואָפן — וועלן, אין די קומענדיקע דורות, געבוירן ווערן אין דער מערב־וועלט קינדער מיט איין ניר, קינדער מיט איין אויג, מיט איין אויער, מיט איין ברוסט, מיט איין אייערשטאָק, מיט איין טעסטיקל, מיט איין האַנט, מיט איין פוס.
אַ נייער מין מענטש אין פּערספּעקטיוו.

אין נאַפּטאַליאַ מאַגנאַ

אין דער יידן־רײַנער מדינה, נאַפּטאַליאַ מאַגנאַ, איז זיך פּלו־צעם צעגאַנגען אַן אויסטערלישער קלאַנג, אַז צווישן די באַגלײַ־טערס פון הויכן גאַסט, דעם אויסלענדישן מושל, האָט זיך אַרײַנגע־שמוגלט אַ ייד. ווען מ׳האָט די פּאַסאַזשירן אומגעקערט די פּעסער, ביים אַרויסגיין, איז געווען איינער צו פיל. און דער נאָמען אויפן פּאַס, לויט די לאָקאַלע ספּעציאַליסטן, האָט געקלונגען ווי פון אַ ייד.

האָט זיך געמאַכט אַ מהומה.

ווי איז דער ייד, וואָס האָט געבראָכן די געזעצן פון לאַנד און געוואַגט צו באַטרעטן מיט זיינע לעסטערנדיקע פיס די הייליקע ערד פון נאַפּטאַליאַ מאַגנאַ?!

דער קעניג האָט פּראָקלאַמירט אויסנאַם־צושטאַנד.

כאַפּטס דעם ייד!

דער קעניג האָט אַרויסגערופן דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער קאָנטראָל פון לופטפלאַץ און אים אייגנהענטיק דערשטיקט.

ביי די היטערס פון לופטפלאַץ, וואָס האָבן דערלויבט דעם ייד נעלם צו ווערן, האָט דער קעניג באַפוילן אָפּצושניידן די רעכטע האַנט, אַרויסצונעמען דאָס לינקע אויג, זיי פאַרוואַנדלען אין סריסים און זייערע שיינע טעכטער אין האַרעם־מיידלעך.

און דאָס לאַנד פון מושל, דעם גאַסט, האָט ער באַשטראָפט מיט אַ נאַפט־באָיקאָט ביז נאָך די נאָענטסטע דריי וועלט־מלחמות. סיידן, מ׳זאָל אָפּגעפינען דעם ייד. דעמאָלט וועט די שטראָף פאַר־קלענערט ווערן מיט צוויי וועלט־מלחמות.

„רוסלאַנד״ ברענט...

„רוסלאַנד״ ברענט — איז זיך צעגאַנגען גיך די שמועה פון איין עק שטאָט צו דעם צווייטן.

מען איז געקומען זען ווי מענטשן שפּרינגען פון הימלקראַציקן האָטעל און ברענען ווי די פאַקעלן.

מען איז געקומען זיך וואַרעמען ביי די פלאַמען, אין אַ פראָס־טיקן מאָסקווער פרימאָרגן.

מען איז געקומען הערן וואָס מען זאָגט.

אַ יידישער בחור, וואָס האָט זיך גראָד אומגעקערט פון אַ געהיימער תנ״ך־לעקציע, ווו געלערנט האָט ער די מעשה פון שמשון מיט זיינע פוקסן, האָט זיך צוגעהערט ווי מען סודעט זיך, רוקט אַרויס השערות, און זיך אָנגערופן: „אפשר איז עס די שולד פון שמשונס פוקסן, אפשר?״

עולם האָט געקוקט אויף אים מיט שטוינונג און נישט פאַר־שטאַנען.

ער האָט איבערגעחזרט: „שמ־שונס פוק־סן!״

איידער ער האָט פאַרענדיקט דעם זאַץ, האָבן אים עטלעכע פעסטע הענט אַ הייב געטאָן פון אָרט, און פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט אים.

און איידער די פלאַמען האָבן זיך פאַרלאָשן, איז זיך בליץ־שנעל צעגאַנגען פון מויל צו מויל, פון מויל צו אויער:

„שמשונס פוקסן. שמשונס פוקסן. שמשונס פוקסן״!

און קיינער האָט נישט געוואַגט פרעגן ווער שמשון, ווער פוקסן. וואָס שמשון און וואָס פוקסן.

ביי די ברעגן פון נילוס

נאָך זיבן טעג און זיבן נעכט, האָט דער פּאַרזיצער געבעטן אַריינטראָגן פּונקטן צו דער געהיימער שלוס־רעזאָלוציע.

— צוגרייטן אַ פּרעווענטיווע מלחמה, און זיי אָנגרייפן פּלוצעם — האָט געזאָגט דער קריגס־מיניסטער.

— און בלאָקירן זייערע וואַסערן — האָט געזאָגט דער אויסערן־מיניסטער.

— יאָ, בלאָקירן, אָנגרייפן און פּאַרטיליקן — האָט געזאָגט דער שני־למלך.

— און וואַרפן זיי אין ים אַריין — האָט געזאָגט דער מידבר־הערשער.

— און וואַרפן אויף זיי אַטאָמישע באָמבעס — האָט געזאָגט דער מאַרשאַל...

— לייבט צו זאָגן אַטאָמישע באָמבעס — האָט געזאָגט ציטערדיק דער אויסערן־מיניסטער, דו ווייסט ווייט פון זיי טויזנטער קילאָמעטער, אָבער מיר...

...און, ווען די אסיפה, ביי די ברעגן פון נילוס, האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן טייל פון די פאַרזאַמלטע גענומען פּערזענלעכע עראָפּלאַנען און געפלויגן ווער אין קאַזינאָ פון מאָנטע־קאַרלאָ, ווער אין קאַזינאָ פון לאַס־וועגאַס, טייל צו די בערזעס פון לאָנדאָן, פּאַריז, אָדער ציריך, טייל — צום שקלאַפנמאַרק אין ריאַד, און טייל זענען געגאַנגען זיך פאַרטיפן אין „מיין קאַמף", און ווער — אין דער נייער סאָוועטיש־איסלאַמיש פּראַטאָקאָלירטער אויסגאַבע פון די „זקני־ציון".

און זיי ?
טייל פון זיי זענען געגאַנגען זען פילמען פון טשאַרלי טשאַפּלין. טייל האָבן גענומען לאַכן צוזאַמען מיט שלום־עליכמען, פון דער נייער און קאָמפּלעטירטער אויסגאַבע צו די זעכציק יאָר נאָכן טויט פון גרויסן פאָלקס־הומאָריסט. טייל האָבן זיך פאַרטיפט אין קאַפקאַס „פּראָצעס". און די איבעריקע האָבן זיך געגרייט צו פייערן פורים, און ווער — באַצייטנס שוין צום פּסח.

און דער מחבר פון די שורות ?
ער האָט מחבר געווען די שורות.



ווו איז אָסיפ לאַזאַראָוויטש קאַגאַן?

כדי צו באַווייזן ווי לעבערלעך עס איז די רעזאָלוציע פון פסי־כיאַטערס אין האָנאָלולו, וואָס פאַראורטיילט זייער לאַנד צוליבן באַנוצן פסיכיאַטרישע אַנשטאַלטן צום ברעכן דיסידענטן, און כדי קעגנצווווירקן באַצייטנס דער איניציאַטיוו פון אַמעריקאַנער סענאַט אָפּצושטימען אַ פאַרבאָט פון תבואה־פאַרקויף — זענען די סאָ־וויעטן לסוף איינגעגאַנגען אַריינצולאָזן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנ־טראָל־קאָמיסיע. איר ערשטע אויפגאַבע איז געווען אויסצוגעפינען דעם וועלט־באַרימטן אַגראָנאָם, פּראָפעסאָר אָסיפ לאַזאַראָוויטש קאַגאַן, וואָס זאָל האָבן לעצטנס דערפונדן אַ מעטאָדע צו מאַכן גערדייען קאָרן אין מדבר. די דיסידענטן־גרופּע אין לאַנד האָט גע־האַט ידיעות, אַז ער געפינט זיך אין פסיכיאַטרישן אַנשטאַלט אויפן נאָמען פון פאַוולאָוו.

דער אַנשטאַלט איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ טאָפּלטן וואַלד: אַ וואַלד פוןווילדע ביימער און אַ וואַלד פון שטעכדראָט. מ'האָט געקאָנט אַהינקומען נאָר מיט אַ העליקאָפּטער.

די קאָמיסיע איז אַריין אין הויפּט־בנין. אויפן פאַרלאַנג פון אָפיציעלן רעגירונגס־פאָרשטייער האָבן זיך פאַרזאַמלט די קראַנקע, וואָס האָבן זיך געקאָנט באַוועגן, אינעם גרויסן עסזאַל, אויסגע־שטעלט נעבן די ווענט, אונטער דער אויפזיכט פון היטערס מיט שטאַרקע מוסקלען און דאָקטוירים אין ווייסן.

— ווער פון אייך איז דאָ אָסיפ לאַזאַראָוויטש קאַגאַן? — האָט געפרעגט דער פאָרשטייער פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ.

— איך! — האָט אויסגערופן איינער, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון פרעגער.

— איך! — האָט אויסגעשריגן אַ צווייטער, אינעם שאָטן פון אַ ווינקל צווישן צוויי ווענט.

— איך!

— איך!

האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן פונעם פירעק.

— דו ביסט אָסיפּ לאַזאַראָוויטש קאַגאַן? — האָט איינעם פון זיי אינטערפּעלירט דער פאַרשטייער פון „אַמנעסטי אינטערנאַציאָנאַל״.

— יאָ, איך אָסיפּ...

— און דו?

— יאָ, איך לאַזאַראָוויטש...

— און דו?

— איך קאַגאַן, יאָ...

— נו, איר זעט דאָך! — האָט טריאומפירט דער אָפיציעלער פאַרשטייער פון געזונטהייט־מיניסטעריום — דאָס זענען פסיכיש־אומהיילבאַרע.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, כלומרשט — נישטאָ וואָס צו פאַרלירן צייט אויף ווייטערדיקע שאלות און אויספרעגן. מ׳זעט בולט מיט וועמען מ׳האָט דאָ צו טאָן.

זיי זענען אַריין צו די ליגנדיקע קראַנקע.

— דו ביסט אָסיפּ...?

— יאָ, איך אָסיפּ לאַזאַראָוויטש קאַגאַן — האָט געענטפערט דאָס ערשטע בעט, באַלד ביים איינגאַנג, איבעררייסנדיק די רייד פון דעלעגאַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער געזונט־אָרגאַניזאַציע.

— איך אויך קאַגאַן!

— איך אויך קאַגאַן!

— נו, איר ווייסט דאָך, קאַגאַנס איז פֿאַראַן ביי אונדז אין לאַנד נישט ווייניקער ווי פּאָפּאָווס, האָט באַמערקט דער דירעקטאָר פֿון אַנשטאַלט.

די קאָמיסיע האָט זיך פֿאַרהאַלטן נעבן אַן אייזערנעם טויער, אינעם עק פֿון אַ שלעכט באַלויכטענעם קאָרידאָר. איבער אים האָט געפֿינקלט אַן אויפֿשריפֿט: „זייט געוואָרנט, געפֿערלעך קראַנקע!" אין מיטן טויער איז געווען אַ קליין טירל, פֿאַרמאַכט מיט אַ שווער־אַראָפּהענגנדיקן שלאָס.

דער דירעקטאָר פֿון אַנשטאַלט האָט געעפֿנט דעם שלאָס מיט אַ סקריפּענדיקן זיפֿץ. עס איז געווען שווער צו וויסן צי רייסט ער זיך אַרויס פֿון די טיפֿענישן פֿון זיין קעל, צי פֿון די פֿאַרזשאַווערטע אינגעווייַדן פֿון שלאָס.

— נישטאָ וואָס צו זען. נישטאָ וועמען אויסצופֿרעגן. אַ שאָטן פֿון אַ מענטש — האָט דער דירעקטאָר אָנגעוויזן אויף די געדיכטע קראַטעס אינעם אָפֿענעם טירל.

— אַ שאָטן פֿון אַ מענטש, און אפֿשר דאָס אויך נישט — האָט אונטערגעהאַלפֿן דער אָפֿיציעלער פֿאַרשטייער פֿון געזונטהייט־מיניסטעריום.

דער דעלעגאַט פֿון אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד פֿון פּסיכי־אַטריע־דאָקטוירים האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פֿינגער און אַריינגעקוקט. צוויי גלײַזקע אויגן האָבן אַרויסגעלויכטן פֿון אַ גע־פּלאָנטער פֿון שאָפֿענע האָרקאָלטנס און אַ שפּיל פֿון אָוונט־שאָטנס, וואָס האָבן זיך געריסן דורך אַ שמאָלן און זייטיקן ווינקל־שפּאַלט.

— דו ביסט נישט אָסיף לאַזאַראָוויטש קאַגאַן? — האָט ער געפֿרעגט די אויגן.

— ניין, איך בין נישט.

— דו ביסט נישט, דו ביסט נישט אָסיפּ לאַזאַראָוויטש קאַגאַן? — האָט ער איבערגעפרעגט לייגנדיק דעם טראָפּ אויף נ י ש ט.

די אויגן האָבן געשוויגן.

אַלע האָבן אויפגעהאַלטן דעם אָטעם און אָנגעשפּיצט די אויערן.

דער הויפּט־דאָקטער פון אַנשטאַלט האָט צוגעשטעלט אַ רעפלעקטאָר־לעמפּל צום פענצטערל און אַ וואָרף געטאָן אַ שאַרף ליכט אין די אויגן.

— איך בין נישט פּראָפעסאָר, פּראָפעסאָר אָסיפּ לאַזאַראָוויטש קאַגאַן, ניין! — האָבן זיך געריסן דורכן קראַטן־פענצטערל אינעם טונקעלן קאָרידאָר אַריין שפּיזיקע זילבן, ווי פיילן אין צילברעט. — נישט דערפונדן קיין מעטאָדע פון מאַכן וואַקסן תבואה אויפן זאַמד פון מידבר... נישט געבעטן קיין דערלויבעניש אויף עליה קיין ישראל... ניין, נישט איך. נישט קאַגאַן. נישט פּראָפעסאָר. נישט עליה. נישט מאַכן געדייען קאָרן אין מידבר פון ישראל...

דער פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער ליגע פאַר מענטשן־רעכט האָט צוגעדריקט זיין קאָפּ צום פענצטערל מיט אַ פראַגע אויף די ליפּן. אָבער דער דירעקטאָר און דער אָפיציעלער רעגירונגס־פאָרשטייער האָבן אים אָפּגעשטויסן.

— איר זעט דאָך — האָבן זיי געזאָגט, ווי מיט איין קול — ער רעדט דאָך פון וועג. אַ שאָטן פון אַ מענטש, און אפשר דאָס אויך נישט...

— עס איז גענוג געווען אַ וואָרף צו טאָן אויף אים אַ סנאָפּ פון רעפלעקטאָר־שטראַלן — האָט אויפגעקלערט דער הויפּט־דאָקטער פון אַנשטאַלט — אַז ער זאָל תיכף אַריין אין אַן אַקוטן צושטאַנד פון דעם, וואָס רופט זיך פּאַראַנאָיאַ מאַניאַקאַ־האַלוצינאַטיוואַ נעגאַטיוואַ אויטאָ־דעסטרוקטיוואַ, וואָס איז אומהיילבאַר, און מסוכנדיק, מסוכן פאַר זיך און פאַר דער סביבה...

דער שליסל און די שליס־געלענקען פונעם טירל האָבן גע־סקריפּעט בייז און צוגעטויבט די לעצטע ווערטער, וואָס האָבן זיך געריסן אַרויסצו, און געבליבן הענגען מיט אַ מוראדיקן ווידערקול אינעם סודותדיקן חלל צווישן די פינצטערע ווענט פון שמאָלן קאָ־רידאָר.



שיילאָק

דער קריגסט־מיניסטער איז אַריין צו דער אָפּגערעדטער שעה.

— „נו, היינט אָוונט?"

דער הערשער האָט געקייט דעם געשמאַקן דעסערט פון זיין אָוונט־מאָלצייט, און געשאָקלט מיט זיין שפּיציק בערדל און שווערן קאָפּ אויף ניין.

— די אַרמיי איז גרייט, דער שעף פון שטאָב וואַרט אויפן באַפעל.

— געדולד, מיין ליבער מיניסטער. היינט אָוונט טראַנסמיטירט די טעלעוויזיע אַ פּראָגראַם פון פּאַריזער „פּאָלי בערזשער". אַ שאָד צו צעשטערן די הנאה.

— נעכטן איז געווען „שעהערעזאַדע" פון טעהעראַן, און מאָרגן...

דער הערשער האָט אַראָפּגעשלונגען, מיט אַ ברונעמדיקן ווידערקלאַנג, אַ לעפל ווייסן אייזקרעם, געמישט מיט אַ צונטער־רויטן סיראָפּ, און אַ קוק געטאָן אויפן מיניסטער מיט אויגן פון אַ וואָלף.

דער מיניסטער האָט זיך פאַרנייגט גאָר טיף, און אַזוי געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט זיך מער נישט געקאָנט אויסגראָדן.

דער הערשער האָט אויסגעליידיקט דעם דעסערט־בעכער, געפירט דעם שפּיץ פון זיין פייערצונג איבער די ליפּברעגן און ווינקלען, און אויסגעבראָכן מיט אַ ווילד געלעכטער, וואָס האָט געמאַכט ציטערן די פינקלדיקע קרישטאָל־ליכטער און די גאָבעלין־טעפּיכער אויף די ווענט.

— די אַרמיי און אַלע מלחמה־כּלים זענען גרייט — האָט אַריינגערעדט דער מיניסטער אין די שרייַיִקע געמעלן פון דילטעפּיך — און דאָס לאַנגע וואַרטן אין אומגעדולד פאַרקלענערט די שלאָג־פאַרטיקייט פון קעמפער, מייַן מעכטיקער האַר.

דער הערשער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טעלעוויזיע־פּראָגראַם, אויף זיין גאָלד־ און זילבער־געקעסטלטן עלפאַנטביין־טיש, געפירט מיט די געדיכט־ באַברעמטע אויגן איבער די שורות, און אַ צופרידענער אויפגעהויבן זיין שווערן קאָפּ.

— מיטוואָך אָוונט! — האָט ער געזאָגט באַפעלעריש, אויפגע־שטעלט זיך, און אונטערגעהויבן דעם אַראָפּגעפאַלענעם קאָפּ פון מיניסטער. — מיטוואָך, בעת דער ספּעציעלער טראַנסמיסיע פון דער לענינגראַדער אָפּערע אין אַראַביש, פאַר דער אַראַבישער וועלט, פון „שיילאָק", תיכף נאָך דער סצענע מיטן פונט פלייש... זאָל די גאַנצע אַרמיי קוקן אויף דער סצענע, זיך גוט אָנזאַפּן מיט שנאה, צוריקצוגעווינען איר קעמפערישקייט. און, תיכף נאָך דער סצענע מיטן פונט פלייש, אַרויסגיין אין קאַמף, מיט דער לאָזונג פון „דזשי־האַד", פון הייליקער מלחמה... כאַ, כאַ, כאַ!

דער הערשער האָט זיך צוריקגעזעצט אויפן רונדן בייגל פון זיין טיפן פאָטעל, און האָט אַ דריק געטאָן דעם קנאָפּ, וואָס איז געווען באַהאָפטן מיט זיין ריזיקן טעלעוויזיע־עקראַן, און איידער ער האָט דערזען די נאַקעטקייט און דערהערט די שיכור־געזאַנגען פון די „פּאָלי־בערזשער"־מיידלעך, האָט ער זיך געקוויקט מיט זיין אייגענעם געלעכטער, וואָס קייקלט זיך ווידערקוליק אינעם רחבות־דיקן זאַל, און מאַכט טריפן די שרייַיִקע ווענט־גאָבעלינען מיט הנאהדיקע שנירלעך בלוט, שנירלעך בלוט פונעם שונא... כאַ, כאַ, כאַ!

הייליקע מלחמה

דער שרייבער, וואָס גרייט צו די רעדעס פונעם הערשער, האָט געוואָרט ביז ער וועט אויפשטיין פון זיין נאָכמיטאָג־דרימל, כדי אים צו דערלאַנגען דעם טעקסט פון דער רעדע, וואָס ער דאַרף האַלטן היינט אָוונט צום פאָלק, צו דער געלעגנהייט פון אַריינגעמען די הונדערטסטע יונגפרוי אין פאַלאַץ־האַרעם.

דער הערשער האָט געריבן די אויגן און געפירט זייער גלאַנץ איבערן דערלאַנגטן פאַפיר. פלוצעם האָט ער אויפגעהויבן אַ פּאָר שפּיציקע אויגן, צוגעלאָפן צום שרייבער און גענומען אים שטיקן:

— ווו איז די הייליקע מלחמה, ווו איז? — האָט ער געשריגן, האַלטנדיק אים פעסט ביים האַלדז. האָסט אַרויסגעלאָזט די הייליקע מלחמה פון טעקסט, שונא פון פאָלק, וואָס דו ביסט!

ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם שרייבער אויפן דיל, און אַרויפ־געשטעלט אַ שווערן פוס אויף זיין האַלדז, ווי מען דערדריקט אַ שרץ:

— פאַררעטער, ווו איז דזשיהאַד, דער הייליקער קריג?

ער האָט אויפגעהויבן דעם פוס פון שרייבערס האַלדז, כדי ער זאָל זיך פאַרטיידיקן.

דער שרייבער האָט געעפנט ברייט דאָס מויל, געהוסט, געזוכט לופט, אויפגעזעצט זיך, געזוכט גלייכגעוויכט.

— נאָך אַ מאָל ווערסטו וויסן. די הייליקע מלחמה קעגן שונא מוז זיין אין אָנהייב און ביים סוף פון יעדער רעדע, חמור וואָס דו ביסט — צוליב מיין עסמעראַלדאַ, וואָס אַללאַ האָט באַוויליקט דורך

איר צו פֿאַררונדיקן צווייפֿאַך די ציפֿער פֿון מיינע קעפּסווייבער, דווקא היינט... אַ הייליקע מלחמה צו זיין ליבן נאָמען וועגן!

דער שרייבער האָט זיך אויפֿגעהויבן, גראָד געמאַכט די צע־פֿלאָנטערטע פֿליגל פֿון זיין ברייטן כאַלאַט, גערוקט זיך הינטער־ווײַלעבץ און, אַ געבוקטער, צוגעשאָקלט ציטערדיק מיטן קאָפּ.

— און אויך מאָרגן, אייזלקאָפּ וואָס דו ביסט. אויך מאָרגן לכּבֿוד דעם באַזוך פֿון אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער! — האָט ער אים נאָכגעשריגן באַפֿעלעריש.





דער קאָפּ

ווען די ערשטע באַזוכערס זענען פאַרבייגעגאַנגען די ריזיקע מאַרמאָר־סטאַטוע פון באַרימטן מייסטער מיקעל אַנדזשעלאָ, משה, האָבן זיי באַמערקט, צו זייער גרויס שטוינען, אַז עס פעלט דער קאָפּ. דער קאָפּ איז אָפּגעזעגט געוואָרן איבער די אַקסלען, צוזאַמען מיט אַ טייל פון דער באָרד. אויפן פּיעדעסטאַל, אויף דער צעפּאַל־דעוועטער טאָגע, און צווישן די וויקלען פון רעכטן סאַנדאַל האָט מען געפונען שפּורן פונעם זעגעכץ.

אין וואַטיקאַן האָט זיך געמאַכט אַ מהומה.

אין לוווּר, אין פּראַדאָ, אין ערמיטאַזש, אין ישראל־מוזעאום האָט מען פאַרשטאַרקט די וואַך, כדי עס זאָלן נישט אָפּגעטאָן ווערן ענלעכע וואַנדאַל־אַקטן.

און פון די ראַדיאָס פון אַלזשיר, טריפּאָלי, באַגדאַד, דמשק און ביירוט האָבן טעראָר־באַנדעס געגרויסט זיך מיט זייער העלדישקייט און אַרויסגעשטעלט באַדינגונגען צו ישראל: צען מיליאָן דאָלאַר און באַפרייען אַלע אַראַבישע אינטערנירטע פון די תּפיסות און לאַגערן.

די ישראל־פּרעסע האָט געבראַכט די געשיכטע פון דער געניאַלער סטאַטוע, פונעם פענאָמענאַלן קינסטלער, און נישט פאַרגעסן זיך אָפּצושטעלן אויף זיין פעלערהאַפטן אינטערפּרעטירן אַן אויסדרוק אין חומש, און צוטשעפּען משהן צוויי הערנער אויפן שטערן...

שפּעטער זענען געקומען אין וואַטיקאַן, אין אַ פּעקל, די צוויי הערנער, אָפּגעזעגטע, ווי אַ באַווייז, אַז זיי וועלן פאַרניכטן אין גאַנצן דעם קאָפּ, אויב די ישראל־רעגירונג וועט נישט נאָכגעבן

זייער פאַרלאַנג... אינעם בריוו צום פויפסט איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די הערנער זענען אַ באַווייז פון יידישער אָנגרייפע־רישקייט. שוין דעמאָלט, אין די אורצייטן פון יידנטום, איז זייער פירער געווען מיט חיהשע אינסטינקטן. אַ באַווייז — די הערנער אויף זיין קאָפּ.

דער פויפסט האָט גערופן אַ גראַנדיעזע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אויפן פלאַץ פון הייליקן פעטער און געהייסן בעטן פאַר דעם קאָפּ פון משה, און דערפאַר, אַז גאָט זאָל ווייבער מאַכן דאָס האַרץ פון די ישראל־מושלים, זיי זאָלן נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די פאַרכאַפּערס, און דאָס תיכף, איידער עס ווערט צו שפּעט...

קאָניוגאַציע און פּרעגפאָרם

איך האָב אַ ביקס. דו האָסט אַ ביקס. ער האָט אַ ביקס. זי האָט אַ ביקס. מיר האָבן אַ ביקס. איר האָט אַ ביקס. זיי האָבן אַ ביקס.

איך שיס. דו שיסט. ער שיסט. זי שיסט. מיר שיסן. איר שיסט. זיי שיסן.

פֿאַר וואָס שיסט דו? פֿאַר וואָס שיסט ער? פֿאַר וואָס שיסט זי? פֿאַר וואָס שיסט איר? פֿאַר וואָס שיסן זיי?

גבריאלס ביימעלע

גבריאלס ביימעלע

אין מיטן גראָז, הינטער מיין טעראַסע — אַ באַשפּריצער. מ׳האָט אים אָוועקגעשטעלט צוזאַמען מיט די פּאַרזייטע גרעזעלער און בלימעלער, און מיט די פריש פאַרפלאַנצטע פּאַלמע־ביימעלער.

קומט יעדן פרימאָרגן עלי, דער גערטנער, גיט אַ דריי ביים קעסטעלע נעבן דער וואַנט, און תיכף נעמט דאָס שדים־קעפּעלע טאַנצן אַרום דעם אַרויסשטייענדיקן רערן־העלדזל, און שפּייען פון זיך אין אַלע זייטן שנירלעך וואַסער, אויפן גראָז, אויף די בלימלעך און אויף די פּאַלמעלעך, וואָס פאַרמאַכן דעם האַלברונדיקן גאָרטן־שטח, ביים ראַנד פונעם אָפּהאַנג.

גבריאל שטייט אויף דער טעראַסע און קוקט זיך צו. ער קאָן נישט אָפּווענדן זיינע שפּיציקע אייגעלעך פון דעם קליינעם טאַנץ־שדל, וואָס דרייט זיך און דרייט זיך, און שפּריצט אַרום זיך שנירלעך וואַסער, און זינגט זיך אונטער צום טאַקט, ווי פייגעלעך בעתן פליען. עס איז געווען, אַז עלי, מיט זיין ווילדן קאָפּ האָר, זאָל קומען פאַר טאָגס, אַ דריי טאָן מיט אַ שליסל, וואָס ער ציט אַרויס פון אַ הינ־טערטאַש, און — דער טאַנץ הייבט זיך אָן, און גייט ביז עלי קומט ווידער, און גיט ווידער אַ דריי מיטן שליסל.

און געווען איז אַ פּאַלמע־ביימעלע, ביים ראַנד פונעם גראָזיקן האַלבראָד, דאָס לעצטע ביי דער זייט, צו וועלכן די וואַסערשפּריצן זענען נישט דערגאַנגען.

זענען אַלע ביימעלעך געוואַקסן גראָד און גרין, ברייט און הויך, מיט צעשפּרייטע פּעכער־אָרעמס און פינגער, אַ נעסט פאַר דער

זון, אין דער צייט ווען דאָס לעצטעביימל, דאָס זייטיקע, איז געוואָקסן געל און קוואַר, און אָרעם, מיט טרויעריקע פינגער־פּעבערס, שיטערע, דורך וועלכע די זון האָט זיך דורכגעזיפּט, נישט פאַרהאַלטן אויף קיין רגע. און אויסגעבויגן איז דאָס ביימעלע געווען אַראָפּ צו, צום באַרג אַראָפּ, צום כינרת, מיט אַ לעכצעניש נאָך וואַסער.

האָט גבריאל געהאַט רחמנות אויפן פּאַלמע־ביימעלע. אַלע ביימעלער באַקומען וואַסער צו דער זעט, גרויסע טראָפּנשנירלער גראָד אין פּנים אַריין, און וואַקסן שיין און שטאָלץ, און דאָס לעצטע ביימעלע דאַרט, טריקנט איין, וואַרט אומגעדולדיק אויפן באַריר פון שפּריצטראָפּנס און זיי קומען נישט, זיי דערגייען נישט.

ער האָט אַראָפּגעקוקט פון דער טעראַסע און טרערן זענען געראָנען איבער זיינע צעפּלאָמטע בעקעלער.

עס איז קראַנק דאָס פּאַלמעלע, נעבעך — האָט ער געטראַכט — ווי דינהלע, דאָס שוועסטערל, ערשט נישט לאַנג...

ער האָט אָפּגעזיפצט טיף און געפילט אַ קלעמעניש הינטערן בריסטל. איז ער אַריין צום פאָטער:

— קוק, אבא, דאָס ביימעלע איז קראַנק, אבא.

דער פאָטער האָט אַראָפּגעקוקט צום ביימעלע, אַרומגענומען דאָס קעפּעלע פון קינד און צוגעדריקט פעסט צו זיך.

— מ׳דאַרף רופן אַ דאָקטער פון ביימעלער, אבא.

— מ׳דאַרף זאָגן עליון, דעם גערטנער. ער איז דער דאָקטער פון ביימער, קינד מיינס. מ׳דאַרף אים זאָגן, אַז ער זאָל אַזוי מאַכן, אַז דער באַשפּריצער זאָל אַרומנעמען מיט זיין שטראָם אויך דאָס דאָזיקע ביימעלע, וואָס האָט קיין מזל נישט, ווייל עס שטייט ביים סאַמע עק.

ווען דער פאָטער איז אַוועק צו דער אַרבעט, איז גבריאל אַריין צו דער מאַמען, זי צוגערופן צו דער טעראַסע און אָנגעוויזן דאָס ביימעלע:

— פֿאַר וואָס שטייט דאָסביימעלע ביים סאַמע עק, אמא?

— ווייל מ'האָט עס דאָרטן פֿאַרפֿלאַנצט, קינד מיינס.

— פֿאַר וואָס האָט מען עס דאָרטן פֿאַרפֿלאַנצט, ביים סאַמע עק, אמא?

— ווען נישט דאָס, וואָלט אַן אַנדער ביימעלע געווען אַ לעצ־טעס. עס איז תמיד פֿאַראַן אַ לעצטעס.

— פֿאַר וואָס איז תמיד פֿאַראַן אַ לעצטעס, אמא?

— אַזוי איז עס, גבי, מיין טייערער. אַזוי איז געמאַכט די וועלט.

— פֿאַר וואָס, אמאלע, איז אַזוי געמאַכט די וועלט, פֿאַר וואָס?

די מוטער האָט אים אַרומגענומען, געקושט דעם קופּער פֿון זיינע האָרלאָקן, געקושט זיינע פֿאַרמאַכטע אייגעלער, זיינע קושנ־דיקע ליפּעלער.

גבריאל האָט געוואָרט אַן געדולד אויף עלין.

— הגנן עלי, הגנן עלי! — האָט ער אַראָפּגעשריגן צו אים, ווען ער האָט אים באַמערקט מיטן שליסל אין האַנט — עס איז קראַנק דאָס ביימעלע דאָרטן, דאָס סאַמע לעצטע, קוק, עס איז קראַנק דאָס ביימעלע!

עלי האָט אַרויפגעקוקט צו אים, געהויבן מיט זיינע ברייטע און שטאַרקע אַקסלען, און פֿאַרדרייט דאָס וואַסער ביים רעגוליר־קעסטל.

— דער אבא זאָגט, אַז דו ביסט דער דאָקטער פֿון ביימעלעך, עלי.

דער גערטנער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך, געוואַרט ביז דאָס טאַנצקעפּל וועט אויפהערן זיך דרייען, אַ לאַך געטאָן דעם קינד אין די אויסגעגלאָצטע אייגעלער, און מיט גיכע טריט אַוועק צו אַנדערע גאָרטנס און ביימער.

גבריאל האָט נישט געקאָנט שלאָפֿן. ער האָט מורא געהאַט צו

פאַרשלאָפן און נישט באַגעגענען עלין, ווען ער קומט אויפדרייען דאָס וואַסער. ער האָט באַשלאָסן נישט אָוועקצולאָזן אים, ביז ער וועט העלפן דעם ביימעלע, ווי דער דאָקטער האָט געהאָלפן זיין שוועסטערל.

זי איז אַזוי קראַנק געווען, די־די, נה־נה... זי האָט געוויינט, געקרעכצט, געקוויטשעט ווי אַנומלט די פייגעלעך, אין דער נעסט, איבער דער טעראַסע, וואָס האָבן, הונגעריקע, געוואַרט אויף דער מאַמע־פויגל, און זי איז נישט געקומען, נישט געקומען...

אַזוי וויינט איצט אויך דאָס ביימעלע. שאַ, הערט זיך איין ווי עס וויינט דאָס ביימעלע. עס קרעכצט, עס קוויטשעט... און דער ווינט העלפט אים וויינען, העלפט אים קוויטשן... עס איז הונגעריק, דאָס ביימעלע, עס איז דורשטיק, דאָס ביימעלע... עס וויל וואַסער־שפּריצן פונעם שדל, וואָס דרייט זיך, וואָס שפּריצט אַרום זיך, אָבער צום לעצטן ביימעלע דערגרייכט עס נישט. עס וויל אויך באַשפּריצט ווערן, ווי אַלע ביימעלעך, וויל עס... איז קראַנק דאָס ביימעלע, און וויינען וויינט דאָס ביימעלע, ווי די־די־, די פייגעלעך אין דער נעסט, ווי די־די, ווי די פייגעלעך...

גבריאל האָט זיך איבערגעוועקט אַ נאַסער. ער האָט געווישט די טרערן, וואָס זענען גערונען איבער זיינע בעקעלעך. ער האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און צוגעגאַנגען צום בעטל פון דינהלען. זי איז געשלאָפן. זי איז שוין געזונט. דער דאָקטער האָט זי געזונט געמאַכט. אָבער, ווער וועט געזונט מאַכן דאָס ביימעלע?

די טיר פון שלאָפצימער פון טאַטע־מאַמע איז פאַרמאַכט. מען הערט ווי זיי שלאָפן. טאַטע־מאַמע זענען נישט ווי קינדער. אַ קינד, אַז מען לייגט שלאָפן, ליגט עס רויק, שלאָפט עס. אַנדערש — טאַטע־מאַמע. ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען קאָן שלאָפן און וואַרפן זיך אין דער זעלבער צייט... די־די וואַרפט זיך אין שלאָף נאָר דעמאָלט, ווען זי איז קראַנק... איצט איז זי געזונט.

די גלעזערנע טיר צו דער טעראַסע איז פאַרמאַכט. דורך די געדיכטע טיול־געוועבן פון די גאַרדינען רייסן זיך אַריין ערשטע סימנים פון ערב־טאָג, צוזאַמען מיט דער גרינקייט פונעם גראָז און די טאָגפאַרבן פון די בלומקעפּלעך. דאָס וואַסער, אונטן, איז ווי אַ קינד, אַ געזונטס, ביים ברעג, און ווי טאַטע־מאַמע — ווייט פון ברעג.

די זון איז אַרויס, אַ האַלבע, פון אַ באַרגבויך אויף יענער זייט וואַסער, און וואַרפט אַהער צו קופערנע קרעלן־שנירלעך, רויטע שפּריצריטלעך... אָבער ווו איז דאָס שדל, דאָס דרייקעפּל דאָרטן? מען זעט עס נישט... און ווער שליסט אויף די רער, די שפּריצרער דאָרטן, ווער?...

ער האָט פּלוצעם דערהערט דעם רעש פון טריט. ער האָט דער־קענט די גיכע און שווערע טריט פון גערטנער. ער איז שנעל אַראָפּ די טרעפּ.

— דאָקטער עלי, דאָקטער עלי! — האָט ער גערופן.

— האַ, שוין ווידער דו?

— דאָס ביימעלע איז קראַנק דאָרטן, מיין ביימעלע איז קראַנק, מען דאַרף עס היילן, מען דאַרף.

ער האָט אָנגעכאַפּט דעם גערטנער ביים אַרבל און געצויגן אים צום ביימעלע:

— מיין ביימעלע איז קראַנק, דאָקטער עלי!

— מיין ביימעלע איז קראַנק, דאָקטער עלי, דאָקטער עלי, דאָק־טער עלי, כאַ־כאַ־כאַ — האָט עלי נאָכגעזאָגט דעם קינדס ווערטער און זיך צעלאַכט, אַרויסרייסנדיק דעם אַרבל פון זיין הענטל. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם שליסל, געמאַכט טאַנצן דאָס שד־קעפּל, און ווי נאָר די שפּריצריטלעך האָבן גענומען גיסן אַרום זיך, איז ער אַפּגעשפּרונגען, און באַפוילן דעם קינד צו אַנטלויפן גיך:

— אַנטלויף, יינגעלע, גיך, גיך, וועסט באַנעצן דיין פּיזשאַמעלע, וועסט ווערן פּיטש נאַס, גיך!

גבריאל איז נישט אַנטלאָפן. געבליבן שטיין. ער האָט געזען ווי עלי לויפט גיך אַוועק און פאַרשווינדט, אָבער אים איז געווען גוט אונטער די שמיץ פון די שפּריצריטלעך, גאַר גוט... אָבער, פאַר וואָס איז נישט גוט אויך זיין ביימעלע, פאַר וואָס זאָל אים אויך נישט גוט זיין, ווי אַלע אַנדערע ביימעלעך, פאַר וואָס?

דאָס וואַסער האָט באַשפּריצט זיין לייב, זיין קאָפּ, זיינע האָר, זיינע אויגן, און אויך דעם שטיין, נעבן שטעגל, וואָס פירט צו די טרעפּ אין הויז אַריין. נאָך וואָס דאַרף דער שטיין וואַסערשפּריצן? אַ טויטער שטיין דאַרף קיין וואַסערשפּריצן נישט. אָבער דאָס לעבע־דיקע ביימעלע דאַרף יאָ, און צו אים דערגייען זיי נישט...

ער וועט נעמען דעם שטיין, אים אַ הייב טאָן, און צעזעצן מיט אים דאָס שדל, צעקלאַפּן דעם שפּריצער, צעברעכן דעם שפּריצער, ער זאָל מער נישט שפּריצן, אויפהערן אין גאַנצן שפּריצן; און אַ סוף! און מער וועט קיין ביימעלע נישט האָבן קיין שפּריצוואַסער. אַז זיין ביימעלע האָט נישט, זאָלן אַנדערע אויך נישט האָבן... זאָלן זיי אויך קראַנק ווערן, איינדאַרן, אַראָפּלאָזן די אָרעמס, ציטערן, וויינען, און נישט נאָר זיין ביימעלע...

אָבער דער שטיין האָט זיך נישט געלאָזט רירן פון אָרט. ער איז געווען שווער און זיך געגליטשט אין זיינע נאַסע הענטעלעך. די וואַסערשמיץ האָבן געקלאַפּט פעסט אין זיין רוקן, אין זיין הינטן, און נישט געלאָזן אים זיך אויסגראָדן, אָפּהייבן זיין נאַסן פּאַרענט פון שטיין.

אַזוי האָט זיין פאָטער אים געפונען ווען ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ, אויפן וועג צו דער אַרבעט.

ער האָט אים אַרויפגעטראָגן אין שטוב. די מוטער האָט אים אויסגעטאָן, אויסגעטריקנט, אָנגעטאָן אַ נייע פּיזשאַמע, געלייגט

אין בעט אַריין. זי האָט אים דערלאַנגט אַ הייסן געטראַנק. ער האָט נישט געוואָלט טרינקען. זי האָט אים געבראַכט זיינע באַליבטע שפּילצייג. ער האָט נישט געוואָלט שפּילן זיך מיט זיי.

זי האָט אים געבעטן ער זאָל שלאָפן, צומאַכן די אייגעלעך. זי האָט אים צוגעדעקט, געווישט דאָס וואַסער צווישן זיינע געדיכטע קופּער־לאָקן.

— שלאָף, קינד מיינס. ווערסט חלילה קראַנק ווערן.

— אַז מיין ביימעלע איז קראַנק, וויל איך אויך קראַנק זיין. וועלן מיר צוזאַמען קראַנק זיין.

דער פאָטער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון זיין בעטל. געגלעט זיינע צעפּלאָמטע בעקלעך. דינהלע האָט געמיינט, אַז עס איז שוין איר צייט זיך איבערצוּוועקן, האָט זי געצויגן די הענטעלעך, אַז די מוטער זאָל זי קומען נעמען.

— שאַ, — האָט די מוטער געבעטן — זי וועט איינשלאָפן. נאָך צו פרי פאַר איר.

— שאַ, שאַ — האָט דער פאָטער נאָכגעזאָגט — זאָל זי נאָך שלאָפן, זי איז ערשט נאָך אַ קרענק.

גבריאל האָט געוואָלט רעדן וועגן ביימעלע, וואָס איז נאָך תמיד קראַנק, און ווער ווייסט ווען עס וועט זיין נאָך אַ קרענק, אָבער ער האָט באַשלאָסן האָרכן טאַטע־מאַמע, און שווייגן. ער האָט צוגע־מאַכט די אויגן, זיך געמאַכט שלאָפן.

ער האָט געהערט ווי דער טאַטע קלערט אויף דער מאַמען וועגן דעם באַשפּריצער. עס איז שווער צו ענדערן. וועט מען פאַר־שטאַרקן דעם שטראָם, וועט די קראַפט פון שפּריצן זיין אַ צו שטאַרקע, און וועט באַשעדיקן די בלומען, די פּאַלמע־פעבערס; און אַ סך וואַסער וועט גיין לאיבוד, וועט פאַלן אויף יענער זייט פון אָפּהאַנג, אויף שטיינער, פעלדזן און זאַמד, וואָס נייטיקן זיך נישט אין וואַסער. וועט מען ווידער איבעררוקן די שפּריצרער מער אין

אַ זייט, וועט דאָס שפּריצן נישט אַרומנעמען די פּאַלמעס, וואָס שטייען ביים צווייטן עק פון האַלבראָד, פון דער רעכטער זייט.

אים איז געוואָרן שווער נאָכצופּאָלגן גענוי די אויספירן פון פּאָטער, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט אין איבעררוקן די שפּריצרער... זאָלן די וואַסערשפּריצן נישט דערגיין צו דער לעצטער פּאַלמע פון יענער זייט; זי האָט שוין גענוג באַקומען, גענוג זיך אָנגעזעטיקט... ער וועט זאָגן עלין, אַז ער זאָל איבער־רוקן די שפּריצרער מער אויף לינקס, נאָענטער צו זייןביימעלע, צו זיין קראַנק ביימעלע; ער וועט אים זאָגן, אין נאָמען פון טאַטן, ער וועט אים נישט נאָכלאָזן ביז ער וועט עס טאָן, ער וועט עס מוזן טאָן, מוזן...

ווען ער האָט ווידער דערהערט די טריט פון עלין, איז ער אַראָפּ פון בעטל, געשפּרונגען איבער די טרעפּ און אים אַקעגנגעלאָפן.

— אַה, שוין ווידער דו, מיין קליין מענטשעלע?

— אדון עלי, דאָקטער עלי, מ׳דאַרף...

— דאָקטער עלי, דאָקטער עלי — האָט עלי נאָכגעשפּעט דעם קינדס רייד, און צוגעגעבן בייסיק — ווען איך דאַרף טאָן אַלץ וואָס קינדער ווילן, וואָלט איך געמוזט האָבן פיר פיס און פיר הענט, און דערווייל האָב איך נאָר צו צוויי...

— גענוג צוויי הענט, דאָקטער עלי... דער אבא זאָגט, אַז מען דאַרף איבעררוקן דעם באַשפּריצער מער אויף לינקס. דער אבא זאָגט...

— דער אבא זאָגט, דער אבא זאָגט... זאָל ער בעסער באַצאָלן מער פאַר מיין אַרבעט, און ווייניקער זאָגן, צאָלן און נישט זאָגן.

גבריאל איז געשטאַנען נעבן גערטנער, אַרויפגעקוקט צו אים, צו זיינע צוקנדיקע באַקן און בייזע אויגן, און געטראַכט, אַז אַזוי זעט גיכער אויס אַן אַראַבישער טעראָריסט, ווי אַ דאָקטער. ער איז אָפּגעשפּרונגען אויף הינטן, ווי ער וואָלט זיך געריכט, אַז אָט כאַפּט

ער אַרויס אַ מעסער פון אַ פאַרבאַרגענער טאַש, און וואַרפט זיך אויף אים.

דער גערטנער האָט באַמערקט דעם קינדס שרעק און פאַר־לוירנקייט, האָט ער באַדויערט דעם טאָן און דעם אינהאַלט פון זיינע רייד. ער האָט אַרויפגעצויגן אַ שמייכל אויף זיין פּנים, אויס־געצויגן אַ פריינדלעכע האַנט צום קינד, און אָנגעשלאָסן צו זיין פריערדיקער בקשה:

— וואָס זאָגט דער אבא, קליין מענטשעלע מיינס, אַז מען דאַרף, אַז מען דאַרף וואָס?

גבריאל האָט אָפּגעפּונען זיינע רייד:

— אַז מען דאַרף איבעררוקן דעם באַשפּריצער, איבעררוקן מער אויף לינקס, אַזוי אַז ער זאָל באַשפּריצן מייןביימעלע, דאָס לעצטע ביימעלע דאָרטן, וואָס איז קראַנק, און מען דאַרף עס באַשפּריצן, באַשפּריצן, באַשפּריצן...

ער האָט איבערגעחזרט עטלעכע מאָל דאָס לעצטע וואָרט, ווייל ער האָט פּלוצעם באַמערקט די זעלבע פריערדיקע בייזע אויגן פונעם גערטנער און די זעלבע צוקנדיקע באַקן, וואָס האָבן אים ווידער צעטומלט.

— באַ־שפּרי־צן, באַ־שפּרי־צן, באַ־שפּרי־צן, באַ... — האָט דער גערטנער נאָכגעשפּעט דעם קינדס לעצטע ווערטער, אויסציענדיק די זילבן, און תוך כדי שפּעטן, אָנגענומען אים ביי אַ הענטל, צוגעפירט צום ביימעלע, אַראָפּגעלאָזט אים די הייזעלעך, און אים באַפּוילן:

— נאַ, שפּריץ, שפּריץ אַליין, האָסט דיין אייגן שפּריצערל, דיין אייגן באַשפּריצערל, נאַ און שפּריץ, כאַ־כאַ־כאַ־כי!

און ער איז אַוועק גיך, קייכנדיק אַזוי הילכיק, אַז דאָס באַוועגן זיך פון שפּריצקעפּל און דער רעש פון די שפּריצקרעלן, וואָס צע־קלאַפּן זיך אין די ביימעלעך, און שפּרינגען אָפּ צעברעקלטע, האָבן נישט באַוויזן צו פאַרטויבן דעם לאַנגדויערנדיקן ווידערקול פון זיין געלעכטער.

זייט דעמאָלט שטעלט זיך גבריאל עטלעכע מאָל אין טאָג נעבן דעם פּאַלמע־ביימעלע, לאָזט אַראָפּ די הייזעלער, און טוט אַזוי ווי עלי האָט אים געהייסן.

און צווישן איין מאָל און צווייטן מאָל, שטייט ער אויף דער טעראַסע און קוקט אַראָפּ, קוקט אַראָפּ צו זיין ביימעלע. און עס וואַקסט ביי אים דאָס הערצעלע, עס צעלייכטן זיך ביי אים די אייגעלער, צוזעענדיק ווי דאָס ביימעלע נעמט גרינען, נעמט זיך אויסגראָדן, אַרויפהייבן די פעכערס, זיי אויסציען און ווענדן צו אים, ווי בענטשנדיקע הענט, מיט אַ דאַנק.

ער פאָכעט צו זיי צוריק, און מאַכט ציטערן זיינע ליפּעלער תפילהדיק:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, מודה אַני.

דאָס דאַנקט ער עלין פאַר זיין קלוגער עצה, און דעם ביימעלע דערפאַר, וואָס עס האָט גענומען וואַקסן, וואַקסן, וואַקסן, און — וועט באַלד אַריבערוואַקסן אַלע אַנדערע ביימעלעך.

פאַר וואָס?

— פאַר וואָס, זיידע, איז די לבנה אַזוי הויך? — פרעגט גבריאל.

— זאָלסט נישט דערלאַנגען מיט דער האַנט, און נישט וועלן זיך שפּילן מיט איר.

— אויב נישט צום שפּילן, טאָ נאָך וואָס דאַרף מען די לבנה?

— דו וואָלסט זי געקאַנט צעבּרעכן שפּילנדיק, ווי אַ טעלער.

— אויב עס גייט נישט צו צעבּרעכן, איז עס דאָך נישט קיין שפּילצייג, זיידע.

און ווען גבריאל האָט באַמערקט טעג שפּעטער דעם לבנה־בייגל פון מולד, האָט ער געזאָגט:

— אָט איז די לבנה אַ צעבּראָכענע, זיידע. ווער האָט זיך געשפּילט מיט איר?

דער זיידע איז געשטאַנען געפּלעפט, און געזוכט אַן ענטפער.

— גאָט האָט זיך געשפּילט מיט איר — האָט ער געזאָגט.

— ווער איז אַזוינס גאָט, זיידע?

— גאָט איז אַזאַ גרויס קינד, וואָס זיצט תמיד אויבן, און ער ברעכט די לבנה, און ער קלעפּט זי צוריק, ער ברעכט זי, און מאַכט זי ווידער גאַנץ.

— איך וואָלט וועלן זיין גאָט — האָט דאָס אייניקל געזאָגט.

— דאָס קאָן נישט קיינער זיין, קינד מיינס. דאָס איז נאָר איינער אַזעלכער אין הימל, און נישט מער.

— וואָלט איך וועלן זיין די לבנה, מיט וועלכער עס שפּילט זיך גאָט.

— אויף די לבנה קאָן אַ קינד נישט זיין, קינד מיינס.

— וואָלט איך וועלן זיין דער הימל, ווו גאָט שפּילט זיך מיט דער לבנה.

— דער הימל איז גאָר הויך, קינד מיינס.

— פֿאַר וואָס איז דער הימל גאָר הויך, זיידע?

— ווייל די לבנה איז אַזוי הויך.

— פֿאַר וואָס איז די לבנה אַזוי הויך, זיידע?

מלחמה

גבריאל איז געקומען פון גאַס:

— זיידע, וואָס איז אַזוינס מלחמה?

— ווען מענטשן שלאָגן זיך, פאַלן אַן איינער אויפן צווייטן.

גבריאל האָט געקוקט אויפן זיידן מיט אויגן פול מיט שטוינען.

— פאַראַן גוטע מענטשן און שלעכטע מענטשן, קינד מיינס — האָט דער זיידע ממשיך געווען — די שלעכטע פאַלן אַן אויף די גוטע.

— און נאָך דער מלחמה ווערן זיי גוט, סבא?

— דער שלעכטער בלייבט, ליידער, שלעכט, קינד מיינס.

— טאָ דאַרף דער גוטער אַנפאַלן אויפן שלעכטן, כדי אים צו מאַכן גוט.

— אויב דער גוטער פאַלט אַן, ווערט ער מיט דעם זעלבן אַ שלעכטער.

— און ווען אַ שלעכטער פאַלט אַן אויף אַ שלעכטן, זיידע?

דער זיידע האָט געשוויגן.

— און ווען אַ גוטער פאַלט אַן אויף אַ גוטן, סבא?

זעענדיק, אַז דער זיידע שווייגט, האָט גבריאל אַרויפגעפירט אויף דער סיבה, וואָס האָט ביי אים געבוירן די פראַגע.

— יוסי דעם שכנס, זיידע, האָט מיר געדראָט מיט אַ פויסט און מיט אַ שטיין: „אויב ווילסט מלחמה, וועסטו האָבן מלחמה".

— פאַר וואָס, קינד מיינס?

— ער האָט כסדר געוווּנען ביי מיר ניסעלער. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געצילט אין גריבל, ווי ווייט עס זאָל נישט זיין, האָט

ער געטראָפן. און, ווען כ׳האָב געמוזט אים אַוועקגעבן דאָס לעצטע ניסעלע, האָב איך, פון כעס, געוואָרפן זיך אויף אים און צוגענומען נישט נאָר מיינע, נאָר אויך זיינע ניסעלעך...

— פאַר וואָס זיינע אויך?

— כדי אים אָנצולערנען, סבא.

— און, ווען ער איז שטאַרקער פון דיר, קינד מיינס, וואָלסטו אים אויך באַפאַלן?

— וואָלט איך גענומען צו הילף שמשונען, דעם קצבס זון, ער איז אַ שטאַרקער.

— און, ווען ער רופט צו הילף צוויי שמשונס?

— וועל איך רופן דריי, זיידע.

— וועט ער רופן פיר.

— וועל איך רופן פינף, סבא.

— דאָס אַלץ, מיין קינד, צוליב אַ נאַרישע פּאָר ניסעלעך, האַ?

— נישט נאָר צוליב די ניסעלעך, נאָר צוליב דעם וואָס ער געווינט, און איך נישט; ווייל ער האָט כסדר געוווּנען, און איך נישט. ווייל ער האָט מער מזל.

— און אַז וועסט אים שלאָגן, וועט ער האָבן ווייניקער מזל? און, אפשר האָט ער גאָר מער דערפאַרונג אין שפּילן, אפשר איז ער גאָר קליגער פאַר דיר?

— וועל איך נאָך אַ מאָל נעמען צו הילף שלומהן, דעם לע־רערס זון, ער איז אַ קלוגער.

— וועט ער נעמען צו הילף צוויי שלומהס.

— וועל איך נעמען דריי.

— וועט ער נעמען פיר.

— וועל איך נעמען פינף, סבא...

דער זיידע האָט אַרומגענומען זיין אייניקל, געדריקט פעסט צו זיך.

— אָט דאָס איז מלחמה, קינד מיינס. עס הייבט זיך אָן פון ניסעלעך, פון אומשולדיקע, נאַרישע ניסעלעך, און עס גייט אַריבער צו קנאה, צו שנאה, און עס ציט אַריין שמשונס און שלומהס און ווער ווייסט וועמען נאָך... אָט דאָס איז מלחמה, מלחמה, מיין טייערער גבריאל, מיין מלאכל...



דאָס פייגעלע

אַ פייגעלע אויפֿן זאַמד,ביים כינרת־ברעג. די פליגל צעשפּרייט, ווי צום פליען, דאָס קעפּל פאַרוואָרפן, די אויגן אויסגעלאָשן. און ברוינע פלעקן אויף די לעבעדיקע פאַרבן פון די פעדערן, פלעקן קלעפּיקע, מיט אַ ריח פון שוועבל. פלעקן פון ריסוס, פון דער פליסיקייט צום פּולווערייזירן ביימער, צו שיצן זיי קעגן פּאַראַזיטן, קעגן מחלות. מסתמא האָט דאָס פייגעלע נישט באַוויזן באַצייטנס צו אַנטרינען. געווען פאַרנומען מיט ליבע, בויען אַ נעסט, אויסבריען אייעלער, אָדער היטן די קינדערלעך. און באַשפּריצט געוואָרן. ערשט שפּעטער גענומען פליען, אַנטרינען, ציען צום וואַסער, זיך איינצו־טונקען, אָפּצושווענקען פון זיך די פלעקן און אַרויסשווענקען דעם סם, דעם שטיקנדיקן גיפט...

און נישט דערפלויגן. געבליבן ליגן מיטן שנאָבל צום וואַסער, עטלעכע פייגלשפּרינג פון ברעג...

האָבן אַ קליין יינגעלע און אַ קליין מיידעלע געפונען דאָס פייגעלע.

האָט דאָס יינגעלע גענומען גראָבן אַ גרוב אינעם זאַמד, אַ קבר פאַרן פייגעלע.

און דאָס מיידעלע איז אַריין מיטן פייגעלע אין וואַסער. עס איינגעטונקען, אַרומגעוואַשן די פעדערן, די פיסעלער, דאָס קע־פּעלע, פונאַנדערגעעפנט די שנאָבל־העלפטן, צוגעשטעלט צו איר מויל, און אַריינגעבלאָזן און געבלאָזן.

און דאָס יינגעלע האָט געגראָבן און געגראָבן.

פּלוצעם האָבן זיך צעציטערט ביים פייגעלע אַלע אברים, עס האָבן זיך צעעפנט די אויגן־לעדלעך, די שנאָבל־העלפטן האָבן זיך צעגענעצט מיט אַ שניידנדיקן קוויטש, די פליגל האָבן אַ פּלאַטער געטאָן און אַרויס פון אירע הענטעלעך.

דאָס מיידעלע איז געשטאַנען פאַרלוירן, און בלוט האָט גערונען פון איר אונטערשטן ליפּעלע.

— גוט אַזוי — זאָגט צו איר דאָס יינגעלע — האָסט געדאַרפט מיך לאָזן מאַכן אים אַ שיינע לוויה, און אַ שיינעם קבר, אויסגעלייגט מיט ים־מושלעס, און אַ טורעמל פון קיזל־שטיינדעלעך אויף אים. און מיר וואָלטן אַפּט געקומען זיך שפּילן אַרום קבר, און לייגן בלומען.

— ניין, ניין! — האָט זי געזאָגט מיט רגזה. און נאָכגעלאָפן מיט די אייגעלעך נאָך דעם פייגעלע, צום פּרדס, צום בוים, צו דער איבערגעריסעטער אידיליע. זי איז געשטאַנען און געקוקט אַהין צו לאַנג, געלעקט דאָס בלוט פון ליפּעלע, און אַ צעשפּאַרנדיקע הנאה האָט צעשיינט אירע צערויטלטע בעקעלעך.

דער גוטער אַנטיוכוס

נאָך דעם ווי די לערערין האָט דערציילט מיט אַלע פּרטים די געשיכטע פון חנהן מיט אירע זיבן זין, איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָבן זיך געהערט די צאַפּלדיקע הערצעלער פון די קינדער, זייערע דערשטיקטע זיפצן און דאָס טריקענען פון זייערע קאַלטע טרערן איבער זייערע צעפלאַמטע בעקעלער.

נאָך אַ ווייל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— און איצטער, קינדערלער, וועלן מיר איינטיילן די ראָלן צום חנוכה־שפּיל וועגן חנה מיט די זיבן זין. ווער פון אייך וויל זיין חנה? און ווער פון אייך וויל זיין דער עלטסטער זון? ווער דער צווייטער? ווער דער דריטער? און ווער — דער יינגסטער?

— און איך וויל זיין אַנטיוכוס, האָט זיך אָנגערופן דאָס יינגסטע און שוואַכסטע יינגעלע צווישן די שילערס — איך וויל זיין אַנ־טיוכוס!

— דו? — האָט די לערערין אויפגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן. דו?

— יאָ — האָט דאָס יינגעלע מיט עקשנות איבערגעחזרט.

— דו? — האָט זי נישט אויפגעהערט זיך צו חידושן, ווילנדיק זאָגן, אַז זי פאַרשטייט אים נישט. ער איז דאָך תמיד אַזאַ איידעלער, קרענקעוודיקער און שוואַכינקער, אַזאַ וויינענדיקער; ער וויל עס פּלוצעם זיין דער בייזער אַנטיוכוס? וואָס טוט זיך דאָ?

זי האָט זיך דערנענטערט צו זיין באַנק און איבערגעפרעגט, איבערבויגנדיק זיך איבער אים:

— דו, דער בייזער, דער שלעכטער, דער אכזריותדיקער אַנ־טיוכוס ?

— יאָ — האָט ער איבערגעחזרט. — אָבער איך וועל זיין אַ גוטער אַנטיוכוס. איך וועל זיי נישט טאָן קיין שלעכטס. איך וועל זיי לאָזן דינען צום יידישן גאָט. איך ווייס דאָך יאָ, אַז דער יידישער גאָט איז בעסער. איך וועל זיין אַ גוטער אַנטיוכוס, וועל איך זיין.

זייט דעמאָלט האָט מען אים גערופן אין דער שולע מיטן צונאָ־מען: דער גוטער אַנטיוכוס.



קינדערשפּיל

ווען מ׳נעמט אַוועק דעם דראַטענעם צוים און די אַנגעהויפּטע וויקל־קנוילן פון שטעכדראַט, וואָלט מען נישט געוווּסט, אַז דאָ איז אַ גרענעץ. די זעלבע ערד דאָ און דאָרט. די זעלבע גראָזן. די זעלבע צעדער־ביימער, פּאַלמעס און עוקאַליפּטוס־וועלדלעך.

אויף יענער זייט שיט אַ פּויער, מיט אַ בענטשנדיקער האַנט, קערנדלעך אין צעאַקערטן פעלד און בעט זיין גאָט אויף גערעטעניש.

אויף דער זייט שיט אַ פּויער, מיט אַ בענטשנדיקער האַנט, קערנדלעך אין צעאַקערטן פעלד און בעט זיין גאָט אויף גערעטעניש.

און צווישן גאָט און גאָט — אַ דראַטענער צוים און אַנגעהויפּטע וויקל־קנוילן פון שטעכדראַט.

פייגל פליען אַהין און אַהער. פעדערלעך, שטרויעלעך, צווייגנ־ברעקלעך אין זייערע שנאָבלען, און אויגן זוכנדיקע: ווו בויען אַ נעסט? אויף דער זייט? אויף יענער זייט?

אפשר אין דער פּאַרטיפונג איבערן געזימס פון סקריפּנדיקן טויער פון געבעטהויז? קומען דאָך אַזוי זעלטן אַהין דאַוונערס.

אפשר אינעם מעטשעט־טורעמל, איבערן רונדבאַלקאָן? פאַראַן דאָרט באַקוועמע ווינקלען צווישן די קרייצקלעצער, און דער געבעט־רופער, דער מואַזין, איז אַלט, זעט קוים.

אפשר ביי אברהמען, אין דער לוקסוס־ווילע? אין דער עפענונג פון אַ דאַכרער? זענען דאָך די רעגנטעג פאַרביי, און ביז עס וועלן קומען פרישע רעגנס, וועלן די פייגעלעך נישט דאַרפן קיין נעסט מער.

אפשר אינעם הייזל פון איבראַהים,ביים אויבערשטן ראַנד פונעם וואַדי־אַפּהאַנג? פאַראַן אויך רערן אויפן דאַך.

אַ רער איז אַ גוטע שוץ קעגן ווינטן, קעגן בייזע אויגן, קעגן רויבפייגל און קעגן מלחמה.

און אפשר אינעם ברייטן, אָפענעם מויל פון אַ דיקער רער, וואָס שטעקט אַרויס פאַרבאָרגן צווישן געדיכטן געבלעטער אין עוקאַליפּטוס־וועלדל? שוין לאַנג נישט געשפּיגן מיט פייער פון די רערן. און ביז וואָס ביז ווען — ווערן די אייעלער האָבן פליגל.

און איידער וואָס, איידער ווען, פליען די פייגל שווער, מיט פולע בייכער, פאַרלירן די צייטיקע אייעלער פליענדיק, אַ מאָל אויף דער זייט, אַ מאָל אויף יענער זייט.

געטראָפן אין קאָפּ דורך אַן אייעלע, האָט אַ האָז זיך אויפגעריסן פון הויכן גראָז און גענומען לויפן ווילד, ווי געיאָגט דורך יעגערס, ווי געיאָגט דורך מלחמה. און לויפנדיק — אַריין אינעם שטעכיקן געפלאָנטער פון די וויקל־דראָטן ביים אונטערשטן ראַנד פון צוים. נישט אַהין, נישט אַהער.

געלאָקט דורכן ריח פון בלוט, איז אָנגעפלויגן פון די בערג אַ רויבפויגל, מיט די נעגל־ און שנאָבל־שאַרפן גרייט. אָבער די שטעכער־שפּיצן לאָזן נישט. לאָזן נישט. קרייזט ער ווילד אַרום, מיט אַ בייזן געקריי און מטורפדיקן געקלאַפּ פון די צעפּאַכעטע פליגל.

האָט עס אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דינהן, אברהמס ווייב. זי האָט געכאַפּט דעם עוזי, וואָס אונטער דער האַנט, און איז אַרויס פון דער ווילע.

אפשר אָנפאַלערס פון יענער זייט?

— מיטן פינגער אויפן שיסצינגל, איז זי געלאָפן צום צוים:

דער חלום פון אַרויפוואַרפן זיך אויפן עלעקטריזירטן דראָטפּלויט פון אוישוויץ און אויסגעלייזט ווערן — איז געענדיקט. איין מאָל פאַר אַלע מאָל געענדיקט! היינט, איז אויסלייזונג! צאָלן טייער און לעבן, לעבן, לעבן! האָט דער רויבפויגל אַרויסגעקרייט אַ פּראָטעסט־געשריי פון אָפּהענטיקייט און איז אַוועק פון וואַנען ער איז געקומען.

דינה האָט אַריינגעשטעקט דאָס הענטל פון עוזי צווישן דראָט־געפלאָנטער און גענומען אָפּבייגן די שטעכערס, וואָס בייסן זיך אַריין אין דער הויט, אינעם קאָפּ פון צונויפגעקנוילטן האָז. דער־נאָך האָט זי אים געמאַכט אַ פרייען וועג אַרויסצו, און געלאָזט אים לויפן. — געענדיקט דער קאָשמאַר. לעבן. לעבן. לעבן!

דער האָז איז אַוועק אין הויף פון אַלטן איבראַהים, געשטעלט זיך טרינקען פון דער וואַסער־קאַריטע, וואָס וואַרט אויף די שוואַרצע ציגן, וואָס דאַרפן זיך אומקערן אַוונטצייט פון גראָזיקן אָפּהאַנג. ער לעקט אַרום זיינע ווונדן און שווענקט די אויגן, וואָס זענען פאַרלאָפן מיט בלוט.

די קליינע יאַסמינאַ, דאָס אייניקל פון איבראַהים, האָט געזען ווי דער האָז שפּילט זיך אינעם וואַסער, האָט זי גענומען איר קליינעם, רויטן באַלעם, פון וועלכן זי שיידט זיך קיין מאָל נישט, און איז אַרויס צו דער קאַריטע. האָט דער האָז זיך אויפגעריסן מיט אַ געפּליעסק און גענומען לויפן. אַ דערשראָקענע, האָט זי אַרויסגעלאָזן דעם באַלעם פון דער האַנט. ער האָט זיך פאַר־פּלאָנטערט אין די פיס פונעם אונטערהינקנדיקן האָז, און גענומען זיך קייקלען אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ. ער האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אין שטיינער, פעלדזן, געקלעטערט איבער קוסטעס, ווילד־גראָזן, און אונטערגעיאָגט דורך צעווינטיקטע שירעמקעפּ פון פּאַלמעס, ביים ראַנד פון וואַדי־אָפּהאַנג, אַ שפּרונג געטאָן ווייט און הויך, אַריבער דעם צוים.

יאַסמינאַ איז אים נאָכגעלאָפן, נישט אַראָפּגעלאָזן דעם רויטן קיילער פון די אויגן, געפאַלן, זיך אויפגעהויבן, געקייקלט זיך אַראָפּ, געשפּרונגען, געהיפּערט, געפלויגן, און געבליבן שטיין נעבן שטעכדראָט. דער באַלעם אויף יענער זייט.

די קליינע אילנה, דאָס אייניקל פון אַברהם, איז גראָד געקו־מען פון שולע. זי האָט דערזען דאָס מיידעלע, מיט גרויסע טרערן אויף אירע שוואַרצינקע בעקעלער, מיט הענט וואָס ציען זיך בעטנדיק צום רויטן קיילער, אינעם זייטיקן זאַמדאַנשיט, וואָס ביים וועג.

האָט זי, מיט רחמנותדיקע הענטלער, אַ כאַפּ געטאָן דעם באַלעם, און אים אַ שליידער געטאָן איבערן צוים. יאַסמינאַ האָט אונטערגעשטעלט די הענטלער און איז אונטערגעשפּרונגען. דער באַלעם איז אַריין גראָד צווישן די האַנטפּלאַכן און איר האַרצ־בוזעם. זי האָט אויפגעהויבן איר קעפּל, געפּאַכעט לאַנג מיטן הענטל ווי אַ סימן פון דאַנק. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אילנה האָט צוריקגעפּאָכעט און געמאַכט צו איר סימנים, אַז זי זאָל צוריקוואַרפן דעם באַלעם. זיי וועלן זיך שפּילן.

יאַסמינאַ האָט פאַרשטאַנען, איז אונטערגעשפּרונגען און אַ שליידער געטאָן דעם באַלעם. אילנה האָט אים געכאַפּט, געהאַלטן אַ ווייל אין האַנט, זיך פאַרמאָסטן, און צוריקגעוואָרפן. איז געקו־מען די ריי פון יאַסמינאַ. דערנאָך פון אילנה. ווידער יאַסמינאַ. ווידער אילנה. ביז זיי זענען מיד געוואָרן.

צו מאָרגנס האָט יאַסמינאַ געוואַרט ביים צוים, אין דער זעלבער צייט. זיי האָבן זיך באַגריסט מיט די הענטלער, מיט די בליקן, מיט די הערצלער, מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל אויף די ליפּעלער.

און דער באַלעם איז געפלויגן פון האַנט צו האַנט איבערן

צוים, באַגלייט מיט פריידיקע אויסרוף־ברעקלער און אָנשטרענג־זיפצלער ביי יעדן כאַפּ, ביי יעדן וואָרף. ביז די קינדער זענען מיד געוואָרן.

— שלום — האָט אילנה געזאָגט ביים פונאַנדערגיין זיך, און אָנגעוויזן אויף זיך, באַוועגנדיק מיט אַ פינגער צום האַרצן, איבערחזרנדיק עטלעכע מאָל איר נאָמען: — אילנה, אי־ל־נה, אי־ל־נה.

יאַסמינאַ האָט פאַרשטאַנען איר כוונה, און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צו איר אייגן האַרץ: — יאַסמינאַ, יאַס־מי־נאַ, יאַס־מי־נאַ. סעידה.

אויפן דריטן טאָג איז געווען שבת. אילנה איז נישט געגאַנגען אין שולע. איז זי געקומען פריער. געשטעלט זיך וואַרטן. דורך די קליינע דראָט־קוואַדראַטן פון צוים, האָט זי געזען ווי די קליינע שפרינגט האַפּערדיק אַראָפּ דעם אָפּהאַנג אין וואַדי אַריין, לויפט טאַנצנדיק אַהערצו, מיטן רויטן באַלעם אין האַנט. זי האָט איר געגעבן אַ סימן פון דער ווייטנס, זי זאָל נישט לויפן, זי קאָן אומפאַלן; פאַראַן גרויסע און שפּיציקע שטיינער אין פעלד, און קאָן זיך פאַרוווּנדן.

— שלום, יאַסמינאַ — האָט זי אַריינגעשריגן אין אירע פויסט־לער, איינס איבערן צווייטן, ווי אין אַ רער.

— סעידה, אילנה — האָט יאַסמינאַ צוריקגעשריגן לויפנדיק. און נאָך איידער זי האָט דערלאַנגט צו די שטעכקנוילן, אַ שליידער געטאָן דעם באַלעם.

און דער באַלעם איז געפלויגן און געפלויגן, און פריידיקע אויסרופן האָבן אים באַגלייט פון האַנט צו האַנט:

— העי יאַס... העי מי... העי נאַ... האָפּ יאַס... האָפּ מי...

— העי אי... העי לאַ... העי נה... האָפּ אי... האָפּ לאַ... האָפּ לאַ...

און ווען זיי זענען מיד געוואָרן, האָבן זיי זיך צוגעזעצט אין גראָז, שווער געאָטעמט. און די הערצלעך האָבן זיך געוואָרפן, ווי קליינע באַלעמלעך וואָלטן געשפּרונגען הינטער זייערע פּלאַכע ברוסטלעך, אָדער פֿייגעלעך צאַפּלדיקע — און געוואָלט אַריבער דעם צוים.

— סעידה, יאַסמינאַ — האָט אילנה געזאָגטביים פֿונאַנדער־גיין זיך.

— שלום, אילנה — האָט יאַסמינאַ געענטפֿערט.

— סעי־דה, סעי־דאַ־אַ־אַ...

— ש־לום, שאַ־אַ־אַ לום־מ־ם...

די דראָטענע קוואַדראַטלעך פֿון צוים און די שפּרינגפֿעדער־דיקע וויקלקנוילן האָבן אַראָפּגעכאַפּט די בענטשנדיקע זילבן פֿון די קינדישע ליפּעלעך, זיי צעטראָגן איבער פֿעלדער און הייזער, איבער טאָלן און בערג, און צעקלונגען ווי מען צעקלינגט אַ גוטע בשורה.

און, ביז די קינדישע שטימעלעך האָבן זיך ווידער צעקלונגען, האָט דער ווידערקול געקלונגען.



דער בער

— ביסט שוין אַ גרויסער בחור איצט — האָט די מאַמע כסדר איבערגעחזרט, פירנדיק אים צום ערשטן מאָל אין שולע. וועסט דיך שוין נישט טאָרן אַזוי שפּילן ווי ביז איצט, און פונאַנדערוואַרפן אומעטום דיינע שפּילצייג. דו ביסט שוין אַ גרויסער, וואָס גייט אין דער שולע, נישט קיין קינד מער, וואָס שפּילט זיך מיט בלייערנע סאָלדאַטן, מיט צעבראָכענע אויטאָס, און מיט אַ צעפּליקטן בער...

זי האָט ספּעציעל און נאָך אַנאַנד איבערגעחזרט דעם זעלבן געדאַנק, די זעלבע ווערטער, כדי צו באַרעכטיקן איר הינטער־כוונה, מיט וועלכער זי טראָגט זיך שוין אַרום אַ לאַנגע צייט: צו מאַכן אַ סוף צו די שפּילצייג, וואָס וואַלגערן זיך אַרום איבער די צימערן, אין אַלע ווינקלען, און צום בער, וואָס די גאַנצע דירה איז פול מיט אים.

דאָס ערשטע האָט זי זיך אָפּגערעכנט מיטן דרויב, מיט די צע־בראָכענע זעלנערס, מיט די הינקענדיקע אָפּיצירן, ווי נאָך אַ שלאַכט, מיט די גענעראַלן אָן קעפּ, ווי נאָך אַ פאַרשפּילטער מל־חמה, מיט די אויטאָס און וואַגאָנען אָן רעדער און אויסגעקרימטע באַנרעלסן, ווי נאָך אַ רעוואָלוציע; און לסוף האָט זי זיך גענומען צום בער. אים איז זי געווען אַ שונא פון דער ערשטער רגע אָן, ווי נאָר דער שוואָגער, דער אַלטער בחור, האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון דער טיר מיט דער מתנה אין די הענט.

נישט זי האָט געקאָנט ליידן דעם שוואָגער, מיט זיינע מאַניערן פון אַן אַלטן קאַוואַליר, מיט זיינע גראָבע וויצן, און נישט זי האָט

געקאַנט פֿאַרטראָגן דעם גרויסן, אומגעלומפּערטן בער, וואָס איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פֿונעם פֿיר־יאָריקן בעל־שמחה.

די געסט, וואָס האָבן בייגעוווינט דאָס פֿייערן דעם געבורטסטאָג, האָבן זיך געחידושט: „אַזאַ גרויסער בער פֿאַר אַזאַ קליין ייִנגעלע?"

ער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט:

— אַז איך גיב, איז מיטן גאַנצן האַרצן... איז לויט מײַן מאָס, און עס זאָל זײַן וואָס צו נעמען אין די הענט אַרײַן — און באַוויגן מיט די אָרעמס, ווי ער וואָלט אַרומגענומען בעתן טאַנצן אַ דיקע און פֿעטע פֿאַרטנערין, וואָס באַוועגט זיך שווער ווי אַ בער.

אַלע זענען אויסגעבראָכן מיט אַ הילכיק געלעכטער פֿון דער סצענע און זײַן מימיק, און זי האָט זיך געביסן די ליפּן, כּדי נישט נאָכצוטאָן זייער בײַשפּיל.

איז זי געווען צופֿרידן, ווען גבֿריאל האָט עטלעכע טעג שפּעטער, אַרויסגעצופּט די אויגן בײַם בער און אויפֿגעריסן די נאָזפּליגל. און נאָך מער געפֿרייט האָט זי זיך, ווען ער האָט אַ צײַט שפּעטער, אַרויסגעריסן אַ פֿוס, פֿון וואַנען ער וואַקסט אַרויס, און אויסגע־לענקט בײַם בער אַן אַקסל. עס האָט זיך געשיט פֿון אים מיט האָלץ־זעגעכץ, מיט פֿאַרדעמפּעצטע קלאָטשע־צויטן און מיט פּרוכנע, ווי פֿון אַן אַלטן און ווערעמדיקן בוים, וואָס פֿאַלט זיך פֿונאַנדער. זי האָט כּסדר געמוזט נאָכרוימען, נאָכקערן, רייניקן און פּוצן, אָבער זי האָט זיך געטרייסט, אַז אָט וועט ער זיך אויסשיטן ביזן סוף, אויס־ליידיקן, ווערן אויס בער, און זי וועט זײַן פּלושענע פּעל אַרויס־וואַרפֿן אויפֿן מיסט.

אָבער די אומדערוואַרטע באַזוכן פֿונעם שוואָגער האָבן צע־שטערט אירע האָפֿענונגען. ווען ער האָט געזען ווי עס שיט זיך פֿונעם בער, האָט ער געבעטן אַ נאָדל מיט פֿאָדעם אַוועקגעזעצט זיך אויפֿן דיל, נעבן גבֿריאלן, און גענומען נייען, פֿאַרשטאָפּן די לעכער, פֿון וועלכע עס האָט זיך געשיט.

— אַ צער בעלי־חיים — האָט ער געזאָגט נייענדיק, און אונטערגעברומט די מעלאָדיע פון בעטלער־טאַנץ פון דיבוק: אוי אוי, אוי, אַ צער בעלי־חיים.

און יעדעס מאָל, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אומדערוואַרט, פלעגט ער אַרויסציִען פונעם לאַץ אַן איינגעפעדעמטע נאָדל, און פון די קעשענעס שטיקער וואַטע, שטיקער העלברוינעם פלוש, און נעמען פאַרשטאָפּן די אויסגעהוילטע טיילן פונעם בער, פאַרנייען, פאַרלאַטן די לעבער, די געוואַלדריסן.

און די מאַמע פלעגט זיך דעמאָלט אַרומדרייען אַ ברוגזע, אַ צעווייטיקטע, ווי ער וואָלט זי אַליין געשטאָכן מיט דער נאָדל, און נישט דעם עקלדיקן בער. ווען ער וואָלט נישט געהייסן דערלאַנגען, וואָלט זי אים אַפילו נישט מכבד געווען מיט אַ גלאָז טיי און היימישע קיכלער.

האָט זי זיך געטרייסט: גבריאל וועט אונטערוואַקסן און גיין אין שולע, וועט זי דעמאָלט נעמען נקמה אינעם בער. באַלד דעם ערשטן טאָג, ווען זי וועט אים פירן אין שולע אַריין, וועט זי אָננעמען דעם בער ביים קאָפּ און אים וואַרפן אויפן מיסט.

און אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן. ווען דער מיסטוואָגן איז פאַר־בייגעפאָרן, האָט זי אַ שליידער געטאָן דעם בער אינעם פאַרצוקנ־דיקן עיפּוש־שלונג, און גענומען קלאַפּן איין האַנטפלאַך אין דער צווייטער מיט הנאה:

— אַ סוף, אַן עק, פּטור געוואָרן, שוין!

און זיך האַרציק צעלאַכט, נאָכמאַכנדיק דאָס געלעכטער פונעם שוואָגער.

און, ווען זי האָט אַהיימגעפירט גבריאלן פון שולע, האָט זי ווידער איבערגעחזרט:

— דו ווייסט, דו ביסט שוין אַ שול־בחורל און נישט קיין קינד. ביסט שוין אַ גאַנצער מענטש, אַ דערוואַקסענער, אַ שילער מיט אַ טעקע, מיט ביכער, העפטן, מיט קאָלירטע בלייערס, און נישט קיין צעשפּילט קינד מער.

ער האָט געהאַלטן די מאַמע פעסט ביי אַ האַנט, אונטערגע־שפּרונגען אַ צופרידענער און געוועזן שטאָלץ מיט דער טעקע, וואָס האָט געשוועבט אויף זיין רוקן און אים פון היינט אויף מאָרגן פאַר־וואַנדלט אין אַ גאַנצן מענטש.

אָבער, ווען ער האָט נישט אָפּגעפונען אין שטוב דעם בער, איז ער אויסגעבראָכן מיט אַ ביטער געוויין.

— וויין נישט — האָט די מוטער אים אַרומגענומען און גע־קושט — דו ביסט שוין זעקס יאָר אַלט. גייסט שוין אין שולע, האָסט שוין ביכער, העפטן, בלייערס... וואָס טויג דיר אַ בער? דערצו אַזאַ עקלדיקער, אַ צעקראַכענער, אַ בלינדער, אַ הינקענדיקער, אַ צע־קרענקטער...

— איך וויל מיין בער — האָט ער נישט געקאָנט זיך שטילן — איך וויל מיין בער, אַזוי ווי ער איז. איך האָב אים ליב אַזוי ווי ער איז... דו האָסט מיך אויך שטאַרקער ליב דעמאָלט, ווען איך בין קראַנק, בין נישט מיט אַלעמען... קויפסט מיר דעמאָלט מתנות, אַ סך מתנות.

— זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז ער איז געשטאָרבן, דער בער, גע־שטאָרבן און שוין!

גבריאל האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט, גענומען טרעטן מיט די פיס אויף דער טעקע מיט ביכער, און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, גענומען רייסן דעם זיידענעם איבערדעק און בייסן דאָס אויס־געהאַפטענע קישעלע.

דער פאָטער איז היינט געקומען צום מיטאָג אין דער צייט, כדי צו עסן צוזאַמען דעם יום־טוב־מאָלצייט, און אַזוינאָך צוגעבן מער חשיבות דער וויכטיקער דאַטע פון דעם קינדס ערשטן טאָג אין

שולע. גבריאל איז אים נישט אַנטקעגנגעלאָפן אַ צעשפּילטער, ווי תמיד, נאָר נאָך מער זיך פאַרגאַנגען אין וויינען.

— וואָס איז געשען? — האָט דער פאָטער געפרעגט אַ דער־שראָקענער.

— גאָרנישט —האָט די פרוי אים אָפּגעשטופּט פונעם בעט, און געוואָלט אָפּציען זיין אויפמערקזאַמקייט — אַ שאלה פאַר וואָס אַ קינד נעמט פלוצעם וויינען, אַ נאַרישקייט, כ'לעבן.

— וואָס הייסט, אַ נאַרישקייט... — האָט גבריאל זיך אויסגע־דרייט צום פאָטער — ביי דער מאַמען הייסט עס אַ נאַרישקייט... מיין בערעלע איז געשטאָרבן, און ביי דער מאַמען איז עס אַ נאַ־רישקייט, כ'לעבן.

ער האָט זיך ערשט געשטילט, ווען עס איז געקומען דער פעטער.

— איך האָב געוווּסט, אַז מיין יינגעלע גייט היינט צום ערשטן מאָל אין שולע אַריין, האָב איך געוואָלט זיך אַריינכאַפּן, און מיט־פרייען זיך מיט דער משפחה, טועם זיין עפּעס גוטס טאַקע אויך... אַ־נו, וואָס עפּעס פלוצעם אַזאַ לוויה־שטימונג, וואָס עפּעס, האַ?

גבריאל איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן האַלדז פונעם פעטער און גענומען אויסגיסן זיין ביטער האַרץ.

— בערעלע, בערעלע געשטאָרבן. נישטאָ מער בערעלע, נישטאָ מער, וויי איז מיר.

די מאַמע האָט געגרייט צום טיש. דער פעטער האָט אַוועק־געזעצט גבריאלן אויף זיינע קני, געגלעט אים איבער די פאַרוויינטע בעקעלעך, געקושט די געלאָקטע הערעלעך און אַריינגערעדט אין זיי:

— אַ־נו, וויין נישט, קינד מיינס. איך וועל דיר קויפן אַן אַנדערן בער. נאָר אַ גרעסערן, נאָך אַ שענערן, מיט אַ גרויסן פּויק אָנגע־

האַנגען פון פּאַרנט... און דו גיסט אַ קוועטש אין אַ קנאָפּ, און תיכּף פאַרמאַכן זיך בערעלעס הענט אין פויסטלעך און נעמען קלאַפּן ווי מיט העמערלעך אינעם פּויק, ווי אויף אַ פּויערישער חתונה, בום־בום־באָם... אָט אַזוי: בום, בום, באָם!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגענומען דאָס קינד ביי די הענטלעך און גענומען זיך דרייען מיט אים אַרום טיש, טאַנצנדיק, אונטערשפּרינגענדיק צום טאַקט: בום, בום, באָם, בום, בום, באָם...

דער פֿאָטער האָט זיך געשטעלט אין אַ זייט און צוגעקלאַפּט מיט די הענט צו טאַקט: בום, בום, באָם,

די מוטער איז אַריין אין קיך. און עס האָט זיך צעטראָגן פון דאָרטן אַ משונהדיקער אָפּהילך פון טעלער און גלעזער, וואָס צעשפּרינגען זיך אינעם האַרטן דיל מיט רוגזה, און רייסן זיך אַריין אינעם עסצימער מיט אַ ווילד־צעקלונגענער וואָרענונג.

מוטער און טאָכטער

— נישט אַנדערש — האָט די מוטער געזאָגט צו איר יונגער טאָכטער — מיט אויגן פול מיט שלאָף און פאַרבאָרגענער צו־פרידנקייט — נישט אַנדערש, נאָר דו ביסט פאַרליבט, און דער־ציילסט, אַז דו גייסט אין מועדון.

האָט זי אים געפרעגט, בעת איר נאָענטסטער באַגעגעניש:

— זאָג מיר, דיין מאַמע פרעגט דיך גאָרנישט, ווען דו קומסט אַזוי אָפּט אַהיים, שפּעט ביי נאַכט, האָ?

— יאָ, זי פרעגט מיך, צי איך בין נישט פאַרליבט צומאָל.

האָט זי צו מאָרגנס געפרעגט:

— וואָס איז ליבע, מאַמע?

— דאָס איז, מיין קינד, דאָס איז... — האָט די מוטער געזוכט די ריכטיקע ווערטער. — דאָס איז דאָס געפיל, וואָס עס וועט פילן דיין פערצן־יאָריק טעכטערל, אויף וועלכער דו וועסט וואַרטן ביז שפּעט ביי נאַכט, און זי וועט זאָגן, אַז זי גייט אין מועדון, אין דער צייט ווען...

זי איז צוגעפאַלן צו דער מוטערס ליפּן און נישט געלאָזן איר פאַרענדיקן דעם זאַץ.

פייגל - נעסטן

פייגל־נעסטן

מיניאַטורן זענען אַזוי ווי פייגל־נעסטן.

פאַראַן, וואָס אין זיי זיצן אויסגעפּיקטע פייגעלער מיט אויס־געצויגענע שנאָבלען.

פאַראַן, אַנדערע, מיט אייעלער, וואָס מען דאַרף אויסבריען.

פאַראַן, וואָס זענען ליידיק. דאַרף מען לייגן די אייעלער, אויס־בריען, העלפן אויספּיקן די פייגעלער, ברענגען ווערעמלער אין זייערע אויסגעצויגענע שנאָבלען, און לערנען זיי פליען...

חלום

אַ חלום האָט אים איבערגעוועקט.

די ערשטע זוניקע פרימאָרגן־פּלעמלעך מאָלן אויף דער רחבות־דיקער שויב אויבער־גלילדיקע בערג און שטיינער, הייזקעס און שטעבדראַטיקע גרענעץ־צוימען. און אַ הייזל מיט אַ דאַך־שטיבל־דיק פענצטער צום הימל. אויבן מאָלט דליה, נאָך דער אַרבעט, אירע בילדער.

דאָס זענען ניט קיין שטראַלן־פּלעמלעך, נאָר אירע פענדז־לען. זיי מאָלן דעם המשך פונעם חלום.

ער איז אַרויס פון שטוב. שבת פאַר מיטאָג מאָלט זי תמיד אין דרויסן. ער וועט זי אָפּוואַרטן. פאַלן איר צו די פיס. קום! — וועט ער איר זאָגן. מסכים, לאָמיר גיין בויען אונדזער היים אין אויבער־גליל. זי האָט אים געזאָגט, ער זאָל מער נישט קומען צו איר, סיידן ער נעמט אָן איר באַדינג. ער וועט נישט דערמאָנען דעם חלום. זאָל זי זען, ער האָט דאָך אַ שטאַרקן ווילן.

פאַר דער טיר האָט ער באַגעגנט איר מוטער.

— פאַרשפּעטיקט — האָט זי געזאָגט.

ער האָט אַרויפגעקוקט צו דליהס פענצטער, געזוכט אירע אַפּלייקנדיקע אויגן.

— זי איז שוין זייט אַ חודש אויבן, ביי דער גרענעץ, מיט גדי, דעם לערערס זון. זיך פאַרשפּעטיקט, שלימזל!

— נישט איך, נישט איך — האָט ער אַרויסגעשריגן צום לייַ־דיקן פענצטער — דאָס האָט דער חלום זיך פאַרשפּעטיקט, דער חלום, נישט איך! נישט איך. דער חלום!

זיקנה

ווי נאָר עס האָבן זיך געעפנט די טירן האָט זיך דער אַמפּי־טעאַטער פון מעדיצינישן פאַקולטעט אויסגעפולט ביז איבער די ברעגעס. די אינאַוגוראַציע־לעקציע פון ניי־נאָמינירטן פּראָפעסאָר האָט געצויגן נישט בלויז מעדיקער און דאָקטוירים, נאָר אויך סטו־דענטן פון הומאַניסטישע דיסציפּלינען, ווייל ער איז געווען נישט בלויז אַ באַקאַנטער דאָקטער, נאָר אויך געשמט אַלס פילאָזאָף. דערצו האָט אויך די טעמע געלאָקט.

„אַלט ווערן איז נישט נאָר סינאָנים צו זיקנה, סענעסצענץ. אַלט ווערן הייסט נאָכפּאָלגן דעם צייטשטראָם, די אומפּערזענלעכע צייט, און פאַרצייכענען די אייגענע ביאָלאָגישע געשיכטע אויפן גלייכן ריטם פון דער כראָנאָלאָגיע, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט די אינדיווידועלע שינויים, וועלכע זענען דער סימן־מובהק פון זיקנה. די אָפּגעלעבטע צייט האָט נישט קיין שייכות מיטן זייגער.

„זיקנה איז איינצייטיק דאָס פאַרקלענערן פון די ביאָלאָגישע פּראָצעסן און דאָס צואיילן פון דער אָפּגעלעבטער צייט. די אָפּגע־לעבטע צייט, וועלכע איז רעגולירט דורך ביאָלאָגישע ריטמען, וואָס זענען זיך אָפט סותר, מאַכט מיט פאַרשידענע ענדערונגען, אָפּ־הענגיק פונעם עלטער. מיטן גאַנג פון עלטערן זיך, פאַרקלענערט זיך דער דויער פונעם טאָג אין פאַרגלייך מיטן טאָגדויער פון דעם שוין אָפּגעלעבטן לעבנסשפּאַן. וויליאַם דזשעמס איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז דאָס געפיל, וואָס עס האָבן אַלטע לייט, פון אַ פאַר־קירצונג פון דער צייט, איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. מען קען עס אילוסטרירן דורך אַ פּשוטער פּסיכאָלאָגישער אָבסערוואַציע. פאַרן

קינד אין דער צייטדויער אַ געוועב פון רגעס, רייכע און עפעקטיווע דיסקאָנטינויִטעטן, וועלכע באַשטייען פון שטימונגען און פּלוצעמדיקע ענדערונגען פון דער פּאַראינטערעסירונג. ביים דערוואַקסענעם און זקן איז דער צייטדויער ווייניקער קאַפּריזנע אין זיין גאַנג און די קאָנטינויִטעט פון דער פּאַראינטערעסירונג איז אַ לענגערע. די קאָנפאָרמיזמען, די אויטאָמאַטיזמען און די געוווינהייטן טעמפּן צו די סענסיביליטעט, טויטן אָפּ ביסלעכווייז די געפילן. דאָ קומט אין באַטראַכט די רייכקייט פון אונדזער דערפאַרונג אין אינערלעכער איבערלעבונג. די דאָזיקע צייט פון אינערלעכן לעבן גייט אַריין אין דער בוכאַלטעריע פון די פאַקטאָרן פון עלטערן זיך און פון זיי איז אָפּהענגיק די זיקנה"...

און ווען דער גלאָק האָט געקלונגען דעם סוף פון דער לעקציע, האָבן זיי געפילט, אַז די שעה האָט געדויערט יאָרן, און זיי האָבן געשלעפּט זייערע יונגע פיס, פון אַמפיטעאַטער אַרויס, ווי זקנים.

די בלום און די בין

די בלום האָט געמאַכט איר פּרימאָרגן־טואַלעט, אויסגעפּוצט זיך אין האָניק און אין עסיק, באַפּודערט די ליפּן־ברעגן מיט שרייזיק־געלן זונשטויב, און צעעפנט די בשמימדיקע אינגעווייד, מיטן פּנים צום בינשטאָק, אויף יענער זייט וואַסער.

איז עס געווען אַ לאָקונג פאַר אַ יונגער בין, וואָס איז אַרויס די ערשטע פון דער וואַקסענער ענגעניש, כדי פונאַנדערצוצײען די קלעפּיקע גלידער.

— אַהאַ, די ליליע שטייט אין שידוכים. אַ גוטן פּרימאָרגן, דיר, יונגפרוישע ליליע. זיי ווילקאָמען, רחבותדיקע ליליעשויס אינעם געטרייסל פון אינטימער דערוואַרטונג?

און ווי די בין איז אַריין, האָבן זיך די פּעטאַל־בלעטער פאַרלייגט אַרום איר, ווי אייזערנע רייפן, נישט אַהין, נישט אַהער. זי האָט זיך געריסן פון קלעם, געקלאַפּט מיט די פיס, מיט די פליגל, געגראָבן מיטן שטעכער אַ וועג אין דער טיף, און געטרייסלט מיטן בלומבעכער ווי אַ גלאָק, ווען ער רופט צום געבעט. און ווען די בין האָט פאַרלוירן די כוחות, האָבן די פּעטאַל־בלעטער געגומען זיך וואַרפן, און צעציטערט דעם אָנהאַלטשטאַנג ביז צו די וואָרצלען, אין אַ לאַנגן, ספּאַזמאַטישן ציטער.

און ווען די בין האָט דערפילט, אַז זי איז ווידער פריי און קומט צוריק צו די כוחות, איז געווען אָוונט, און זי האָט נישט געזען איר וועג אויף צוריק. האָט זי זיך געפונען אַ באַקוועם אָרט אין אַ פאַרבאָרגעניש צווישן געדיכטע בלעטער, און געטראַכט, אַז מער ווי די בין וויל צאַפּן דעם נעקטאַר־האָניק, וויל די בלום געצאַפּט ווערן...

זי פאַרקויפט בלומען

זי פאַרקויפט בלומען. די שענסטע צווישן אַלע בלומען־פאַר־קויפערינס.

— אַ פונט אַ בלום! אַ פונט אַ בלום!

און זי לייגט צו אַ שמייכל, וואָס האָט אַלע רייצן פון אַ בלום.

זי פאַרקויפט בלומען. די שמייכלדיקסטע צווישן אַלע בלומען־פאַרקויפערינס.

מענטשן שטייען אויף פריער, מאַכן אַן אומוועג, גייענדיק צו דער אַרבעט. מיט אירס אַ בלום איז דער אומעטיקסטער טאָג נישט אומעטיק, איז דער בייזסטער אַרבעט־אויפזעער נישט בייז. און אַ בלום, אויפן וועג אַהיים — איז די ביטערסטע פרוי נישט ביטער.

— האָו מאַטש? — האָט געפרעגט אַן אַמעריקאַנער טוריסט און אַוועקגעלייגט אַ הונדערט־דאָלאַר באַנקנאָט.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פאַרשטאַרטן גלאַנץ אין אירע צעפינטלטע אויגן, מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל אין אירע צעחי־דושטע חן־גריבלעך. דערנאָך האָבן שעם־פלעמלעך צעציטערט אירע באַקן, און אַראָפּגעקייקלט זיך דרייסט אין דער פאַרבאָרגנ־קייט פון בריסטשפּאַלט.

— נעם — האָט ער געזאָגט — דו ביסט עס ווערט.

— איך בין נישט צום פאַרקויפן — האָט זי געזאָגט בייז און צוריקגעשליידערט דעם באַנקנאָט.

ער האָט אָנגעשטעלט זיין קאַמערא, אָפּגעטרעטן עטלעכע טריט אויף הינטן:

— דאָס איז נישט פאַר דיר, נאָר פאַר דיין שמייכל, דער בלו־מענדיקסטער שמייכל, די צעשמייכלדיקסטע בלום וואָס אין דער וועלט.

— אַ פונט אַ בלום, אַ פונט אַ בלום! — האָט זי באַנייט איר רוטין־אויסרוף צו די פאַרבייגייערס, אָפּווענדנדיק איר בליק פון אים.

— שמייכל, שמייכל — האָט ער געבעטן מאַניפולירנדיק ביים אַפּאַראַט — איך וויל פאַראייביקן דיין שמייכל, דעם אויסנאַם־שמייכל דיינעם,דעם פרוויִשסטן, דעם נאַטירלעכסטן שמייכל...

— איך פאַרקויף בלומען. אַ פונט אַ בלום, אַ פונט אַ בלום! — האָט זי איבערגעחזרט אויטאָמאַטיש, און אָפּגעוואָנדן איר קאָפּ.

— קער זיך אום, איך בעט דיך. דיין שמייכל איז מער ווערט ווי דו אַליין. דיין שמייכל וויל איך פאַראייביקן, דיין שמייכל.

— א פונט אַ בלום, אַ פונט אַ בלום. בלומען פאַרקויף איך, בלומען!

זאָג עס מיט בלומען

זי איז צו דער אַרבעט נישט געקומען. זי האָט היינט געהאַט איר געבורטסטאָג. דער רוב באַאַמטע פון באַנק זענען געווען פאַר־בעטן צום אָוונט־קאָקטייל. ער — נישט.

ער האָט געוווּסט, אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו זיינע געפילן, און געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז ווי נאָר זי וועט מיד ווערן פון די אַדאָראַטאָרן, וואָס דרייען זיך אַרום איר, וועט זי זיך דערנענטערן מער צו אים. דער פאַקט, וואָס זי האָט אים נישט פאַרבעטן היינט, ביי אַזאַ וויכטיקער געשעעניש, האָט ער אויסגעטייטשט ווי אַ קאָמ־פּלעקסירטן שריט פון אַ פרוי, ביי וועלכער די פאַרבאָרגענע געפילן דריקן זיך אויס אין זייער היפוך, און אַן אַקט פון שנאה קאָן אייגנט־לעך זיין די סובלימירונג פון אונטערבאַוווּסטזיניקער ליבע...

אין אָוונט האָט ער איר אָנגעקלונגען. ער האָט געוואָרט זי זאָל זיך אַנטשולדיקן, אַז אייגנטלעך איז זיין נאָמען יאָ געווען אויף דער ליסטע, נאָר בדרך טעות... אָבער ניין. זי איז אַפילו נישט געווען זשענירט. כדי איבערצושרייען דעם רעש, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם אויפנעמזאַל, האָט זי אַריינגערעדט הויך אינעם טעלעפאָן־טרייבל, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט: „זאָג עס מיט בלומען, זאָג עס מיט רויזן".

ווען דאָס שיקייִנגל פון שכנותדיקן בלומען־געשעפט איז אַוועק־געגאַנגען, האָט זי לויז געמאַכט דאָס פּאַקפּאַפּיר און פינף רויטע רויזן זענען אַרויס פון קלעם. „יעדע פינף יאָר — איין רויז", האָט זי געזאָגט צו זיך, און אויסגערופן הויך:

— וואָס פאַראַ קאַרגער הונט! ער וועט שוין שטאַרבן אַ קאַרגער הונט!

זי האָט גענומען אַ רויז, אָפּגעריסן איין פּעטאַל־בלעטל, אַריינ־געלייגט אין אַ קאָפּערט, און צוגעשריבן אויף אַ צעטל: „און איך פרעג זיך צי איך זאָג נישט צופיל״. זי האָט באַשלאָסן עס אַוועק־צולייגן צומאָרגנס אויף זיין ביוראָטיש. און איז צוריקגעגאַנגען זיך ווײַלן מיט די געסט.

ליבע

בעת דער קאַנדאָלענץ־צערעמאָניע נאָך איר יונג פאַרשני־טענעם מאַן, האָט ער פעסט געדריקט איר האַנט און זי לאַנג געהאַלטן אין זיינער, ווי ער וואָלט מערער פון אַלע מלווים פאַר־שטאַנען איר צעבראָכן האַרץ.

בעת די שבעה־טעג האָט ער איר צוגעשיקט אַ פּראַכט־אויס־גאַבע פון ספר איוב צוזאַמען מיט אַ נומערירטן און אילוסטרירטן בוך פון „פלער די מאַל״.

צו די שלושים האָט ער איר צוגעשיקט אַן אַקוואַריום מיט אַ גאָלדן פישעלע.

צו איר געבורטסטאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן צוויי חדשים נאָך איר מאַנס פטירה, האָט ער איר צוגעשיקט אַן אַלעאַנדער, אין אַ קונציק דעקאָרירטן זאַמדקאַסטן, מיט אַ בליענדיקער בלום אין דער מיט און אַ בלינדן קנאָספּקנעפּל אויף אַ זייטיקער צווייג.

צו די דריי חדשים נאָך איר מאַנס טויט, האָט ער איר אַריינ־געשיקט אַ פּערסיש קעצל מיט לאַנגע האָר, מיט אַ רויטן קיין־עין־הרע־בענדל אַרום האַלדז, און אַ שלייפל אַרומגעהאַנגען מיט גלעקלעך.

אין אַ חודש שפּעטער, ווען עס איז אויסגעפאַלן דער געבורטס־טאָג פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, האָט ער איר צוגעשיקט אַ ראַסאָווע הינטעלע, אויף דינינקע פיסעלעך און אַ שפּיציק מאַר־דעלע, מיט אַן אָפּגעהאַקט עקעלע, אַ הינטעלע וואָס האָט געמאַכט קונצן ווי אַ צירק־חיהלע.

און צום האַלבן יאָר האָט ער איר געשיקט אַ שטייג, אַ קונסט־

שטיק, און אין דער שטייג אַ פּאַפּוגע מיט גרינע אויגן, ברוינע אויגן־ראַמען און לאַנגן פּאַווּעווּיינדל מיט אַ מיראַזש פון פאַרבן — אַ פּאַפּוגע וואָס האָט גערעדט לשון, וואָס האָט אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט.

און ער האָט איר געשריבן בריוו, פאַרוואָרפן מיט בריוו, און יעדער בריוו איז געווען באַדעקט מיט קושן, מיט טרערן, מיט זיפצן, מיט סאָנעטן, מיט ציטאַטן פון איוב, פון „פלער די מאַל״.

און ער האָט נישט געוווּסט, אַז ער איז נישט דער איינציקער, אַז ער איז נישט דער איינציקער, וואָס זוכט איר חסד, איר האַרץ, איר האַנט, און אַז אויך אַנדערע שיקן איר מתנות, שרייבן בריוו און וואַרטן אויף תשובה.

און ווען ער האָט זיך לסוף דערוואַרט אויף אַ תשובה, האָט זיך די תשובה געלייענט אַזוי: „זייט מוחל, איך האָב נישט קיין צייט צו שרייבן. עס רופן מיך די פישעלער, די קעצעלער, די הינטעלער, די פּאַפּוגעס, די אַלעאַנדערס, די ביכער. זיי זענען איצטער מיין לעבן, מיין נשמה, מיין פאַמיליע, מיינע פריינד. איך געהער צו זיי. זייט מוחל. האָט איר מיך ליב, שטערט מיר נישט מיין גליק. אַ דאַנק. זייט מוחל״.

ליבע צו ליבע איז נישט גלייך

ער האָט זי ליב געהאַט ווי זי גייט און שטייט און ליבט.
זי האָט ליב געהאַט זיין ליבע צו איר.

ווען ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן פראָנט, און געלעגן אין שפּיטאָל — האָט זי ליב געהאַט איר ליבע צו אים.

און, ווען זי האָט אים געפירט שפּעטער, אַ געליימטן, אינעם פאָרפאַטעל, האָט זי ליב געהאַט די ליבע.

און ער?

ווען ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן פראָנט, און געלעגן אין שפּיטאָל, און זי האָט ליב געהאַט איר ליבע צו אים, האָט ער ליב געהאַט איר ליבע צו אים.

און, ווען זי האָט אים געפירט שפּעטער, אַ געליימטן, אינעם פאָרפאַטעל, און זי האָט ליב געהאַט די ליבע, האָבן ביידע ליב געהאַט די ליבע.

רעליגיע

מיין זיידע, וואָס האָט געלייגט צוויי פּאָר תפילין און געווען אויך אַ ייד אַ פּיקח, פלעגט זאָגן: רעליגיע איז באַשאַפן געוואָרן פאַר די וואָס נויטיקן זיך אין איר, און פאַר די וואָס לעבן פון איר (ער האָט, אגב, געהאַלטן, אַז אַחוץ די כלי־קודש, געהערן אַלע אַנדערע יידן צו דער ערשטער קאַטעגאָריע).

אויב איינער לעבט פון דאָקטעריי, און אין זכות פון פּאַציענטן, וועמען די קרענק פאַרוואַנדלט אין רעליגיעזע מענטשן, פרעגט זיך — צו וועלכער קאַטעגאָריע געהערט ער?

צוואה

„איך וויל מ׳זאָל מיך קובר זיין ביי נאַכט, און קיין הספּדים זאָלן נישט געהאַלטן ווערן. איך וויל נישט זען די פּנימער פון די, וואָס אַ גאַנץ לעבן האָבן זיי נישט פאַרגונען, נאָר געהעצט און געגראָבן אונטער מיר, און איצטער וועלן זיי קומען מיט באַדוויער און שבחים אויף זייערע פאַלשע ליפּן. איך וויל שטאַרבן מיטן אמת, אַזוי ווי איך האָב געלעבט מיטן אמת״.

עס האָט געדונערט און געבליצט אַ גאַנצן טאָג, און דער שטורעם האָט נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין רגע. די הימלען זענען געווען חושך, און אויסגעזען האָט עס ווי נאַכט. ערשט, ווען מ׳האָט זיך געגרייט צו דער לוויה, האָבן די וואָלקנס גענומען אָפּטרעטן, און זייער אָרט האָט פאַרנומען אַ גרויסע און ליכטיקע לבנה, ווי אַ זון ממש. שפּעטער, האָט זי זיך אַרומגערינגלט מיט אַ ברייטער פּערלדיקער ראַם, און איז געשטאַנען איבערן אויסגעגראָבענעם קבר, און געלויכטן ווי עס וואָלט געווען טאָג.

אַרכעאָלאָגיע

זייט די בויערס האָבן אַנטדעקט די ערשטע סימנים פון אַ מיטל־אַלטערלעכן בנין, איז איבערגעריסן געוואָרן די אַרבעט. אַ מיניס־טעריאַלער באַפעל האָט פאַרבאָטן אויף דעם אָרט צו בויען ביז די אויספאָרשערס וועלן נישט אידענטיפיצירן דאָס אַרכעאָלאָגישע אויסגעפינס.

און, אַז עס איז אַדורך אַ צייט, און די אַרכעאָלאָגן האָבן נישט געקאָנט דערגיין אַ טאָלק אין וואָס פאַראַ בנין עס האַנדלט זיך געווי, פון וואָס פאַראַ עפּאָכע, צי די צעשטערונג איז געקומען פון דער צייט, פון מלחמות, פון ערדציטערנישן — און די דערלויבעניש צו בויען איז נישט געקומען, האָבן די בויערס נישט געוואָלט לענגער וואַרטן, און גענומען בויען.

ווען דער נייער בנין איז געווען אין גאַנצן פאַרענדיקט, איז געקומען אַן אָפיציעלע צעשטער־בריגאַדע, מיט אַ ריזיקן בולדאָזער, און לויט אַ מיניסטעריאַלער פאַראָרדענונג — צעשטערט דעם בנין.

אין טויזנט יאָר אַרום וועט די אַרכעאָלאָגישע רעטעניש זיין נאָך גרעסער.

געוווינהייט

ווען ער איז געווען קליין, האָט מען אים צוגעוווינט צו לייענען קריאת־שמע. אָן דעם האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן.

שפּעטער, האָט ער זיך צוגעוווינט צו רויכערן אַ ציגאַרעט פאַרן שלאָף.

האָט ער אַ צייט, סיי געלייענט קריאת־שמע, סיי פאַרצויגן אַ ציגאַרעט.

נאָך שפּעטער, האָט ער איינגעזען, אַז אַ ציגאַרעט אַליין איז אויך גענוג.

איצטער, ווען דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן צו רויכערן צוליבן האַרץ, האָט ער זיך אומגעקערט צו קריאת־שמע.

ד׳ עוז לעמו יתן

ווען איך זע אַ רויז אין גאָרטן פון עליזיי־פּאַלאַץ, פרעג איך: רויז, אָ! רויז עליזייאישע, פאַר וואָס שמעקסטו מיט נאַפט?

ווען איך זע אַ קריסט, פרעג איך: צי ווייסטו, אַז ווען ישו שטאַרבט אין בעט, וואָלט דיין געטלעכע לעגענדע דערשטיקט געוואָרן אין די ווינדלען?

ווען איך זע אַ פּאָליאַק, פרעג איך: איז דיין פּילגרים־צלם תמיד גרייט צו שפּאַלטן יידישע קעפּ, אויפן וועג צו דער שוואַרצער בתולה?

ווען איך זע אַ רוס, פרעג איך: פאַר וואָס גראַמט זיך קאַמאַראַד מיט פאַרראַט און סאָוויעט מיט באַגנעט?

ווען איך זע די בני־ישמאעל, פרעג איך: הישמע אל?

ווען איך זע אַ שפּאַניער, זאָג איך: פּע, אויטאָ־דאַ־פּע, פּע!

ווען איך זע אַ קיבוץ, זאָג איך: דאָס האַרץ פון קיבוץ איז ברייטער, ווי דאָס ברייטע טויער, וואָס פירט אין אים אַריין.

ווען איך זע יידן? ווען איך זע יידן, זינג איך: וואָס מיר זענען, זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר.

ווען איך זע ירושלים, פאַרגלאָץ איך די אויגן צום הימל: ד׳ עוז לעמו יתן, ד׳ יברך את עמו בשלום.

שוואַנען

שוואַנען שווימען אַרום מאַיעסטעטיש אין אַלע אָזיערעס, און גיבן זיי צו שיינקייט, אינטערעס, קאָלאָריט.

פאַר וואָס שווימען נישט קיין שוואַנען אויפן כינרת?

זאָגט אַ ייד פון ישראל: אַלע שיינקייטן פון דער וועלט האָט דער כינרת, צו וואָס נאָך?

זאָגט אַ ייד פון דער שואה: נאָר נישט קיין שוואַנען־לידער.

זאָגט אַ בעדווינער: יאָ, אָבער שוואַנען שוואַרצע.

זאָגט אַ פּאַלעסטינער: אדרבא, עס וועט זיין וואָס צו שעכטן...

שווימט אַ ווייסער שוואַן אויפן זשענעווער אָזיערע — דרייי שוואַרץ־פעדערדיקע שוואַנעלעך אַרום אים, טייכן טרערן רינען פון זייערע האַלב פאַרמאַכטע אויגן, און די מוטער זינגט, פאַר גאַפנדיקע מענטשן ביים ברעג, איר שוואַנענליד: וויי, וויי — נישטאָ קיין שוואַנען אויפן כינרת, וויי, וויי.

דועל

זי האָט געהאַט לאַנגע האָר.
ער האָט גערויכערט.
ער האָט ליב געהאַט אירע לאַנגע האָר.
זי האָט פיינט געהאַט זיין רויכערן.
האָט זי צו אים געזאָגט:
— וועסט נישט אויפהערן רויכערן, וועל איך אָפּשערן די האָר.
— וועל איך דיך וויניקער ליב האָבן — האָט ער געזאָגט.
— און איך וועל דיך מער ליב האָבן, אויב הערסט אויף — האָט זי געזאָגט.

און, ווען זי האָט אָפּגעשוירן די האָר, האָט ער אויפגעהערט רויכערן.
און געוואַרט ביז אירע האָר וועלן צוריקוואַקסן.
און, וואַרטנדיק — גערויכערט אירע האָר, אָנשטאָט טאַבאַק.

ירושה

זי האָט באַגלייט איר פאָטער צום פּראָפעסאָר. דער הויזדאָקטער האָט איר געראָטן צו זען דעם גרויסן ספּעציאַליסט פון בלוט־קראַנקייטן.

דער פּראָפעסאָר האָט אונטערזוכט דעם פאָטער, נאָכגעקוקט די אַנאַליזן, און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון סקעפּטישקייט, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן.

— אָה, איך בעט אייך, טוט אַלץ וואָס איר קאָנט — האָט זי געבעטן דעם פּראָפעסאָר, בעת דער פאָטער האָט זיך אָנגעטאָן אין דערנעבנדיקן גאַרדעראָבע־צימער. איך האָב נישט מער ווי דעם פאָטער. די מאַמע איז געשטאָרבן אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע. קיין מאַן און קינדער האָב איך נישט. אַז אים איז מיין לעבן קיין לעבן נישט. איך וויל בעסער מיין טויט, פּראָפעסאָר...

דער פאָטער איז אַריינגעקומען. געזעגנט זיך.

— נעמט געטרוי די מעדיצינען, און קומט אין אַ יאָר אַרום — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר, דערלאַנגענדיק אים די רעצעפּט.

— מיר וועלן קומען יעדעס יאָר, פּראָפעסאָר — האָט זי געזאָגט הויך, און געפרעגט שטיל, צובייגנדיק זיך צום פּראָפעסאָרס אויער.

— זאָגט, פּראָפעסאָר, צי איז די מחלה ירושהדיק? צי גייט זי, חלילה, איבער פון אַ פאָטער אויף אַ טאָכטער, האַ?

דער פּראָפעסאָר האָט איר געדריקט פריינדלעך די האַנט, און אָנשטאָט אַ תשובה — אַרויפגעצויגן אַן איראָנישן שמייכל אויפן פּנים און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

שרעק

דער דאָקטער האָט אים געזאָגט, אַז איין מאָל אין צוויי חדשים איז גענוג, אָבער ער איז געגאַנגען אין לאַבאָראַטאָריע יעדע וואָך.

ער האָט געצאָלט. געוואַרט אויף זיין ריי. געלאָזט צאַפּן זיין בלוט. אַ שעה שפּעטער איז געקומען בערטאַ, די הויפּט־לאַבאָראַנטין, מיט דעם אַנאַליז־רעזולטאַט אין האַנט, און אַ שמייכל אויף די ליפּן: נישקשה, זייט רויק. דער רעזולטאַט איז אַ גוטער!

אָבער פאַר וואָס איז איר פּנים בעת־מעשה אַזוי בלייך, אַזוי דערשראָקן־ווייס?

ער ווייס, אַז זיינע ווייסע בלוט־קייקעלער האָבן זיך שטאַרק פאַרמערט, און וואָס גרעסער ס'איז זייער צאָל, אַלץ קריטישער איז זיין געזונט. קומט ער קאָנטראָלירן און פאַרגלייכן די גלאָבאַלע צאָל זייערע וואָך איין וואָך אויס. ער איז אַ סוחר און אַ בעל־משפחה, און האָט ליב צו לעבן מיט חשבון. אָבער וואָס שייך די אַנדערע ציפערן, פון די פרטימדיקע בלוט־באַשטאַנדטיילן, פאַרלאָזט ער זיך אויף בערטאַן. אירע רייד באַרויקן אים. אָבער פאַר וואָס איז איר פּנים יעדעס מאָל ווייסער, און איר שמייכל אין סתירה צו אים?

דאָס לעצטע מאָל איז איר פּנים געווען ממש ווי קרייד. ער האָט באַשלאָסן נאָך איין מאָל קומען אין לאַבאָראַטאָריע, און אויב איר פּנים וועט ווייטער זיין דערשראָקן־בלייך, און אַפילו ווען די גלאָבאַלע צאָל ווייסע קייקעלער וועט זיין די זעלבע — וועט ער גיין, פריער ווי אָפּגערעדט צום דאָקטער.

דאָס מאָל האָט אים געבראַכט דעם רעזולטאַט אַן אַנדערע פרוי,

מיט די זעלבע ווערטער, מיט אַן ענלעכן שמייכל, אָבער אויף אַ פּנים אַ צעשיינט און צערויטלטן.

— ווו איז בערטאַ? — האָט ער געפרעגט.

— זי איז אַריין אין שפּיטאָל, — האָט זי געזאָגט — זי ליידט די לעצטע צייטן אויף אַנעמיע, און איז ממש אָוועקגעפאַלן פון בלוטאָרעמקייט.

ער האָט געשמייכלט דיסקרעט צו זיך.

— ווינטשט איר אַ רפואה שלמה — האָט ער געבעטן, און מיט פעסטע טריט אַרויס פון זאַל.



אָרעמע פּוסי

אַ צוויי צענדליק שפּאַן פון מיין הויז — אַ באַרגאַראַפּיקער און שלאַנגיקער קרייצוועג. איז ער דאָס שלאַכטפעלד פון די אָרומיקע קעץ. נישטאָ קיין פרימאָרגן, אַז עס זאָלן נישט ליגן דאָ עטלעכע קעץ אָן לעבן, מיט סימנים פון איילנדיקע אויטאָ־רעדער אויף זייערע לייבער.

דו פילסט, אַז דאָ וואַנדערן נאָך אַרום זייערע נישט־דערלאָשענע נשמות, צוזאַמען מיט דעם בייזן ווידערקול פון קללות.

אַט ליגן צוויי קעץ, אָפּגערוקטע אויף אַ מרחק ווי דער מרחק פון צוויי פאָדעררעדער פון דעם זעלבן אויטאָ. ער און זי. ער האָט זיך געיאָגט נאָך איר אין אַ ליבע־געיעג. זי האָט זיך געמאַכט אַנטלויפן. און ביידע זענען געפאַלן, נישט אויסגעליבטע. אַ שאָד די קעץ. אַ שאָד די ליבע. אַ שאָד יעדעס ברעקל ליבע, וואָס ליבט זיך נישט אויס!

און אָט — מיין קאַץ. אירע אויגן זענען אַרויס פון קאָפּ, און זעען אויס ווי זיי וואָלטן נאָך געלעבט. זי האָט זיך פאַרוואָלגערט פאַר מיין טיר מיט אַ חודש צוריק, און אַ צעוויייטיקטע געבעטן מילך, געבעטן פריינדשאַפט. אַ חודש האָט זי גענאָסן פון מיין פריינדשאַפט, פון מיין מילך. און איך — פון דער לייטזעליקייט אין אירע פינקלדיקע אויגן, אינעם ציטער פון אירע אברים.

אַ בחורל, אונטערשפּרינגענדיק, אויפן וועג צו דער שולע, האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, און אויסגעבראָכן מיט אַ ווילד געוויין.

— וואָס ווייסטו, בחורל? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט געווישט די אויגן, און מיט אַ ציטער אין יעדן וואָרט געזאָגט:

— די קאַץ איז מיינע... מיינע... איך האָב זי פאַרלוירן מיט אַ חודש צוריק... מיר האָבן איר אַוועקגענומען אירע ניי־געבוירענע קעצעלעך, זיי אַוועקגעגעבן... איז זי אַוועק, אַ ברוגזע... בעסער געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, אָרעמע פּוסי, אָרעמע פּוסי...

אַן אויטאָ איז פּלוצעם אָנגעפאָרן פון אויבן מיט רעש און מיט כעס. איך האָב אַ שלעפּ געטאָן דאָס בחורל אויפן טראָטואַר. פון אונטער דעם אויסערן פאָדערראָד האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ שנירל בלוט און באַפלעקט די שולטעקע זיינע.

— אָרעמע פּוסי. אָרעמע פּוסי!

אַפּלאָדיסמענטן

טריסטאַן בערנאַר האָט דערציילט:

ווען מ׳האָט געשפּילט זיין באַרימטע פּיעסע „לע פּעטי קאַפּע״, האָט נאָר אַ דריטל פון זאַל אַפּלאָדירט. און די אַנדערע צוויי דריטל? — האָט מען אים געפרעגט. — זיי זענען בכלל נישט געקומען — האָט געענטפערט דער שפּרודלדיקער שיינגייסט.

ווען עס איז פאָרגעקומען דאָס פאָרלייענען פון אַן אויסוואַל פון מיין באַרימטן מיניאַטורן־בוך — האָט דער גאַנצער זאַל אַפּלאָדירט. אַ האַלבער זאַל האָט עס געטאָן קלאַפּנדיק מיט איין האַנט אין דער האַנט פון זיין שכן, און דער צווייטער — מיט איין האַנט.

מאָראַל

אַ קעצל האָט זיך אויסגעזוכט אַן אָרט, אין אַ נישע, צווישן אַ פּיס־געפּלאָנטער פון אַ ליבע־סטאַטוע, נעבן הויפּט־איינגאַנג פון רעגיר־פּאַלאַץ, זיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט נישט, און געגרייט זיך צו טאָן זיין באַדערפעניש, וואָס צעשפּאַרט זיינע אינגעווייד.

איז פּלוצעם אָנגעלאָפן, ווי אַ שטורעם, אַ שוואַרצער און וויל־דער הונט, מיט די רייסציין אַרויס, און גענומען בייסן.

— היתכן? — האָט געפרעגט דאָס קעצל מיט ציטער — עס שטייט דאָך מיט גרויסע און בולטע אותיות איבערן פּאַראַד־טויער: פרייהייט, ברידערלעכקייט, גלייכהייט! טאָ ווו איז פרייהייט, אַז מ׳טאָר נישט טאָן אַפילו אַ נאַטירלעכן געברויך?

— איך וועל דיך צעבייסן אויף טויט!— האָט דער הונט גע־שריגן, און גענומען שטיקן.

— אין נאָמען פון ברידערלעכקייט?

— דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די דריי לאָזונגען, נאָר מיט מאָראַל!

— דווקא דו, דער הונט, מוזסט היטן די מאָראַל? דווקא דו?!

— ווער דען, מיין קעצעלע, ווער דען? — האָט ער צוריקגע־פרעגט, און דערשטיקט דאָס קעצל אויף טויט.

לוטס פרוי

פיר פרויען ביים ים־המלח.

איינע איז אַוועק געאַרעמט און געליפּט מיט איר געליבטן אין בשמימדיקן קוסטע־וועלדל פון עין־גדי.

איינע האָט געקניט ביים ברעג, און פעסטע מענערהענט האָבן געריבן איר צעפייערטע הויט מיט שטיקער ימיקן זאַלץ.

איינע האָט געוואַלגערט זיך אינעם הויפיקן זאַמד פון סדומיקן אָפּהאַנג אין געפּלאָנטער פון ריזיקע מענער־מוסקלען און ערב־מיטאָגדיקע שטראַלאָרעמס.

און, אויבן גאָר הויך: זינד, זאַלץ און... זאַמד — לוטס פרוי.

מיסט

זיי נעמען צונויף דעם אַפּפאַל, וואָס פאַר די טויערן, אויף זייערע שטאַרקע הענט. די שטאָט שלאָפט נאָך. אומריינע אַרבעט פירט זיך בעסער אויס אין דער פינצטער.

שווער צו וויסן צי דער ווייסער קיילער, איבער זייערע קעפּ, איז נאָך די לבנה, צי שוין די זון. ווען זיי באַקומען אים אין זייערע הענט, שליידערן זיי אים אויף אַריין אינעם צעגענעצטן שלונג פונעם מיסטאויטאָ.

אַ מענטש שלעפּט זיך אין מיטן גאַס. די גאַס איז זיינע. די נאַכט איז נאָך זיינע. אַ דיכטער? אַ דענקער? אַ שלעפּער? פון אַ טאַש פון זיין לאַנגן מאַנטל שטעקט אַרויס אַ העלדזל פון אַ פלאַש. פון דער צווייטער — צעפליקטע טאַוולען פון אַ בוך. פון בוזעם — לויזע בלעטער, וואָס פלאַטערן אויפן ווינט. זיין גוף ציטערט אינעם צעשוווּמענעם מלבוש, ווי אַ פייגל־שרעקער אין פעלד. די פיס וואַקלען זיך, די הענט שוועבן ווי פליגל גרייט צו פליען, די אויגן גלאָצן צעפינקלטע און די ליפּן באַוועגן זיך ווי צעווינטיקטע כוואַליעס. פון שיכרות? פון קעלט? פון תפילה? פון שעפערישן עקסטאַז? פון מורא פאַרן טאָג?

אַ מענטש, אָדער אַ סודותדיקער שאָטנשפּיל פון דער נאַכט, וואָס קלאַמערט זיך אין די מויערן פון דער שמאָלער גאַס? גיכער אַ זאַק מיט מיסט, מיט אָפּפאַל, אַוועקגעשטעלט אין מיטן וועג. פאַר וואָס באַוועגט ער זיך, דער זאַק מיט מיסט?

דער שאָפער דריקט פעסט אויף די ברעמזעס. האַלט איין דעם מאָטאָר. שפּרינגט אַראָפּ.

זאַלבעדריט ציען זיי אים אַרויס פון אונטער די רעדער. שטיקער גלאָז וואַלגערן זיך אַרום; ברעקלער פון דער צעבראָ־כענער פלאַש. דער ריח פון וויין פאַררייסט די נעז.

„אַ שאָד דער וויין!"

„אַ שאָד דער וויין!"

„אַ שאָד דער וויין!"

פון זיין נאָז און אויערן רינט בלוט. פון די ליפּן — אַ רויטער שוים.

זיי צערייסן דאָס בוך, קנוילן צונויף די זייטן, שלעפּן אַרויס די באַשריבענע בלעטער פונעם בוזעם און רייניקן מיט זיי די גאַס, עס זאָלן נישט בלייבן קיין פאַרדעכטיקטע בלוטפלעקן. דערנאָך הייבן זיי אים אונטער און שליידערן אַריין אין מיסטקאַסטן.

און ווען עס גייט נישט מער אַריין, פאָרן זיי גיך הינטער דער שטאָט, צום מיסטטאָל, אויף יענער זייט פון געדיכטן וואַלד. זיי שיטן אויס די לאַדונג, נעמען זוכן צי האָט זיך נישט צופעליק פאַר־וואַלגערט עפּעס אַ ווערטזאַך, דערנאָך באַגיסן זיי דאָס מיסט־בערגל מיט נאַפט, און צינדן אונטער.

די פרימאָרגנדיקע טאָלווינטן האַלטן אונטער די טליפּלעמלעך און הילן איין דיביימער אין אַ סודותדיקן שלייער פון רויך.

שטותים

זיין שערער רעדט אַ סך. אַז מען רעדט אַ סך, בפרט אַ שערער, רעדט מען אויך נישט ווייניק שטותים.

האָט ער אויפגעהערט שערן די האָר.

האָט ער אַ גרויסן קאָפּ האָר מיט פּראַנדזן ביז טיף אין האַלדז אַריין און לאָקן אונטער די קינבאַקן. זאָגן מענטשן, אַז ער איז אַ דיכטער, אַ קינסטלער, אַ נביא.

האָט ער זיך אומגעקערט צום שערער.

ווייזן אויף אים מענטשן מיט די פינגער: אָט איז דער געוועזענער קינסטלער, דער געוועזענער נביא.

האָט ער אָנגעטאָן אַ טיפן הוט איבער די אויערן, כדי מ׳זאָל נישט זען וואָס אַזוינס עס טוט זיך אונטער אים.

האָבן מענטשן געטייטלט אויף אים מיט די פינגער: אָט איז דער משוגענער.

דער קאַקטוס

מען האָט אים גערופן — דער קאַקטוס. ער איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט שטייפע און שפּיציקע האָר, צו וועלכע מ׳האָט זיך נישט געקאָנט צורירן. און קיין גוט וואָרט האָט מען נישט געהערט פון אים. ער איז תמיד געווען בייז, אַנגרייפעריש, גרייט צו זידלען, באַליידיקן.

די אַלע חסרונות האָבן דווקא צוגעצויגן אַ מתנדבת, אַ פריי־וויליקע קיבוץ־אַרבעטערין פון אויסלאַנד, אַ דייטשקע, אַ בלאָנדע, אַ לאַנגהאַריקע. מ׳האָט זיי געזען גיין געאָרעמט, זיך קושן, זיך האַלדזן. מ׳האָט זיי געטראָפן אין אינטימע פּאָזיציעס, איין קאָפּ איינגעגראָבן אין צווייטן.

מ׳האָט זיך געחידושט — ווי קאָן זי אויסהאַלטן זיין קאַקטוס־באָרד, זיין קאַקטוס־כאַראַקטער?

מ׳האָט געזאָגט, אַז נאָר אַ דייטשקע קאָן עס אויסהאַלטן. אַן אַנדער מיידל וואָלט עס נישט פאַרטראָגן.

ווען זי האָט געהערט דעם דאָזיקן טייטש, איז זי אַוועק פון קיבוץ, און פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

עס זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז זי האָט חתונה געהאַט, און פירט אין מינכען אַ נאַכטלאָקאַל. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן — „אונטער דעם קאַקטוס״.

שטיללעבן

בלאָ איז די יונגע פּאַלמע ביים כינרת, גרין איר שאָטן אין וואַסער, און געל איר איינזאַמקייט אינעם ברעגיקן געזאַמד.

זי שטייט ווי אַ פיש, מיטן קאָפּ אין דער ערד, מיט שיפּן אַוועקשטייענדיקע, און סאַמע אויבן — דער עק פונאַנדערגעשפּרייט שירעמדיק.

דער ווינט דראַפּעט זיך אויף די שיפּן־לייטערלעך מיט בוזעמס פול מיט כוואַליעס און שאָקלט זיך בלאָ און גרין און געל.

אַ מעווע, מיט אַ בויך פול מיט וואַסער, און אַ פיש־רעזערווע ביז מאָרגן, האַלט אונטער דעם תפילהדיקן מנחה־געשאָקל, אַהין און אַהער, אַהין און אַהער.

די זון, ערב־שקיעהדיק, וועבט אַ רויטע פישערנעץ אַרום דער פּאַלמע, און וויל זי פאַנגען, וויל זי פאַנגען. און איז זיך גיך מייאש.

אַ פישער שלאָגט צו צום ברעג. פאַרציט אַ דיקן שטריק אַרום דעם שטאַם, און באַדויערט וואָס די פּאַלמע איז יונג, גאָר יונג, און אַליין. וועט זי אויסהאַלטן בייזע ווינטן, בייזע כוואַליעס?

עטלעכע מעוועס דרייען זיך אין קרייז. וואַרטן אויס ביז דער פישער און דער טאָג וועלן אַוועק. באַלד וועלן זיי וואַרפן זיך אין קאַמף פאַר אַ בעסער אָרט אינעם שיפּל, פאַר אַ פאַרבאָרגן ווינקל צום גלוסטן, צום פּאָרן זיך.

ציפורה

ווען דעגאַ האָט דערזען די עפּל פון מאַטיס, מיט דער אונטער־שריפט „נאַטיר מאָרט", טויטע נאַטור — האָט ער אויסגעשריגן: ניין, נישט טויט, נאָר טויט־שיכור, „איוור מאָרט"!

אַזוי מיט ציפורהן, וואָס דער כינרת האָט אַרויסגעגעבן מיט איין רגע צו שפּעט. אַזוי האָט בפירוש געזאָגט דער דאָקטער, נאָך דעם ווי די רעטערס האָבן אַריינגעבלאָזן שעהענלאַנג זייער אייגן לעבן אין אירע צעעפנטע גליווער־ליפּעלעך — נישט מער ווי איין רגע צו שפּעט אַרויסגעצויגן.

צוליב איין רגע, וועט ציפורה נישט מער פאַרהילכן דעם כינרת מיט אירע ווולקאַנישע אַכצן יאָר. נישט צעשיינען מער דעם פּליאַ־זשע־זאַמד מיט אירע רויט־עפּלדיקע בעקעלעך, און נישט אויספולן דעם גאַנצן ברעג מיטן קוועקזילבער פון אירע גלידער, צוליב איין רגע.

ניין, נישט אמת. זי איז נישט טויט, נאָר טויט־שיכור. באַלד וועט דאָס רגעדיקע מעסטל פון שיכרות אויסוועפּן, און ציפורה וועט ווייטער זיין ציפורה. ציפורה, ציפורה, ציפורה!

קאָלירן

בלאָ איז דער כינרת, ווייל בלאָ איז דער הימל איבער אים.
בלאָ איז דער הימל, ווייל בלאָ איז דער כינרת אונטער אים.

רויט איז דאָס קליידל פון פאַטימאַ, ווייל אַזוי וויל דער פּי־שעריונג, כּדי צו דערזען זי פון דער ווייטנס, און קומען העלפן וואַשן אירע וועש, און יאָגן זיך מיט איר איבער די זילבער־שוימיקע כוואַליעס.

גרין איז דאָס גראָז אינעם וואַדי, כּדי די בעדווינער זאָלן שלאָפן אָן דאגות, נישט דאַרפן וואַנדערן מיט ציגן זוכן גרינע פעלדער אַנדערשוואו.

ווייס איז דער הונט, וואָס דרייט זיך צווישן דער שוואַרצער ציגן־סטאַדע, מען זאָל אים בעסער דערקענען.

שוואַרץ זענען די בגדים פון די בעדווינער, אינעם שכנותדיקן טאָל, ווייל סודותדיק זענען זייערע בליקן, זייערע גענג, און וואַרפן אָן אַ פינצטערע אימה.

אָבער, פאַר וואָס זענען שוואַרץ די ציגן?

די זון

די באַגרעבער גראָבן.
די זון איבער זייער קאָפּ.
פרימאָרגן־שטראַלן קלאָמערן זיך אינעם גלאַנץ פון די לאַ־פּאַטעס, לאָזן זיך נישט אַרויסוואַרפן צוזאַמען מיט דער שוואַרצערד.
וואָס מער ערד אין דרויסן, אַלץ מער זון אינעווייניק.
זאָל ער האָבן זון! וואָס בלייבט אים מער ווי דאָס? וואָס מער זון; דווקא די איינציקע זאַך, נאָך וועלכער ער האָט זיך נישט גע־יאָגט אין לעבן!

דער חזן האָט הייליק געזאָגט די תפילות.
דער רב האָט פרום געטייטשט פסוקים.
אַ דעלעגאַציע פון זיינע פאַבריק־אַרבעטער האָט געלייגט אַ שרייַיקן קראַנץ.
אַ דעלעגאַציע פון שכנים האָט געבראַכט אַ בלומענטאָפּ מיט קוים אויסגעפּיקטע נעגעלער.
די קינדער האָבן געגאָסן טרערן.
די אַלמנה האָט געבראַכט ווילדע קאָרן־כאַברעס און שטעבער־פלאַנצן, וואָס האָבן געשטאָכן און אויסגעזעזן ווי ער אַליין, ווי זיין לעבן אַליין.

פייגל ווייסן

עס האָבן זיך געהערט טויבע אָפּהילכן פון ווייטע אויפרייסן.

אַזוי הערט זיך, אויף דער זייט כינרת, דער אָפּהילך פון אַרטי־לעריע־שאָסן פון יענער זייט גולן, און ענלעך — ווען דער הימל נעמט צאַרענען אויף שטורעם.

עס איז אָפּט שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן.

אָבער פייגל ווייסן יאָ דעם אונטערשיד.

עס אַרט זיי נישט, ווען ערגעץ ווייט לאָזן זיך הערן לופעס פון אַרמאַטן. זיי זענען ממשיך זייער געפלי, זייער ליבע־געיעג און געשלעג, און זייער געקאַמף פאַר חיונה.

אַנדערש איז אָבער, ווען עס נעמט שטורעמען.

דעמאָלט פאַרשטעקן זיך די טויבן אינעם איינציקן טויבנשלאַק, וואָס אין מיין סביבה. זיי זעצן זיך צו אין אַ ווינקל, ווייט פון די עפענונגען, מיט קעפּ פאַרבאַהאַלטן אונטער די פליגלען, ווי שוואַנען בעתן שלאָף, און וואַרטן איבער דעם שטורעם.

און מעוועס, די כיטרע, נוצן אויס די מהומה, וואָס באַפאַלט די פיש ערב־שטורעם, און פאַלן צו מיט געפלאַטער צו זייערע שאָטנס אינעם וואַסער. און ערשט, ווען עס נעמען פאַלן די ערשטע טראָפּנס, זוכן זיי אַנטרינונג אויף אַ פון פאַרויס אויסגעקוקטן שוצאָרט.

און די שוואַלבן? זיי זענען די מוראַדיקסטע און פאַרזיכטיקסטע פון אַלע פייגל. זיי ווילן נישט ריזיקירן. ווי נאָר דער ווינט מאַכט ציטערן די בלעטער אויף די צווייגן, די דראָטן צווישן די טעלעפאָן־

אָדער עלעקטרע־סלופּעס, און די לופּטשיכטן צעכוואַליען זיך מיט געבייזער, אַזוי לויפן זיי אין די באַהעלטענישן אונטער די ד׳עבער, צווישן זיבערע צווייגן־ווינקלען, אָדער אין אַ נישע, אין די אינגעווייד פון אַ פּרוכנעבוים.

אָבער נאָך מער שפּירעוודיק זענען די האָניק־זויגערס, די פּיצע־לער פייגעלער, מיט דעם לאַנגן און שפּיציקן שנאָבל, וואָס איז גרע־סער ווי זייער גאַנצער קערפּער. ווען עס צעשאָקלט זיך פעסטער די בלום, פון וועלכער זיי קומען נאָגן דעם האָניק, תיכף זענען זיי מוותר אויף דער אָנגענעמער אַרבעט, און פאַרקריכן צווישן פלאַנ־טער־געוויקסן, אָדער צווישן געדיכטע פּאַלמע־פעכערס. זיי זענען אויך די ערשטע אַרויסצופליען פון באַהעלטעניש, ווי נאָר דער שטו־רעם האָט אויפגעהערט. זיי ווייסן, אַז דער רעגן, וואָס איז פאַר־קראַכן אין די אינגעווײדן פון זאַפטבעכער פון דער בלום, וועט לייכטער מאַכן דאָס זויגן, און זיי וועלן זיך פאַרשפּאָרן אַרבעט.

יעדעס מאָל, ווען איך הער טויבע אָפּהילכן פון ווייטע אויפ־רייסן, קוק איך אַרויס צו די פייגל.

זוכן זיי באַהעלטענישן, קוק איך אויס דעם שטורעם. בלייבן זיי אין דרויסן, לויף איך גיך אין שוצקעלער.

פייגל ווייסן.

דאָס הויז מיט דעם בלאָען לאָדן

דאָס הויז זייערס און דער לאָדן זענען געווען ווי אַלע הייזער און לאָדנס אין דער געגנט.

אָבער, זינט די צוויי עלטסטע זין זענען געפאַלן, איז דאָס הויז ווי אויסגעלאָשן געוואָרן, און דער לאָדן — ווי אַ בלינד אויג מיט געלײַמטע דעקלער.

בלויז דער רויטער פלאַנטערקאָפּ פון נוריאלן, דעם בן־זקונים, האָט ווידערגעשפּעניקט דער וויסטער מראה פון פאַרוואָרלאָזטקייט.

און, ווען נוריאל איז אונטערגעוואַקסן און געוואָרן אַ פּילאָט אין אַ מיליטערישער לופטמאַשין, זענען די צוויי העלפטן פון לאָדן אויסגעמאָלן געוואָרן אויף בלאָ, פון דרינען און פון דרויסן, און אויסגעזען ווי צוויי שטיקער תכלת וואָלטן זיך אָפּגעריסן פונעם הימל, וואָס איבערן כינרת, און געבליבן קלעפּן בײַ ביידע מויער־זײַטן פונעם גאָרנדיקן פענצטער.

און צוויי בלאָ־גרויע קעפּ אינעם צעפּראַלטן פענצטער, פאַר־וואָרפן צום הימל.

— נוריאל!

— שאַ, נוריאל!

— דער רעש פון זײַן מאַשין!

— דער פייער־גלאַנץ פון זײַן צעבוואַליעטן קאָפּ!

— אָט, זײַן בשורה־האַנט מיט ברכות בשפע צו טאַטע־מאַמע אינעם בלאָען לאָדן, צו די יידן אונטן!

די יידן אונטן הייבן אויף די קעפּ צום הימל, און גאָרנישט

הערן זיי, גאָרנישט זעען זיי. אָבער זענען מסכים מיט די קעפּ אינעם בלאָען לאָדן, און עס פלאַטערן זייערע הענט און ליפּן בענטשנדיק אַרויפצו. ווערלן זיי אים גראַד נישט דערגרייכן, ווערלן די ברכות דער־גיין צו די ברידער זיינע, אויבן, אין די הייכן. זאָלן זיי זיך מיען פאַר אים, זיך איינשטעלן פאַר אים.

— השם ישמרהו!

— השם ישמרהו!

— גאָט, באַשיץ, באַהיט און באַשירעם דאָס הויז מיט דעם בלאָען לאָדן!

פינף פאַר צוועלף

דער זייגער האָט געוויזן אַכט.

ביי אים איז געווען פינף פאַר צוועלף.

די פלעגערין איז געווען בלייך, ווי איר ווייסע שערץ, אַ ווייסע שוויס־קאַלטקייט איז גערונען פון באַלקן, פון די ווענט, פון ציטער־דיקן נעאָן־רערל צוקאַפּנס.

דער מלאך, וואָס איז געקומען אַוועקפליען מיט זיין נשמה, האָט אַוועקגעלייגט זיינע ווייסע פליגל אויפן בעט, און געזאָגט: „שפּיל זיך מיט זיי, מאַך זיך קינדיש; נאָך געציילטע פינף מינוט״. און איז אַוועק מיט אַ ווייס געלעכטער. און צוריקקומען וועט ער, דער מלאַך, מיט פליגל שוואַרצע. דאָס איז דער איינציקער מלאך, וואָס קומט אויף זיכער, און קומט צוריק.

דער ייד, וואָס הייסט נאָכזאָגן די וידוי, האָט אַ גרויסע און ווייסע באָרד. אפשר איז זי נישט ווייס, נאָר איינגעמעלט? ביי זיין טאַטן, דעם מילנער, איז די באָרד געוואָרן ווייס גאָר יונג. האָט ער געזאָגט, אַז זי איז נישט ווייס, נאָר איינגעמעלט.

אפשר איז דאָס גאַנצע לעבן אַ מיל?

אָט שטייט ער נעבן די מילשטיינער. עס שיטן זיך די קערנדלעך צווישן די רייבציין, און זיי ווערן צעריבן. קוקט ער, אַ צוציק נאָך, און וויינט.

— וואָס וויינסטו, קינד מיינס? — פרעגט דער טאַטע.

— אַ רחמנות די תבואה־קערנדלעך. עס מוז זיי ווי טאָן צווישן די רייבשטיינער.

— וועסט זיין אַ באַרעמהאַרציקער, קינד מיינס, אפשר אַ דאָקטער; וועסט העלפֿן די ליידנדיקע, מיט אַזאַ האַרץ.

עס קומט דער דאָקטער אין ווייסן.

— דו ווייסט, קאָלעגע דאָקטער: מיין טאַטע איז געווען אַ מילנער.

— און מיין טאַטע איז געווען אַ תבואה־סוחר.

— און דאָס לעבן איז אַ מיל, נישט אמת?

— דאָס לעבן איז אַ קערנדל צווישן מילשטיינער, קאָלעגע.



מי יתן

אמרו עליו על יונתן בן עוזיאל, בשעה שיושב ועוסק בתורה — כל עוף שפורח עליו, מיד נשרף (סוכה, כח, א. בבא בתרא, קלד, א).

און דו, לייב בן הירש, וואָס וועט מען זאָגן וועגן דיר?

אַז דו האָסט ליב געהאַט ישראל, ווי יונתן בן עוזיאל — די תורה?

אַז האָסט געלערנט ליבע צו ישראל, ווי יונתן בן עוזיאל האָט עוסק געווען בתורה?

אַז האָסט געצונדן די וואָלקן-פייגל איבערן קאָפּ פון דיין לאַנד?

און ביסט אַליין פאַרברענט געוואָרן?!

אָה, יונתן בן עוזיאל, מי יתן!

אינהאַלט

אויף דער גרענעץ

אויף דער גרענעץ 7
ברוך 58
רעאַליטעט און פיקציע . . . 92

די שכינה

די שכינה 105
שאַגאַלישער ייד 108
ביים רבין 110
צוויי ליכט 113
גאָטס רצון 116
דער יידישער שרייבער . . . 118
דער בראַסלאַווער 120
אויף דער וואַך 122
שניי אין צפת 124
קידוש השם 133
תפילות 134

ציון

ציון 137
טריה 139
חיים בן שאול 142
משפחה־כראַניק 143
די האַנט 144
דער שליסל 146
תמים 148
רחמים 150
אויפן חרמון 151
שטערן אויפן גולן 152
צעדה 153
גליק 155
העלף נישט דעם שונא . . . 157
געביטן די ראָלן 158
שניטצייט 159
טבריה 161
מזל און שאול 162
גוטע פרימאָרגן־נייעס . . 163
אַביטל און גאָלדע 164
מאיר און זעלדע 165
יונגע אַלמנה 168

צווישן גאָט און גאָט

צווישן גאָט און גאָט 173
מדבר 174
יאַסמינאַ, האַ? 178
אַברהם און איבראַהים . . . 182
דאָס קוויטל 184
לאַסי 186
אין ליביניאַ קלינגען גלאָקן . 187
אין לבנון 188
צוויי מזלות 189
רוסישע קאַטיושעס 190
אין „טאָג פון דער מאַמען" . 191
צירק 192

אין שאָטן פון שעבטהויז

אין שאָטן פון שעבטהויז . . 195
דער דיקטאַטאָר 196
פערספעקטיוון 197
אין נאַפּטאַליאַ מאַגנאַ . . . 199
„רוסלאַנד" ברענט 200
ביי די ברעגן פון נילוס . . 201
ווו איז אָסיפ לאַזאַראָוויטש? . 203

שײַלאָק 208
הײליקע מלחמה 210
דער קאָפּ 212
קאָניוגאַציע און פּרעגפּאָרם . 214

גבריאלס בײמעלע

גבריאלס בײמעלע 217
פאַר וואָס ? 227
מלחמה 229
דאָס פײגעלע 232
דער גוטער אַנטיוכוס . . . 234
קינדערשפּיל 236
דער בער 242
מוטער און טאָכטער 248

פײגל־נעסטן

פײגל־נעסטן 251
חלום 252
זיקנה 253
די בלום און די בין 255
זי פאַרקויפט בלומען 256
זאָג עס מיט בלומען 258
ליבע 260
ליבע צו ליבע איז נישט גלײך 262
רעליגיע 263
צוואָה 264
אַרכעאָלאָגיע 265
געוווינהײט 266
ד׳ עוז לעמו יתן 267
שוואַנען 268
דועל 269
ירושה 270
שרעק 271
אָרעמע פּוסי 273
אַפּלאָדיסמענטן 275
מאַראַל 276
לוטס פרוי 277
מיסט 278
שטותים 280
דער קאַקטוס 281
שטיללעבן 282
ציפּורה 283
קאַלירן 284
די זון 285
פײגל ווײסן 286
דאָס הויז מיט דעם בלאָען לאָדן 288
פינף פאַר צוועלף 290
מי יתן 292

ביז איצט דערשינענע ביכער פון לייב קורלאַנד

מיר זענען ווי פעלדזן (אַ בויגן לידער)	1942
עס האָט זיך אָנגעהויבן (דערציילונגען)	1943
אַמאָל איז געווען אַ דאָרף (נאָוועלע) פאַרלאַג י. נאַראַדיצקי, לאָנדאָן	1944
פאַרכטיקע טעג (דערציילונגען) „לאַנדסבערגער יידישע צייטונג", לאַנדסבערג	1946
אויפן וועג צו זיך (ראָמאַן) פאַרלאַג „אונדזער קיום", פאַריז	1967
גאולה (דערציילונגען) פאַרלאַג „אונדזער קיום", פאַריז	1969
ביי די ברעגן פון כנרת (דערציילונגען) פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב	1973
צעקלונגענע שעהען (דערציילונגען) פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב	1975
שרונה (ראָמאַן) פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב	1977
על שפת הכנרת (סיפורים) הוצאת ספרים מ. ניומן, תל־אביב	1977
אויף דער גרענעץ (דערציילונגען, מיניאַטורן)	1979

Corrie du Moulin (Nouvelles)
Ed. „Scorpion", Paris 1963